YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv02i39

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 2 Issue 39
September 1920

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 2, Iss. 39)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/129

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, ו). אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לעדיעס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. II. No. 39. New York, Friday, Sept. 24, 1920. פרייטאג, 24טען סעפטעמבער, PRICE 3 CENTS

דער סטרייק פון די לײדיס טײלארס אין באלטימאר געסעטעלט

די ארבייטער געווינען א פאלשטענדיגען זיעג נאך איין וואך סטרייקען

דער סטרייק פון די לײדיס טײלארס אין באלטימאר האט געדויערט בלויז איין וואך צייט און האט זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגען זיעג פאר די ארבייטער. די בעלי בתים האבען זיך גיך ארומגעזעהן, אז די סטרייקער זיינען פעסט ענטשלאסען צו שטעהן אין קאמף פאר זייערע רעכטע, ווי לאנג נאר עס וועט נויטיג זיין, און די בעלי בתים האבען זיך גלייך געלאזען רעדען וועגען א סעטעלמענט.

פיעל צו דעם שנעלען זיעג האט, נאטירליך, געהאלפען דאס, וואס וויס-פרעזידענט ויידמאן האט געפיהרט דעם סטרייק, און ער האט די בעלי בתים געמאכט פיהלען, דאס הינטער די באלטימארער סטרייקענדע לײדיס טײלארס שטעהט די גאנצע מעכטיגע אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן. זיי האבען איינגעזעהן, דאס סעטלען מיט דער יוניאן וועלען זיי מוזען און זיי האבען דאס בעסער באלד געטאן.

אט זיינען די הויפט פונקטען, וואס די סטרייקער האבען געוואונען, ווי וויס-פרעזידענט ויידמאן שרייבט אונז פון באלטימאר:

1. די 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך בלייבט ווי געווען.

2. דער מינימום סקייל ווערט געהעכערט פון 44 דאלאר א וואך אויף 50 דאלאר א וואך. דער רייז פון 6 דאלאר א וואך באציהט זיך אויף אלע ארבייטער אין טרייד. דאס הייסט, אלע ארבייטער וואס האבען געקראגען מעהר פון דעם מינימום סקייל, באקומען אויף דעם זעלבען רייז פון 6 דאלאר א וואך.

3. אלע ארבייטער אין טרייד זאלען דורכ'ן יאהר קריגען באצאהלט פאר פיער ליגעל האלידעיס.

דא בעט זיך א שטיקעל ערקלערונג. לויט דעם פריהערדיגען אגרימענט האבען די ארבייטער געדארפט האבען 5 ליגעל האלידייס. זיי האבען דאס אבער קיין מאל ניט באקומען. די באסעס פלעגען מאכען טריקס. ווען א יום טוב איז אויסגעקומען ווען עס איז קיין סך ארבייט ניט געווען, האבען זיי געשלאסען דעם שאפ פאר דער גאנצער וואך, און צוליעב דעם איין טאג יום טוב האבען די ארבייטער פארלארען די גאנצע וואך שכירות. דער איצטיגער אגרימענט זאגט דעריבער בפירוש, אז פאר 4 יום טוב טעג אין יאהר דארף יעדער ארבייטער באקומען באצאהלט, צו זיי פאלען אויס אין דער סלעק-צייט, צו אין ביזי סיזאן.

4. ווען א באס נעהמט אן אן ארבייטער צו דער ארבייט, מוז דער ארבייטער האבען א קארד פון דער יוניאן. אויב עס זיינען ניטא צו באקומען קיינע יוניאן-לייט און דער באס נעהמט אן אזוי אן ארבייטער, מוז דער ארבייטער אין פערלויף פון צוויי וואכען צייט ווערען א יוניאן מאן.

5. פאר אווערטיים ארבייט זאל געצאהלט ווערען „טיים ענד א העף".

לעצטען שבת איז געווען דער לעצטער קאנפערענץ מיט דער באסעס אסאסיעישאן, אויף וועלכער עס איז געמאכט געווארען דער סעטעלמענט. דער קאנפערענץ האט זיך געענדיגט 12 אזייגער מיטאג-צייט און 2 אזייגער דעם זעלבען טאג איז אפגעהאלטען געווארען א מיטינג מיט די ארבייטער. די קאנפערענץ קאמיטע האט אפגעגעבען א רעפארט פון די פארהאנדלונגען און די ארבייטער האבען מיט באגייסטערונג גוטגעהייסען דעם סעטעלמענט. אויף דעם מיטינג איז אויך אויסגעדריקט געווארען פיעל צופרידענהייט מיט דער הילף וואס די סטרייקערס האבען באקומען פון אונזער אינטערנעשאנאל.

מאנטאג אין דער פריה, דעם 20טען סעפטעמבער, האבען אלע ארבייטער זיך צוריקגעקערט זיעגרייך צו דער ארבייט, צו ארבייטען אונטער די באדינגונגען פון דעם נייעם אגרימענט.

די קאמיטע פון דער יוניאן ביי די קאנפערענצען זיינען באשטאנען פון די פאלגענדע ברידער: טאססמאן, גראספעלד, קאהען, ליבערמאן און וויס-פרעזידענט סאול ויידמאן, וועלכער האט פארטראטען אונזער אינטערנעשאנאל.

די אסאסיאיישאן איז געווען פארטראטען דורך איהר פרעזידענט מר. מיקלער, מר. וואלף, מר. קאהען, מר. אלסטראם און פישעלס און דארכי. די אסאסיאיישאן האט אויך געהאט א לויער, מר. בראמבערג.

מיר ווינשען גליק די לײדיס טײלארס אין באלטימאר. מיר האפען, אז זיי וועלען איצט זעהן דאס זייער יוניאן זאל וואס ווייטער ווערען אלץ שטארקער און מעכטיגער.

דער פארצוינגענער סטרייק פון די דיווידזשאן סט. סײלסלײט געענדיגט

די פיהרער פון דעם סטרייק, בלאק און גיומאן, ווערען באפרייט פון דער מארד קלאגע.

די צוויי באאמטע פון דער דיווידזשאן סטריט קלוירקס יוניאן, די ברידער ה. בלאק און מאריס גיומאן, וועלכע זיינען געווען ארעסטירט אויף א קלאגע פון מארד זיינען לעצטע וואך אין גאנצען באפרייט געווארען. פון דער גאנצער מארד געשיכטע האט זיך אויסגעלאזען א בוידעם. די קלאגע איז אין גאנצען ארויסגעווארפען געווארען פון קאורט.

נאך דער פאסירונג איז מען געקומען צו א געוויסער פארשטענדיגונג און דער סטרייק איז פארענדיגט געווארען. לויט דעם אפמאך געהען אלע סטרייקערס צוריק צו דער ארבייט. דער סטרייק האט אנגעהאלטען איבער 7 וואכען און האט אפגעקאסט א שעהנע פאר גראשען, אי אונזער אינטערנעשאנאל, אי די סטארקיפערס פון דיווידזשאן סטריט.

וואס אנבאלאנגט אונזער אינטערנעשאנאל, האט זי פון אט דער קלוירקס יוניאן דערוויילע געהאט מעהר צרות ווי נחת.

עס איז די פליכט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן צו העלפען ארגאניזירען אלע לוין-ארבייטער אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע, ביי וועלכע ברענטש זיי זאלען נאר זיין באשעפטיגט, און ווען די קלוירקס פון די דיווידזשאן סטריט קלאוק סטארס זיינען געקומען פאר א יאהרען און ערקלערט, אז זיי ווילען זיך ארגאניזירען אין א לאקאל פון דער אינטערנעשאנאל, האבען זיי בא-

(שלוס אויף זייט 14).

די טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

רעדזשיסטריישאנס פאר אלע אונזערע יוניטי סענטערס געהען אן דעם מאנטאג אווענט אין די יוניטי סענטערס.

דער דזשאינט קאנפערענץ פון אלע עדיוקיישאנאל קאמיטעס וועט אפגעהאלטען ווערען, שבת ביי טאג, דעם 2טען אקטאבער. זאלען די דעלעגאציעס זיין פארבערייטעט. דער פלאץ, וואו דער קאנפערענץ וועט געהאלטען ווערען, וועט באקאנט געמאכט ווערען נעקסטע וואך.

פאר די דעלעגאציעס פון די לאקאלס וועט געוויס זיין אינטערעסאנט צו וויסען, דאס פראפעסאר דאנא, וועלכער האט זיך נאר וואס צוריקגעקעהרט פון ענגלאנד, פון א קאנפערענץ פון די דארטיגע עדיוקיישאנאל קערפערשאפטען, וועט זיין אנוועזענד ביי אונזער דזשאינט קאנפערענץ און וועט האבען פיעל נייעס מיטצוטיילען. זאל דער קאנפערענץ זיין גוט באזוכט.

* * *

וואס ווילען אונזערע מיטגליעדער וויסען און לערנען?

דאס איז א פראגע, וואס שטעהט איימער פאר די אויגען אלע די, וואס גיבען זיך אפ מיט ארבייטער-בילדונג. עס איז אפשר ניט אזוי שווער צו ארגאניזירען קורסען, אויסצוארבייטען פלענער פאר ארבייטער-בילדונג. עס איז אבער זעהר שווער צו טרעפען וואס דער עולם וויל, וועלכע קורסען פארצובערייטען, וואס זאלען פאראינטערעסירען די מאסען, וואס זאל זיי ברייגנען אין די קלאסען אריין, וואס זאל זיי מאכען וויליג צו לעהרנען אליין, און אין דער זעלבער צייט אויך באאיינפלוסען זייערע פריינד און באקאנטע צו טאן דאס זעלבע. אין איין ווארט, זיי זאלען ווערען ניט נור תלמידים, זיי זאלען אויך ווערען פריינד און פראפאגאנדיסטען, פארשפרייטער פון דער אידעע: ארבייטער-בילדונג פאר די מאסען!

די עדיוקיישאנאל קאמיטע פון אונזער אינטערנעשאנאל, ווי אלע אנדערע קערפערשאפטען וואס גיבען זיך אפ מיט אר-

(שלוס אויף זייט 16.)

מאריס זיגמאן אין דזשענעראל אפיס

ברודער מאריס זיגמאן, 1טער וויס-פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל, דער געוועזענער דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן, געפינט זיך איצט אין אונזער דזשענעראל אפיס. ברודער זיגמאן איז אנגעשטעלט געווארען לעצטע וואך אויף א מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען פון די מיטגלידער פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס געפינען זיך אין און ארום ניו יארק.

אז ברודער מאריס זיגמאן זאל זיין אין דזשענעראל אפיס איז אויך געווען דער וואונש פון פרעזידענט שלעזינגער, איידער ער איז אפגעפאהרען אין יוראפ. אין דער אבוועזענהייט פון פרעזידענט שלעזינגער וועט וויס פרעזידענט זיגמאן ארבייטען אין דזשענעראל אפיס, צוזאמען מיט סעקרעטער-טרעזשורער אב. באראף.

צו די מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאנאל איז ברודער זיגמאן גוט באקאנט, פון זיין פיעל יאהריגער טעטיגקייט אין דער מעכטיגער קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק, און ער נויטיגט זיך ניט מיר זאלען איהם פארשטעלען, מיר זאלען דערצעהלען ווער ער איז. זיין רייכער רעקארד פון גוטער ארבייט פאר דער יוניאן רעדט פאר זיך אליין. ער וועט זיך געוויס נוציליך מאכען אין דזשענעראל אפיס, ווי ער איז פריהער ניציליך געווען אין אפיס פון דזשאינט באארד. נאך מעהר, ער האט איצט פאר זיין טעטיגקייט נאך א ברייטערן פעלד, און ער וועט קאנען זיינע פעהיגקייט נאך מעהר אויסברייטען, פאר דעם נוצען פון די מיטגלידער פון אונזער גאנצער אינטערנעשאנאל יוניאן.

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 39.

זייט 2. די וואך. — נ. שאווירא.
זייט 3. דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פון די שניידער פארבאנדען. — ב. שלעזינגער און דזש. שלאסבערג.
זייט 4. לייבאר דעי אין „יוניטי לאנד" (אייגדריקע) — י. פארבער. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 5. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע. — א סטאף רעפארטער.
זייט 6. דער קאנפערענץ פון אידישע יוניאנס. ארגאניזאציאנס-ארבייט אין לאס אנדזשעלעס. — מאקס גארענשטיין. אין דער ריפארמאבער יוניאן לאקאל 17. — דזש. העללער.
זייט 7. „די פראפעטישע בילדער (ערצעהלונג). — נעטעניעל האטארן.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. די צוויי פראגען אין דעם קאמף פון ענגלישען פראלעטאריאט. — א. זעלדין.
זייט 10. אין טעאטער — דער קריטיקער. אין [illegible] (געדיכט) — נחום י.
זייט 11. דער סטרייק פון די מעטאל ארבייטער אין איטאליען און פון די קוילען מיינערס אין אמעריקא. — ב. מירמאן. כל נדרי אין פעלד. — ש. ערדבערג.
זייט 12. מיטגליעדערשאפט אין דעם ווידערן אינטערנעשאנאל. — נ. בוכוואלד. אומעט... — ה. לאנג.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. אין לאגער פון דער קאמוניסטישער יוניאן. פארשיעדענעס.
זייט 16. סאציאליסטישע פארטיי רופט די ארבייטער צו ווייטערער טעטיגקייט. דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט — שלוס פון זייט 1.

בויאנעס און פאליטישענס האבען די איבער-האנד אויף דער קאנפערענץ פון דער א. פ. אוו ל.

קאנפערענץ פון דער א. פ. אוו ל. פאנגט זיך אן שעהן, און ענדיגט זיך מיט א סקאנדאל.

דער קאנפערענץ, וואס דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר האט איינגערופען אויף לעצטען פרייטאג אווענט אין סענטראל אפערא הויז, צו גרינדען איין צענטראלע קערפערשאפט, אין וועלכער עס זאלען זיין פארטראטען אלע א. פ. אוו ל. יוניאנס פון גרויס ניו יארק, האט זיך אנגעפאנגען זעהר שעהן. געענדיגט אבער האט זיך עס זעהר, זעהר מיאוס! עס האט זיך געענדיגט מיט א סקאנדאל, מיט געשלעגען — א פאסירונג, וואס ווארפט ארויף א שאנדפלעק אויף דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג פון ניו יארק.

די ערעפענונג פון דער קאנפערענץ האט געמאכט אויף אלעמען דעם בעסטען איינדרוק: דער גרויסער זאל איז פול געווען מיט דעלעגאטען, ארום ניין הונדערט אין צאהל, וועלכע האבען פארטראטען עטליכע הונדערט לאקאל יוניאנס פון גרויס-ניו יארק, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר. צווישען די דעלעגאטען זיינען געווען פארטרעטער פון כמעט אלע אונזערע לאקאלס. אויפ'ן פלאטפארם איז געזעסען פרעזידענט גאמפערס, סעקרעטער פרייאנק מאריסאן, יוה פרייני, ארגאנייזער פון דער א. פ. אוו ל. אין ניו יארק, וויים פרעזידענט מעטיו וואהל און נאך אנדערע הויכע בעאמטע פון דער פעדערײשאן, און אין זאל האט זיך געפיהלט גאנץ יום טוב'דיג. עס האט זיך געפיהלט אז מען געפינט זיך אויף א היסטארישען אווענד, וואו עס דארף געבוירען ווערען א נייע, קרעפטיגע און זעהר וויכטיגע ארבייטער קערפערשאפט, וועלכער עס וועט אויסקומען צו שפיעלען א גרויסע ראלע אין אלע ארבייטער קאמפען וואס וועלען פארקומען אין דער נאהנטער צוקונפט.

גאמפערס'עס רעדע ביים עפענען די פארזאמלונג האט די גוטע שטימונג נאך שטארקער געמאכט. זיין רעדע האט זיך אויסגעצייכענט מיט אויסערגעוועהנליכער קראפט און ערנסטקייט, און מיט א היבש ביסעל ראדיקאלע אויסדרוקען און שארפע פארדאמונגען געגען דעם הייטיגען פארזוך פון גרויס-קאפיטאל צו צושמעטערען די מאכט פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט און פארניכטען די פרוכט פון צעהנדליגע יאהרען שווערען, בלוטיגען ארבייטער-קאמף.

ער האט אין זיין רעדע אנגעוויזען אויף דער געמיינער און שענדליכער האנדלונג פון די קאפיטאלען פון דער אמעריקאנער וואל-אינדוסטריע, וועלכע האבען געשלאסען זייערע פאבריקען און ארויסגעשטויסען פון באשעפטיגונג צעהנדליגער טויזענדער ארבייטער, אונטער'ן אויסרייד, אז די נאכפראגע אין לאנד אויף אויסגעארבייטען טוך איז אזוי קליין, אז עס לוינט ניט די פאבריקען צו פראדוצירען טוך.

גאמפערס האט אנגעוויזען, אז דער דאזיגער אויסרייד פון די וואל-פאבריקאנטען איז א געמיינער ליגען; אז דאס שליסען פון די וואל-פאבריקען האט געפיהרט צו דער שליסונג פון הונדערטער קליידער-שעפער, וועלכע האבען זיך געמוזט פארמאכען צוליעב דעם, וואס ס'איז אויפ'ן מארק ניט געווען צו קריגען קיין אויסגעארבייטען טוך.

„די שליסונג פון די וואל פאבריקען — האט גאמפערס אויסגעשריען — איז געווען א בייזוויליגער פארזוך מצד די פאבריקאנטען, און אויפ'ן פארלאנג פונ'ם „יונייטעד סטייטס טשעימבער אוו קאמערס", צו דערלאנגען א קלאפ דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט דורך אן ארויפגעצוואונגענער ארבייטסלאזיגקייט, ניט נאר אויף זייערע אייגענע ארבייטער, נאר אויך אויף די גרויסע ארמייען ארבייטער פון דער קליידער-אינדוסטריע, אין וועלכער זיי האבען ארויסגערופען דעם איצטיגען אומגוויטיגען „סלעק". אין איין וועגס וועלען שוין די פאבריקאנטען, א דאנק דעם מאנגעל וואס זיי אליין האבען באשאפען, אויך קענען נאך העכער ארויפרייסען דעם פרייז אויף טוך, און אנשארען נאך מעהר מיליאנען אויף א לינקען, אומעהרליכען אופן."

די רעדע פון פרעזידענט גאמפערס איז אויפגענומען געווארען מיט א שטורמדיגער אוואציע און מיט א „רייזינג וואוט" פון צוטרויען און אנערקענונג.

נאך גאמפערס'עס רעדע האט די קרעדענשעל קאמיטע גענומען נאכזעהען די קרעדענשעלס און פון אנפאנג האט זיך געדאכט, אז אלעס וועט זיין אלרייט, טראץ דעם, וואס מען האט ערווארטעט א שטארקען קאמף צווישען די קאנסערוואטיווע און ראדיקאלע עלעמענטען פון דער ארבייטער באוועגונג אין גרייטער ניו יארק. פון אנפאנג האט אויסגעזעהן, אז דער קאמף וועט געפיהרט ווערען דורך דיסקוסיאן און דורך אפשטימען וואס אין ווער זאל זיין. אבער עס האט זיך אויסגעלאזען גאנץ אנדערש. עס האט ניט לאנג גענומען און די שעהנע פארזאמלונג האט גענומען ווערען טומלדיג, אבער אזוי טומלדיג, דאס דער טשערמאן, פרעזידענט גאמפערס, האט געמוזט אוועקשטעלען איינינע לייטע אויפ'ן פלאר, צו העלפען איהם האלטען ארדנונג.

דער ערשטער טומעל האט אויסגעבראכען איידער נאך די נייע קערפערשאפט איז געווען פארמעל איינגעשטעלט.

ווען די קרעדענשעל קאמיטע איז געווען ביי דער ארבייט אין איבערקוקען די דעלעגאטען-ליסטע און די נייע קערפערשאפט האט זיך צוליעב דעם נאך ניט געקענט איינשטעלען, האט דער טשערמאן דערווייל אויפגענומען אלגעמיינע פראגען. איין דעלעגאט האט פארגעשלאגען א רעזאלוציע צו שטיצען דעם קאר סטרייק אין ברוקלין, וואס איז אנגענומען געווארען איינשטימיג; א צווייטער דעלעגאט האט פארגעשלאגען, אז מען זאל פאדערען גערעכטיגקייט פאר דעם לארד-מעיאר מעקסוויני, וועלכער פיהרט א הונגער-סטרייק אין א פריזאן אין ענגלאנד; אנדערע האבען דערווייל געמאכט פארשלעגע ווי אזוי די נייע קערפערשאפט זאל אנגערופען ווערען. אין דער צייט האט א דעלעגאט פארגעשלאגען, אז מען זאל זיך ווענדען צו ראבערט סמילי, דעם באקאנטען פיהרער פון די מיינערס אין ענגלאנד און פארלאנגען פון איהם, אז די ענגלישע ארבייטער באוועגונג זאל נעהמען א שטעלונג צו דעם מעקסוויני פאל, אזוי ווי זי האט גענומען אין דער פראגע פון רוסלאנד. קלאר האט מען דעם דעלעגאט ניט געקענט הערען. אבער אזוי שנעל ווי ער האט ארויסגערעדט דעם ווארט „רוסלאנד", האבען די קאנסערוואטיווע עלעמענטען אנגעפאנגען צו שרייען: „סיט דאון!" „ארונטער!" און די ראדיקאלע דעלעגאטען האבען גענומען אפלאדירען און דאס האט ארויסגערופען א שטיקעל טומעל. אן עהנליכער גערודער איז אויך פארגעקומען, ווען די פיינטערס דעלעגאטען האבען פארלאנגט מאראלע שטיצע פאר זייער סטרייק, צו וואס ברינדעל, וועלכער קומט פון בילדינגס טרייד קאונסיל, האט ניט דערלאזען. דאס האט ארויסגערופען א שטיקעל ווערטער-שלאכט צווישען די פיינטערס דעלעגאטען און דעם פאליטישען ברינדעל, און שפעטער, ווען אין זאל איז געווארען א גרעסערער טומעל, וואס איז פאראורזאכט געווארען פון דעם רעאקציאנער און פאליטישען, דזשים האלאנד, פון דער ניו יארק סטייט פעדערעישאן, האבען איינינע „שטארקע", הפנים פון ברינדעל'ס „קאזאקען", גוט צוקלאפט איינעם פון די פיינטערס דעלעגאטען.

אונטערדעסען איז אפגעשטימט געווארען ווי אזוי די נייע קערפערשאפט זאל זיך רופען. עס זיינען פארגעשלאגען געווארען איינינע נעמען און אנגענומען איז געווארען דער נאמען וואס איז פארגעשלאגען געווארען פון אונזערן א דעלעגאט, פון דער לאדיס טיילארס און סעמפעל מאכער יוניאן, לאקאל 3. דער נאמען איז אפילו אביסעל א צו לאנגער אבער דער מיטינג האט איהם געפונען פאר'ן פאסענדסטען, נעמליך: „סענטראל טריידס ענד לייבאר קאונסיל אוו גרייטער ניו יארק ענד וויסיניטי."

דער שענדליכער סקאנדאל האט זיך אנגעהויבען אויף דער קאנפערענץ גלייך ווי מען איז צוגעטראטען צו דער ווירקליכער ארבייט. עס האט געדארפט געשאפען ווערען א 15נער קאמיטע צו אויסארבייטען די קאנסטיטוציע פאר דער נייער קערפערשאפט. עס איז געמאכט געווארען א פארשלאג, די קאמיטע זאל ערוועהלט ווערען פון די דעלעגאטען. גאמפערס האט אבער געענטפערט מיט אן ערקלערונג, אז צו ערוועהלען 15 דעלעגאטען וואלט נעהמען צופיעל צייט, און דאס עס וואלט גלייכער געווען מען זאל איהם לאזען די קאמיטע „אפוינטען", טאקע פון די דעלעגאטען וואס זיינען אנוועזענד אין האל. עס האבען זיך גלייך געפונען חסידים וואס האבען דאס אונטערשטיצט, און אפגעשטימט און עס איז געבליבען צו „אפוינטען."

אבער אז אך און וועה ווי די „אפוינטמענטס" זיינען געמאכט געווארען! מען האט ערווארטעט גאמפערס זאל זיך אויפשטעלען, באטראכטען ווער עס איז דא אין האל און אפוינטען די פאסענדע מענשען פאר אזא וויכטיגער קאמיטע.

אבער עס הויבט זיך גאר ניט אן! אט ווי נאר עס איז אפגעשטימט געווארען די קאנסטיטושאן קאמיטע זאל אפוינטעט ווערען, האט זיך אין דערזעלבער מינוט אויפגעשטעלט גאמפערס'עס סעקרעטער און גענומען פארלעזען א ליסט מיט נעמען פון די דעלעגאטען, וועלכע, הייסט עס, פרעזידענט גאמפערס האט שוין, אין דער מינוט, „אפוינטעט."

א מורמעל איז גלייך דורכגעלאפען צווישען די דעלעגאטען אין גרויסען זאל. אפילו די רעפארטערס ביי אונזער טישעל האבען געשמייכעלט. עס האט זיך געפיהלט אז די ליסט מיט נעמען איז שוין פון פריהער געווען אנגעגרייט און דאס האט ארויסגערופען א שלעכטען געפיהל. אבער דער עולם האט עס ארונטערגעשלונגען און זיך צוגעהערט וועלכע נעמען דער סעקרעטער לייענט ארויס. עס איז געווען גאנץ שטיל, ווייל אלע האבען געוואלט הערען ווער עס איז אפוינטעט געווארען אין דער קאמיטע. ער לעזט נאמען נאך נאמען און האל איז אלץ שטיל.

אבער אט רופט אויס דער סעקרעטער: דזשיימס פ. האלאנד, און... עס האט געווירקט ווי מען ווארפט אריין א פונק פייער אין א פאס פולווער. האלאנד איז פארהאסט ביי פיעלע דורך זיינע מסירות אויף דער ראדיקאלער ארבייטער באוועגונג; פאר זיין שלעכטען אויפפיהרען זיך ביי די מיטינגען פון דער געוועזענער ס. פ. יו. און פאר נאך אנדערע חטאים און דער האל איז פארקלונגען געווארען פון אזא מין „בוהא", וואס האט זיך אודאי געהערט פאר מיילען ווייט! עס האט אויסגעבראכען א שטורם פון פראטעסט, וואס האלאנד איז אין דער קאמיטע און עס האבען זיך דערהערט געשרייען, „סטרייק הים אוט"! דאס הייסט מען זאל איהם ארונטערנעהמען פון ליסט. אבער גאמפערס האט אפילו אין זינען ניט געהאט דאס צו טאן און האט געקלאפט מיט'ן האמער ביז ס'איז שטיל געווארען און דער סעקרעטער האט ווייטער פארגעלעזען די נעמען.

עס האט ניט לאנג גענומען, און דער סעקרעטער האט ארויסגערופען דעם נאמען פון א צווייטען תכשיט, פיטער ברייידי, נאך א פארהאסטע פערזענליכקייט און דער שטורם פון פראטעסט האט אויסגעבראכען אויף דאס ניי. דער פראטעסט ביים דערמאנען די צוויי נעמען איז געווען אזוי שטורמדיג אז ס'האט אויסגעזעהן ווי די גרעסטע צאהל דעלעגאטען וואלטען אין דעם אנטייל גענומען. דאס הפנים, האבען אויך געפיהלט די צוויי פארשויגען, האלאנד און ברייידי, און מען האט פארפיהרט א סקאנדאל כדי צו בייטען די שטימונג. זיי האבען איינפאך פאראורזאכט א געשלעג, א מהומה, מיט דער כונה, ענטוועדער צו טעראריזירען דעם ראדיקאלערען עלעמענט, אדער אפצוברעכען די פארזאמלונג.

גאמפערס האט געפרופט ווייטער אנגעהן מיט דער פארזאמלונג און געפרעגט ביי די צוויי תכשיטים, האלאנד און ברייידי, צי זיי נעמען אן אין דער קאמיטע. אבער אנשטאט צו ענטפערן יא צי ניין, פון די פלעצער וואו זיי זיינען געזעסען, האבען זיך ביידע א לאז געטאן צו דער פלאטפארם. זיי זיינען אבער ניט געגאנגען אליין, זיי האבען שוין פון פריהער געהאט אנגעגרייט א חברה תויכע, שטארקע בויאנעס וואס האבען זיך א לאז געטאן נאך די צוויי „העלדען." פון ראדיקאלען עולם האט זיך קיינער פון ארט ניט גערירט און קיינער פון דער קאמאנדע איז אויף קיין האר ניט פארטשעפעט געווארען.

האלאנד איז ווי א ווילדער טיגער ארויף אויף דער פלאטפארם, האט מיט גרויס רציחה אויסגעזידעלט די „באלשעוויקעס" און געהענדיג צוריק האט ער זיך גראדע אפגעשטעלט ביי דער ריי וואו עס זיינען געזעסען די דעלעגאטען פון די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשיאנעל. ווי א פשוט'ער בויאן האט ער מיט'ן קולאק א זעץ געטאן אין פנים ברודער דזש. העלער, סעקרעטער פון לאקאל 17, וועלכער איז אויך א וויים-פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשיאנעל. קענטיג אז דער בויאן האלט פאראנטווארטליך אונזער אינטערנעשיאנעל פאר'ן אריינברענגען דעם ראדיקאליזם אין די רייהען פון דער פעדערײשאן און דערפאר האט ער אויסגעקליבען אנצופאלען דא אויף איינעם פון אונזערע דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ.

אין האל איז געווארען א גרויסער טומעל, מען איז אויפגעשפרונגען פון די פלעצער און די „באדי גארדס" פון האלאנד, ברייידי און אויך פון ברינדעל, פון דעם בילדינגס טריידס קאונסיל, האבען זיך געווארפען שלאגען צו אלעמען וואס האט זיי געשיינט צו זיין א ראדיקאל. די ראדיקאלען האבען זיך באהערשט ווי ווייט זיי האבען נאר געקאנט, ניט צו געבען א געלעגענהייט די בויאנעס צו מאכען דארט א בלוט-באד אבער דער מיטינג האט שוין ווייטער ניט געקאנט אנגעהן.

אין דעם טישעל האבען ווי עס פאלגט א דעלעגאט פון די פיינטערס און נאך נאך איינעם, און אזוי האט זיך די קאנפערענץ געענדיגט, אדער בעסער געזאגט, איז אונטערבראכען געווארען, מיט שאנדע!

אבער איידער דער מיטינג איז געשלאסען געווארען האט ברודער העלער באקומען א ווארט, זיך אביסעלע אפצורעדען זיין ביטער הארץ. ער איז אבער געווען זעהר אויפגערעגט פון דעם אנגריף וואס האלאנד האט געמאכט אויף איהם און ער האט פיעל ניט געקאנט רעדען. ער האט זיך אבער שטארק באהערשט צו רעדען אזוי, אז זיינע רייד זאל ניט ארויסרופען נאך א געשלעג. ער האט געזאגט:

„איך בין באליידיגט; טיעף אין הארצען פיהל איך זיך געקרענקט; א סך דעלעגאטען קענען מיך דא. איך בין געווען א דעלעגאט צו קאנווענשאנס פון דער א. פ. אוו ל. א סך פון אייך האב איך געדריקט די האנד, ווען איך בין אריין אין האל; פאר וואס האט מען מיך געשלאגען? מיר זיינען אין פיעלע פראגען און פרינציפען פון דער ארבייטער באוועגונג ניט איינפארשטאנען. אבער דאס מיינט דאך ניט, אז מיר וועלען עס קענען אויסקעמפען דורך קולאקעס; שאנדע אויף אייך, הערען! און אייך, ברודער גאמפערס, ווייל איך זאגען, אז איך באדויער אייערע אלטע יאהרען; צו וואס איהר האט זיך דערלעבט! איז דאס דער קראוד, וועלכער האט זיך אויסגעהאדעוועט אונטער אייער פיהרערשאפט? אט די חברה לאזט איהר אונז איבער? מיינע הערען, מיר האבען דא היינט אבענד א סך געלערענט און דערפאר בין איך דאנקבאר דעם „ברודער" האלאנד, וואס האט מיר דערלאנגט א קלאפ."

די שארפקייט פון העלער'ס רעדע, דער סארקאזם פון זיינע רייד האט אריינגעטראגען א שניידענדע שטילקייט אין האל. גאמפערס איז געווארען בלאס און ווארפענדיג א פאראכטענדען בליק אויף דעם ווינקעל, פון וואנען די געשלעגען זיינען געקומען, האט ער געזאגט: „איך באדויער דעם אינצידענט. יעדער מענש מיט זעלבסטווירדע מוז עס באדויערען."

און ער איז געבליבען בלויז ביים באדויערען! גאמפערס האט קיין פארזוך ניט געמאכט צו נעהמען שריטע פאר דער בויאנסטווא פון האלאנד'ען און איהם ארויסווארפען פון דער קאמיטע אדער איהם אפילו א זידעל טאן פאר'ן באנוצען זיך מיט רויהע געוואלד צו ברעכען דעם מיטינג. ער האט בלויז באדויערט.

אומצופריעדען, ערביטערט און מיט פראטעסט זיינען אוועק ניט דוקא די דעלעגאטען פון די אידישע יוניאנס, און ניט דוקא די דעלעגאטען, וועלכע קומען פון ראדיקאלע יוניאנס, וועלכע זיינען פון די פאליטישענס באליידיגט געווארען, אויך די אנשטענדיגערע דעלעגאטען אין אלגעמיין.

אפיציעל הייסט עס, אז די נייע קערפערשאפט איז ארגאניזירט געווארען. אבער אין דער אמת'ן קען זי ניט הייסען פאלשטענדיג ארגאניזירט, ווייל די גרעסטע מאיאריטעט דעלעגאטען זיינען אוועק ערביטערט און מיט דעם געדאנק, אז אויב די קערפערשאפט זאל ארונטערפאלען אונטער דער הערשאפט פון די באקאנטע פאליטישענס, דזשים האלאנד, פיטער ברייידי און ברינדעל איז נאך א פראגע צי עס איז גאר כדאי אין דער נייער קערפערשאפט צו זיין פארטראטען.

די קאנפערענץ האט זיך געענדיגט מיט דעם, דאס א צווייטע פארזאמלונג זאל גערופען ווערען פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדערײשאן, ווען די קאנסטיטושאן קאמיטע וועט פארטיג ווערען מיט איהר ארבייט.

די סקאנדאליעזע פאסירונג האט אבער ארויסגערופען גרויס ענטריסטונג אין דער ארבייטער וועלט און עס הערט זיך פון איבעראל פראטעסטען. א חוץ די פראטעסטען פון די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשיאנאל פראטעסטירען אויך די פיינטער לאקאלס, די מאטראזען יוניאן און נאך אנדערע און עס האלט אין ענטשטעהן א באוועגונג צו פארלאנגען פון עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, אז האלאנד, ברייידי און ברינדעל זאלען באקומען זייער פסק.

א סטעף רעפארטער.

פינישערס, אויפמערקזאם!

די עדיוקיישאנאל קאמיטע פון לאקאל 9 רופט א קאנפערענץ דיזען שבת, דעם 18טען, אום איינס אוהר, אין לייבאר טעמפעל, 14טע סטריט און 2טע עוו.

די פלענער פאר דער ווייטערדיגער טעטיגקייט פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע וועט באשפראכען ווערען.

פארפעהלט ניט צו ערוועהלען צוויי דעלעגאטען פון יעדען שאפ צו דיזער קאנפערענץ.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9.

דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פון די שניידער פארבאנדען איבער דער וועלט

אפיציעלער באריכט פון בענדזשאמין שלעזינגער און דזשאזעף שלאסבערג

(פארטזעצונג).

די קאנסטיטוציע פון דער אינטערנאציאנאלער קליידער-ארבייטער פעדעראציע.

1. דער נאמען: — די אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציאן פון קליידער-ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט זאל זיך רופען: „אינטערנאציאנאלע קליידער ארבייטער פעדעראציע" (א. ק. א. פ.).

2. די הויפט-קווארטיר: — די הויפט-קווארטיר פון דער א. ק. א. פ. זאל זיך געפינען אין אמסטערדאם, האלאנד.

3. דער צוועק: — דער צוועק פון דער א. ק. א. פ. איז צו פארשפרייטען און אויפצוהאלטען די אינדוסטריעלע ארגאניזאציאן פון די קליידער ארבייטער פון אלע לענדער אין א שטארקער, אומצוברעכבארער פעדעראציע כדי:

א. צו פארבעסערן די עקאנאמישע און סאציאלע אומשטענדען פון אלע קליידער-ארבייטער;

ב. צו שטיצען די נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע קאמפען געגען עקספלואטאציע פון די ארבייטער און אויפצוהאלטען די אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט פון ארבייטער קלאס.

4. פאר די צוועקען וואס זיינען דא דערמאנט געווארען, זאל די א. ק. א. פ. ארבייטען דורך:

א. דער עטאבלירונג און אויפהאלטונג פון פריינדליכע באציהונגען צווישען די טרייד-יוניאנס פון די קליידער-ארבייטער אין אלע לענדער;

ב. דורך שטיצען און צו ערמוטיגען די פאראייניגונג פון קליידער ארבייטער אין יענע לענדער, וואו זיי זיינען ניט ארגאניזירט, אדער וואו זייער ארגאניזאציע איז נאך שוואך;

ג. דורך דרוקען א זשורנאל אין די פארשיידענע שפראכען;

ד. דורך האלטען אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען און קאנפערענצען;

ה. דורך זאמלען, צוזאמענשטעלען און פארשפרייטען וויסען און פאקטען אין באצוג שכירות און ארבייטס-באדינגונגען פון די קליידער ארבייטער אין די פארשיידענע לענדער;

ו. דורך זאמלען, צוזאמענשטעלען און פארברייטען וויסען און פאקטען אין באצוג צו געזעצען און רעגולאציאנען אין שייכות צו דער באשיצונג פון די ארבייטער וואס זיינען אין דער קליידער-אינדוסטריע פון די פארשיידענע לענדער;

ז. דורך באשיצען די רעכטען און אינטערעסען פון די מיטגלידער פון אנגעשלאסענע ארגאניזאציאנען, ווען זיי געפינען זיך אין פרעמדע לענדער, און דורכ'ן באשטעטען און אויפהאלטען רעגולאציאנען אין באצוג די טראנספערירונג פון מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע פון איין לאנד אין א צווייטען;

ח. דורך העלפען מאראליש און פינאנציעל די ארגאניזאציאנען וואס זיינען אין אן אינדוסטריעלען קאמף, ווי א שטייגער דורכ'ן זעהן, עס זאלען גענומען ווערען די ריכטיגע שריט צו העלפען די קליידער-ארבייטער פון אירגענד וועלכען לאנד, אויב זייער ארגאניזאציע זאל זיך האבען אויסגעבייטעלט דורך א לאנגען קאמף מיט די בעלי-בתים; צו נעמען שריט אין צייט פון א סטרייק די ארבייט זאל ניט געמאכט ווערען אין א צווייטען לאנד;

ט. דורך אריינגעהן, און באשטענדיג אויפהאלטען גוטע פארהעלטניסע מיט דער „אינטערנאציאנאלער פעדעריישאן אוו טרייד יוניאנס" און די אינטערנאציאנאלע סעקרעטאריאטס פון אנדערע טריידס און אינדוסטריען.

5. אנשליסונג, רעזיגנאציאנען און אויסשליסונגען: — אלע יוניאנס פון קליידער ארבייטער זיינען בארעכטיגט זיך אנצושליסען אין דער פעדעראציע, זיי דארפען אבער אפריהער זיין אנגעשלאסען אין זייער נאציאנאלען צענטער און אנערקענען די צוועקען פון דער ארגאניזאציע, ווי זיי ווערען אויסגעטייטשט אין די רעזאלוציאנען, וואס זיינען אנגענומען געווארען אויף די קאנגרעסען פון דער א. ק. א. פ.

דארף אבער, ווען א יוניאן וואס איז ניט אנגעשלאסען צו דער נאציאנאלער קערפערשאפט פון איהר לאנד פארלאנגט אויפגענומען צו ווערען אין דער א. ק. א. פ., זאל די פראגע ווערען אויפגענומען מיט יענער נאציאנאלער קערפערשאפט און דער רעזולטאט פון די פארהאנדלונגען זאל פארגעלעגט ווערען פאר דעם אינטערנאציאנאלען קאנגרעס.

עס איז ניטא קיין מיטעל נעגען די [illegible]

אויב מעהר ווי איין יוניאן פון קליידער ארבייטער פון איין לאנד פארלאנגען אויפגענומען צו ווערען אין דער א. ק. וו. פ. זאל פארגעלעגט ווערען פאר דעם קאנגרעס פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון די קליידער ארבייטער.

6. אנשליסונגען צו דער קערפערשאפט דארפען געמאכט ווערען דורך דער אינטערנאציאנאלער קאמיטע, נאכדעם ווי דער פארלאנג אויפגענומען צו ווערען איז געמאכט געווארען אין שריפט, און נאכדעם ווי די פארגעשלאגענע יוניאן האט גענומען אויף זיך די פליכטען וואס די פעדעראציע לעגט ארויף אויף די אנגעשלאסענע קערפערשאפטען.

7. אויב עס ווערט געמאכט גוט-באגרינדעטע אויסזעצונגען געגען א געוויסער ארגאניזאציאן, קאן אזא ארגאניזאציאן ניט אויפגענומען ווערען.

אפיעלס געגען דעם, וואס א געוויסע ארגאניזאציאן איז ניט אויפגענומען געווארען, קאן געמאכט ווערען צו דעם נעקסטען אינטערנאציאנאלען קאנגרעס.

8. יעדע ארגאניזאציאן וואס ווערט א מיטגליעדער פון דער א. ק. וו. פ. זאל בלייבען אין גאנצען אומאפהענגיג. מיט דער אויסנאהמע וואס זי נעהמט אויף זיך די פליכטען, וואס די רעזאלוציעס און די רעגולאציאנען פונ'ם אינטערנאציאנאלען קאנגרעס האבען אויף איהר ארויפגעלעגט.

9. אן ארגאניזאציע, וואס וויל רעזיגנירען פון דער א. ק. וו. פ. דארף געבען דריי מאנאטען נאטיס צו דער אינטערנאציאנאלער קאמיטע.

10. אויסשליסען אן ארגאניזאציע קאן נאר דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס. סוספענדירען אן ארגאניזאציע קאן אויך די אינטערנאציאנאלע ביורא.

א. אזעלכע וואס איז א יאהר צייט הינטערשטעליג מיט איהרע צאהלונגען, ניט אכטענדיג אלע אויפפאדערונגען וואס זיינען צו איהר געמאכט געווארען, אדער

ב. זי האנדעלט געגען די אינטערעסען פון דער א. ק. וו. פ.

11. ביישטייערונגען. — די אנגעשלאסענע ארגאניזאציאנען זאלען צאהלען זייערע ביישטייערונגען, צו דעקען די נויטיגע אויסגאבען פון דער אינטערנאציאנאלער קליידער ארבייטער פעדעראציע, לויט דער צאהל פון זייער מעמבערשיפ פון דעם פריהערדיגען יאהר.

1. די צאהלונג זאל זיין 5 סענט א יאהר (לויט דעם האלענדישען פרייז קוראנט פון דער פאר-מלחמה-צייט) פער מעמבער, און זאל געצאהלט ווערען פערטעליעהרליך.

13. דאס אפלעגען פון די צאהלונגען קאן, אונטער ספעציעלע אומשטענדען, באוויליגט ווערען פון דער אינטערנאציאנאלער קאמיטע.

14. פאר די אלע געלדער וואס ווערען ערהאלטען זאל געשיקט ווערען א באשטעטיגונג (רעסיט), אונטערגעשריבען פון טרעזשורער, און איין מאל א יאהר זאלען די סומען פון אלע ערהאלטענע געלדער פארעפענטליכט ווערען אין דער פעריאדישער שריפט פון דער א. ק. וו. פ.

עס זאל אויך געדרוקט ווערען א פאלשטענדיגער צעטעל פון אלע איינגאהמען און אויסגאבען.

פארוואלטונג.

15. די פארוואלטונג פון דער א. ק. וו. פ. זאל זיך געפינען אין די הענד פון:

א. דעם אינטערנאציאנאלען קאנגרעס;

ב. די אינטערנאציאנאלע קאמיטע;

ג. די פארוואלטונגס-קאמיטע.

דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס.

16. די הויפט קאנטראלירונגס-מאכט בלייבט ביי דעם אינטערנאציאנאלען קאנגרעס וואס זאל האבען א זיצונג אמווייניגסטענס איין מאל אין יעדע דריי יאהר.

17. דער קאנגרעס זאל ווערען צוזאמענגערופען פון דער אינטערנאציאנאלער קאמיטע, דורך א פארשטענדיגונג מיט דער פארוואלטונגס-קאמיטע, און די צוויי קערפערשאפטען זאלען צוגרייטען די אלע רעפארטען און מאכען אלע נויטיגע אראנזשמענטס.

18. אלע רעזאלוציעס וואס זאלען דארפען אויפגענומען ווערען, און די נאציאנאלע, ספעציפישע און אינדוסטריעלע רעפארטען זאלען פארגעלעגט ווערען פאר דער פארוואלטונגס-קאמיטע, כאטש [illegible] פריהער איידער דער קאנגרעס עפענט זיך, אום צו געבען גענוג צייט פאר א באטראכטונג, און ווען נויטיג, צו מאכען אמענדמענטס. ווי אויך די קאמיטע זאל האבען גענוג צייט צו מאכען די אלע איבערזעצונגען און עס אפדרוקען.

דער טאגעס-ארדנונג זאל ארויסגעשיקט ווערען צו די אנגעשלאסענע ארגאניזאציאנען ניט ווייניגער פון דריי מאנאטען בעפאר דער קאנגרעס דארף זיך עפענען.

19. דאס רעכט צו שטימען זאל זיין ווי פאלגט:

א. א נאציאנאלע קערפערשאפט מיט א מיטגלידערשאפט פון 5,000 זאל האבען איין שטימע;

מיט א מיטגלידערשאפט פון 5 ביז 10,000 טויזענד זאל האבען 2 שטימען;

פון 10,000 ביז 20,000 — דריי שטימען;

פון 20,000 ביז 50,000 — פיער שטימען;

פון 50,000 ביז 100,000 — פינף שטימען;

איבער 100,000 מעמבערס — זעקס שטימען.

די אויסגאבען פון די דעלעגאציעס צום אינטערנאציאנאלען קאנגרעס זאלען געדעקט ווערען פון די ארגאניזאציאנען וואס זיי פארטרעטען.

21. די פליכטען פון דעם אינטערנאציאנאלען קאנגרעס זאלען זיין:

א. אויפצונעהמען און באטראכטען די רעפארטען פון דער אינטערנאציאנאלער קאמיטע און פון דער פארוואלטונגס-קאמיטע;

ב. צו באשטימען די צאהלונגען;

ג. צו באשטימען דעם פלאץ וואו עס זאל זיין די הויפטקווארטיר פון דער א. ק. וו. פ.;

ד. צו באשטימען די שטאדט וואו דער נעקסטער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס זאל געהאלטען ווערען.

די אינטערנאציאנאלע קאמיטע.

22. די אינטערנאציאנאלע קאמיטע זאל באשטעהן פון זיבען מיטגליעדער, וועלכע זאלען ערוועהלט ווערען פון דעם אינטערנאציאנאלען קאנגרעס, אויף אזא אופן, אז אין דער קאמיטע זאל, ווי ווייט עס איז נאר מעגליך, זיין פארטראטען די פארשיידענע לענדער וואס זיינען אנגעשלאסען אין דער ארגאניזאציאן.

די מיטגליעדער צו דער קאמיטע זאלען ערוועהלט ווערען ווי פאלגט:

איינער פון די סקאנדינאווישע לענדער.

איינער פון די דייטש-שפרעכענדע פעלקער.

איינער פון די לאטייניש פעלקער.

איינער פון די סלאווישע פעלקער.

איינער פון די ענגליש-שפרעכענדע.

איינער פון אמעריקא.

דער אינטערנאציאנאלער סעקרעטער זאל זיין דער זיבעטער מיטגליעד פון דער קאמיטע און ער זאל ערוועהלט ווערען פון דעם קאנגרעס.

23. יעדעס לאנד, אדער גרופע פון לענדער, וואס איז בארעכטיגט צו האבען א מיטגליעד אין דער קאמיטע זאל האבען דאס רעכט צו אפוינטען א רעפּיטי מיטגליעד צו אטענדען די מיטינגען אין פאל דער ערוועהלטער מיטגליעד קאן צו א מיטינג ניט קומען.

24. די אינטערנאציאנאלע קאמיטע זאל זיין באפולמעכטיגט צו דיסקוטירען און באשליסען איבער פראגען, וואס וועלען פיליכט ענטשטעהן אין דער צווישען-צייט פון איין אינטערנאציאנאלען קאנגרעס ביז א צווייטען.

25. די אינטערנאציאנאלע קאמיטע זאל זיך פארזאמלען ווען דריי פון איהרע מיטגליעדער, אדער ווען די פארוואלטונגס-קאמיטע רעכנט, אז ס'איז נויטיג, די קאמיטע זאל האבען א זיצונג.

די אויסגאבען פון אזא מיטינג זאלען געדעקט ווערען פון דער א. ק. וו. פ.

די פארוואלטונגס קאמיטע.

26. די פארוואלטונגס קאמיטע זאל באשטעהן פון דריי מיטגליעדער.

27. דער אינטערנאציאנאלער סעקרעטער זאל זיין א מיטגליעד פון זיין נאציאנאלער קערפערשאפט; ער זאל פון זיין קערפערשאפט ערוועהלט ווערען און די ערוועהלונג זאל גוט געהייסען ווערען פון דער אינטערנאציאנאלער קאמיטע.

28. דער סעקרעטער זאל דורכפיהרען די באשלוסען פון דעם אינטערנאציאנאלען קאנגרעס, פון דער אינטערנאציאנאלער קאמיטע און פון דער פארוואלטונגס-קאמיטע.

די פעריאדישע שריפט.

29. דער זשורנאל פון דער א. ק. וו. פ. זאל הייסען: „דער אינטערנאציאנאלער קליידער ארבייטער". ער זאל ערשיינען אין ענגליש, פראנצויזיש און אין דייטש.

30. „דער אינטערנאציאנאלער קליידער ארבייטער" זאל זיך אפגעבען:

א. צו פראפאגאנדירען די פרינציפען און אויפגאבען פון דער א. ק. וו. פ.

ב. צו דיסקוטירען וויכטיגע פראגען און האנדלונגען וואס האבען א שייכות צו די אינטערעסען פון די קליידער ארבייטער און צום ארבייטער קלאס אין אלגעמיין.

31. וויכטיגע באריכטען וועגען סטרייקס, וויידזש-דיספיוטס און רעפארטען וועגען וויכטיגע באגעבענהייטען פון ארגאניזאציאנס-אנגעלעגענהייטען, זאלען צושיקט ווערען דורך צירקולארען אין די נויטיגע שפראכען.

די פליכטען פון די אנגעשלאסענע ארגאניזאציעס.

32. די ארגאניזאציאנען וואס זיינען אנגעשלאסען אין דער א. ק. וו. פ. זאלען:

א. פראפאגאנדירען און דורכפיהרען אין זייערע ארגאניזאציאנען די באשלוסען פון דער א. ק. וו. פ. אין זייערע לענדער, צווישען זייער אלגעמיינע מיטגליעדער;

ב. צו באריכטען דער פארוואלטונגס-קאמיטע דעם ראטום פון די יעהרליכע מיטינגען, די באשלוסען וואס ווערען אנגענומען, די נעמען פון פרעזידענט און סעקרעטער וואס ווערען ביי אזעלכע מיטינגען ערוועהלט צו זיין די פיהרער פון זייער ארגאניזאציע.

ג. צו שיקען צו דער פארוואלטונגס-קאמיטע רעגולאר אמווייניגסטענס דריי עקזעמפלארען פון זייער פאך-צייטונג, און די יעהרליכע באריכטען, אזוי גוט ווי פינקטליכע איינצעלהייטען וועגען דער צאהל פון זייער מעמבערשיפ, וועגען דער שטארקייט פון דער יוניאן, וועגען וויכטיגע וויידזש-קאנפליקטען, סטרייקס, וועגען טרייד-אגרימענטס און א. וו.

33. די רעפארטען וואס וועלען געשיקט ווערען צו דער פארוואלטונגס-קאמיטע דארפען ענטהאלטען:

א. איינצעלהייטען וועגען די פארדינונגען פון די ארבייטער, אזוי גוט ווי וועגען די אורזאכען פון די קאנפליקטען, און די צאהל פון די ארבייטער וואס זיינען דערביי פארמישט;

ב. דעם כאראקטער און די ענטוויקלונגען פון די פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים, וואס עס קומט פאר אום זיי צו מאכען נאכגעבען דעם פארלאנג פון די ארבייטער;

ג. די מיטעל וואס ווערען אין אזוינע קאנפליקטען אנגענומען פון ביידע צדדים;

ד. די צאהל פון ארבייטער וואס האבען זיך באטייליגט אין אזא קאנפליקט.

34. אלע דיזע איינצעלהייטען דארפען געשיקט ווערען צו דער פארוואלטונגס-קאמיטע, ווייל דאס איז זעהר נויטיג פאר דער צוזאמענשטעלונג פון רעפארטען און סטאטיסטיקס.

(שלוס קומט).

א דאנק בריעף.

ווערטער גענאסע רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט".

ערלויבט מיר, אלס טשערמאן פון ווילקינס און אדלער שאפ, 11-13 איסט 26-טע סטריט, אויסצודריקען אן עפענטליכען דאנק צו די ארבייטער פון שאפ, ווי אויך די קאמיטע, באשטעהענד פון די ברידער ברענער, גראסס, דזש. סטיין און ג. הוירשביין, פאר דעם ווערטפולען פרעזענט וואס זיי האבען מיר געשאנקען. עס איז פאר מיר דער גרעסטער פארגעניגען אז מיין ארבייט אין דעם שאפ ווערט אנערקענט. איך האף פארזעצען דיזע ארבייט אין דער צוקונפט ווי איך האב עס געטאן אין דער פארגאנגענהייט, פאר דעם וואהל און בעסטען פון די ארבייטער.

מיט גרוס און פיעל דאנקבארקייט פאר דער אנערקענונג,

לואיס ליעבערמאן,

[illegible]

די וואך
פון נ. שאווירע.

סאציאליסטישע אסעמבלימען צוריק ערוועהלט.

די ספעציעלע וואהלען אין די אסעמב-די דיסטריקטען פון ניו יארק, וועלכע זיי-נען פארגעקומען לעצטען דאנערשטאג, דעם 16טען סעפטעמבער, האט ארויסגע-בראכט א קלאר'ען אורטייל. אלע פינף סאציאליסטישע אסעמבלימען, וועלכע זיינען לעצטען ווינטער ארויסגעווארפען געווארען פון די אסעמבלי דורך סוויט, לאסק און קא., זיינען ווידער ערוועהלט געווארען מיט א גרויסער מאיאריטעט. און אין די אלע פינף דיסטריקטען האבען זיך ביידע פארטייען, די דעמאקראטישע און די רעפובליקאנער, געאייניגט אויף זייערע קאנדידאטען. די פאליטישע מאשין, וועלכע האט אזוי פלייסיג געארבייט פאר דער דיקטאטור פון די פלוטאקראטען און פאר דער אומוואורפונג פון דער רעגירונג פון די פארשטעהער פון פאלק, האט גע-קראגען א מורא'דיגען קלאפ. נייטהען ל. מילער, דער רעפובליקאנער קאנדידאט פאר גאווערנאר פון ניו יארק סטייט, ווייס גאנץ גוט אז זיינע שאנסען ער-וועהלט צו ווערען זיינען זעהר שמאלע ווען ער וועט איצט ארויסטרעטען פאר דער אויסשליסונג פון די סאציאליסטישע אסעמבלימען. ספיקער סוויט און די גאנצע באנדע פון פאליטישענס ווייסען איצט די מיינונג פון די וואוטערס איבער זייער צארישער האנדלונג. מען שמועסט אפילו, אז סוויט וועט פרובירען זיין קאנ-זעקווענט און לאגיש און ווידער אויסשלי-סען די צוויי מאל ערוועהלטע סאציאליס-טען. די אלגעמיינע מיינונג אבער איז אז ספיקער סוויט וועט זיך צופרידענשטעלען מיט א דרשה, וועלכע ער וועט האלטען פאר זיי און ער וועט זיי שטראפען און זאגען מוסר, אבער ער וועט ניט וואגען זיי ווייטער אויסצושליסען. פאר דער וועלט וועט די סוויט באנדע ערקלערען, אז די סאציאליסטען האבען איצט געבי-טען זייער טאקטיק, זיי זיינען מעהר „אמעריקאניזירט" געווארען. דאס הייסט אז סוויט און די לאסקעס האבען נערע-פארמירט די סאציאליסטען. דאך איז נאך ניט זיכער ווי די אסעמבלי וועט האנדלען. ביי דעם שרייבען זיינען נאך די רעזולטאטען ניט באוואוסט.

אז די טאקטיק פון ספיקער סוויט האט געהאט א זעהר שלעכטען אפקלאנג אויף דער רעפובליקאנער מאשין אין ניו יארק סטייט, איז צו זעהן פון דעם וואס סוויט אליין וועט מוזען נעבאך ווערען א פריוואט בירגער אין א פאר מאנאטען ארום. סוויט, וועלכער האט געהאט אמבי-ציעס צו ווערען גאווערנאר, און אפשר צו געהן נאך ווייטער, איז געצוואונגען צו ווע-רען א פריוואט לאיער, אויפצוגעבען זיינע שטאטסמאנישע חלומות. ער האט גע-טריימט, אז די אויסשליסונג פון די סא-ציאליסטען וועט איהם אויפהויבען צו א נאציאנאלע פיגור, צו א ערלויזער פון אמעריקא פון דעם רויטען געפאהר. אבער עס האט איהם נאר געבראכט אויף דעם וועג פון פארגעסענהייט. א דראמאטי-שער סוף פון א געוואנטען פאליטישען. דאס איז דער ערשטער קלארער און ווירקזאמער פראטעסט געגען די פינסטע-רע כחות פון לאנד.

די ספעציעלע זיצונג פון דער לע-דזשיסלייטשור איז פאררופען געווארען פון גאווערנאר סמיט צו לעזען די וואוי-נונגס-פראגע אין ניו יארק. די פראגע איז איינע פון די וויכטיגסטע און איינע פון די שווערסטע. עס איז ניט נאר א ניו יארקער פראגע. עס איז א נאציאנא-לע פראגע. דאס גאנצע לאנד ליידעט פון א דוחק אין הייזער. סטאטיסטיקס פון 177 שטעדט ווייזען אז איצט ווערט מיט 31 פראצענט ווייניגער געבוים אין אמערי-קא ווי אין דער זעלבער צייט פאר א יאהרען. די אורזאכען פאר דעם זיינען פיעלע און קאמפליצירטע. עס איז זעהר צווייפעלהאפט אויב דער לעדזשיסליי-טשור וועט עפעס טאן צו לעזען די פרא-גע. בפרט אז איצט האט זיך געמאכט ווייטער די פראגע פון די סאציאליסטישע אסעמבלימען. עס איז צו גלויבען אז די שטאטסמענער פון אלבאני זאלען פאר-שווענדען דיזען עקסטרא סעשאן אין אי-בערנייעס אנפאנגען א פראצעס געגען די סאציאליסטען. דאס וואלט זיי געראטע-ווען פון צוטרעטען אפילו צו דער וואוי-נונגס-פראבלעם. איין זאך איז קלאר, אז געזעצמאכער פון אלבאני זיינען איצט אין א אומאנגענעמע לאגע. זאלען זיי צו-לאזען די סאציאליסטען און מאכען זיך ניט וויסענדיג פון דעם פאטש אין פנים וואס זיי האבען נעקראגען? זאלען זיי ווייטער אויפהויבען א קאמף און איגנא-רירען דערביי די וואוינונג פראבלעם. די אלבאני פאליטישענס זיינען אין א גרויס פארלעגענהייט.

די עקספלאזיאן אין וואלל סטריט

דער ערשטער אויסגעשריי פון די צייי-טונגען באלד נאכדעם ווי דער אויפרייס פון וואלל סט., איז פארגעקומען, איז גע-ווען אז דאס איז א רעזולטאט פון א גע-פעהרליכער קאנספיראציע פון באלשעווי-קעס, אנארכיסטען, „רויטע". און באלד טאקע האבען זיך פארשפרייט קלאנגען אז וויליאם דזש. פלין, דער הויפט פון דער געהיים פאליציי, איז אויפ'ן שפור פון צום ווענינסטען א האלבען טוצען „רויטע". צייטונגען האבען באריכטעט אז וויליאם הייוואוד האט מען ארעסטירט אין שיי-קאגא אין פארבינדונג מיט דער עקספלא-זיאן. מען האט ארעסטירט א „געפעהר-ליכען באלשעוויק" אויף דעם איינציגען גרונד וואס מען האט איהם געפונען אין יענעם געגענד א פופצעהן מינוט נאכדעם ווי דאס אומגליק האט פאסירט. לעצטען זונטאג זיינען די צייטונגען ארויס מיט אנאנדער „שפור". מען זוכט פינף אנאר-כיסטען צווישען וועלכע עס געפינט זיך קארלא טרעסקא. אויף מארגען אבער זיי-נען די קלאנגען אז מען זוכט אנארכיס-טען אין פארבינדונג מיט דער עקספלאזיאן אפגעלייקענט געווארען. וויליאם פלין, פון דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס, האט ערקלערט אז די באריכטען זיינען ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע.

די טעאריע אז דער אויפרייס איז א רעזולטאט פון א רויטע קאנספיראציע ווערט צורונגען אין רויך. עס איז שווער פאר דער פרעס און דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס און די איבעריגע שומרים פון גערעכטיגקייט צו זוכען פאר שפורען ערגעץ אנדערש. ווי נאר אן אומגליק זיי-נען די רויטע שולדיג, דאס איז די גלאטע טעאריע פון דער פרעס. אבער אז די סברות זיינען פארט לעכערליך און ווילד, זוכען זיי נאטירליך אין אנדערע וועגען אויך. אט ווערט ערווארטעט אין ניו יארק ערווין פישער, פון קענעדע, וועל-כער האט געווארענט פאר אן עקספלאזיאן. ער האט מיט א צייט צוריק נביאות גע-זאגט אז עס וועט זיין אן אויפרייס. פי-שר אבער איז א משוגענער און מען קען זיך אויף איהם קנאפ פארלאזען.

דער פייער דעפארטמענט האט אויס-געפונען אנאנדער שפור. זיי האבען אונטערזוכט די רעפארטס פון אלע ניו יארקער מאגאזינען, וואס האלטען דינא-מיט, און האבען געפונען אז לויט זייער רעכענונג פעלט געגוג דינאמיט מיט וועל-כען מען האט געקענט מאכען די עקספלא-זיאן. דעם פאקט האלטען די באאמטע פון דעם פייער דעפארטמענט פון גרויס וויכ-טיגקייט, און וועלכער וועט פיהרען אויף דעם ריכטיגען שפור.

זעהר שטארקע באווייזע ווערען פאר-געבראכט אז דער אויפרייס איז געקומען פון א וואגען פון דער דיופאנט אמוני-ציאנס פאבריק. דערוויילע ווייזען די אגענטען פון דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס ניט ארויס קיין חשק צו פאר-שען ווייטער די דיופאנט טעאריע.

ווי עס ווייזט זיך ארויס איצט, איז דאס נאך ניט זיכער וואס עס האט פאר-אורזאכט די עקספלאזיאן. צום ערשטען האט די פאליציי געמיינט אז דאס איז גע-ווען א זייגער-באמבע. אין די חורבות פון וואלל סטריט האט מען געפונען שטי-קער פון א מעכאנישען זייגער און דאס האט זיי צום ערשטען געפיהרט צו דער איבערצייגונג אז א באמבע איז אונטער-געלייגט געווארען פון אימיצען.

נאך א שפור איז א גע'הרג'עטער יונ-גערמאן, וואס ליגט נאך אין מארג פון קיינעם ניט דערקענט. אלע אומגעקומע-נע זיינען אין דעם אויפרייס דערקענט גע-ווארען פון זייערע קרובים און פריינד. די פראגע וואס די פאליציי שטעלט, איז דער דאזיגער יונגערמאן געווען דער טרייבער פון דעם דינאמיט וואגען אדער ניט?

די גרויסע צאהל פון טויטע און פאר-וואונדעטע אין דעם עקספלאזיאן זיינען ארבייטער, קלוירקס, סטענאגראפערס און טייפיסטס. די ארבייטער האבען פארלא-רען זייערע לעבענס אין דעם אומגליק. די באנקירען, מארגאן און אנדערע, האבען פארלארען א ברעקעל פון זייער רייכטום. דער שרעקליכער פארלוסט אפילו אויף וואלל סטריט איז געווען פון די ארביי-טער. עס איז איצט זעהר שווער צו זאגען, וואס איז געווען פאראנטווארטליך פאר דעם ארבייטער'ס פארלוסט. איז דאס א רעזולטאט פון א משוגענעם נעפלאנטען מוח אדער א רעזולטאט פון די קרימינעלע נאכלעסיגקייט פון די קאמפאניס, וועלכע לאזען פיהרען דינאמיט נעגען די געזעצען פון שטאדט. עס איז באקאנט געווארען, אז אום צו פארשפארען צייט, פלעגען די קאמפאניעס וועלכע שטעלען צו דינאמיט, צו אויפרייסען שטיינער פאר בויאונגס-צוועקען, פיהרען דינאמיט אין העלען מי-טען טאג ווען דאס איז פארבאטען. אנ-דערע גלויבען אז אזוי וואגען האט זיך צוזאמענגעשטויסען מיט אן אטאמאביל, וואס האט פאראורזאכט דעם אומגליק. מיט יעדער אויסגאבע פון די צייטונגען וואקסט אלץ די צאהל פון טעאריען פון דעם אויפרייס.

דער ב. ר. ט. סטרייק.

לעצטען זונטאג איז אפגעהאלטען גע-ווארען א קאנפערענץ פון די דעלעגאטען פון די קארליים יוניאנס פון ניו יארק סטייט אין ניו דזשוירזי, צו נעמען שרי-טע צו העלפען די ב. ר. ט. סטרייקער. די קאנפערענץ האט געשיקט א טעלעגראמע צו סעקרעטערי אוו לייבאר, ווילסאן, און צו גאווערנאר סמיט, אז זיי זאלען זיך אריינמישען אין ענדיגען דעם סטרייק. עס איז אנגעוויזען געווארען אז דער אג-רימענט וואס די ב. ר. ט. קאמפאני האט געהאט מיט דער אמאלגאמייטער אסא-סיאיישאן, איז אויסגעגאנגען דעם 9טען אויגוסט, און ניט באנייט געווארען צו-ליעב דער איינגעשפארטקייט פון רעסי-ווער געריסאן, וועלכער האט געבראכען זיין אייגען ווארט. אלעס איינע פון די אורזאכען פאר דער אריינמישונג פון דער פעדעראלער רעגירונג איז אנגעגעבען גע-ווארען דער פאקט אז די רעגירונג האט אין צייט פון קריעג געליהען די ב. ר. ט. 13 מיליאן דאלאר, און מיט דאס געלט קעמפט זי איצט געגען דער יוניאן.

ארום 40 דעלעגאטען, וועלכע האבען רעפרעזענטירט 30 לאקאלען און 5 טוי-זענד ארבייטער זיינען געווען פארטרא-טען אויף דער קאנפערענץ. עס איז פאר-האנדעלט געווארען די פראגע פון צו גע-בען פינאנציעלע שטיצע צו די סטרייק'ער. לעצטע וואך האבען די סטרייקער אפע-לירט צו אלע ארבייטער יוניאנס צו העל-פען זיי. די טריידס-און לייבאר קאונסיל האט אנגענומען א רעזאלוציאן צו העלפען דעם סטרייק. ביי דעם איצטיגען שריי-בען זיינען נאך קיין באשטימטע מיטלען ניט אנגענומען געווארען. אויב די אר-בייטער וועלען אליין ניט באווייזען זייער מאכט, וועט דער אפיעל פון די סטרייקער צו גאווערנאר סמיט און סעקרעטער וויל-סאן קנאפ וואס העלפען. דער פאקט אז די קאר קאמפאניע טרייבט די טריינס און קארס אונטער א טשארטער פון דער שטאדט און דאס די סטייט האט א רעכט אריינצומישען זיך אין דעם סכסוך, איז דערוויילע א טויטער בוכשטאב. די קאמ-פאניע און די פרעסע גלויבט אז דאס איז א פריוואטע זאך. און געריסאן איז בא-רייט צו באצאהלען מיט די לעבענס פון דעם פובליקום פאר ווענען ער זארגט זיך אזוי אום צו ברעכען די יוניאן. די רע-גירונג, די פעדעראלע אדער די סטייט, איז הילפלאז געגען אזעלכע אינדוסטריע-לע צארס. די רעגירונג האט זיך נאר ארויסגעוויזען שטרענג און אומקאמפרא-מיסענד בנוגע צו ארבייטער אבער ניט צו באלעבאטים.

עס האלט ביי שלום אין איטאליען.

די רעוואלוציאן אין איטאליע ווערט איצט אויסגעקעמפט אין קאנפערענץ צווישען די ארבייטער און די באלעבאטים אונטער דער אויפזיכט פון פרעמיער דזשיאליטי. עס איז איצט זיכער אז קיין איבערקעהר פון דער רעגירונג וועט איצט פארקומען. דער קאמף איז א ריין עקאנא-מישער. אבער דערפאר איז עס פון דער העכסטער וויכטיגקייט. עס איז ניט קיין געוועגליכער קאמף פאר שכירות און שטונדען. עס איז פאר א נייעם אינ-דוסטריעלען אָרדער. און דערפאר איז דער קאמף פון רעוואלוציאנערער וויכטיג-קייט אפילו אז עס קומט פאר א קאנפע-רענץ צווישען די פיינדליכע לאגערען.

און וואס איז אינגאנצען נייע און אום-געהערט איז די שטעלונג פון דער איטא-ליענישער רעגירונג צו דעם קאמף. פאר איינעם וואס לעבט אין אמעריקא אונטער א רעגירונג פון ווילסאן, פאלמער, בוירל-סאן, בייקער, איז די שטעלונג פון פרע-מיער דזשיאלאטי שטוינענד און פאבעל-האפט. דער איטאליענישער פרעמיער האט לעצטענס פאררופען א קאנפערענץ צווישען די שטרייטענדע צדדים אין טורין און האט ארויסגעגעבען א באפעהל, אז עס זאל ערוועהלט ווערען א געמישטע טעכנישע קאמיסיע מיט גלייכע פארטרע-טערשאפט פון אלע צדדים. די קאמי-סיע זאל גלייך אויסארבייטען א פלאן וואס זאל לייזען דעם אינדוסטריעלען קרי-זיס אויפ'ן באזיס פון ארבייטער קאנט-ראל פון די אינדוסטריען. פרעמיער דזשי-לאטי האט דערמאנט די קאנפערענץ, אז דער פרינציפ פון ארבייטער קאנטראל איז שוין אייגענטליך אנגענומען געווארען אין פארלאמענט פאריגען דעצעמבער. דאן האט ער געזאגט:

„איך מיין אז דער היסטארישער מא-מענט, וועלכען מיר לעבען דורך, קען בלויז אויסגעטייטשט ווערען אויף איין אופן און דאס איז, אז די ביז איצטיגע באציהונגען צווישען קאפיטאל און אר-בייט מוזען אונפארמיידליך ראדיקאל גע-ענדערט ווערען. עס איז שוין מעהר ניט מעגליך אויפצוהאלטען דעם פרינציפ דאס א גרויסע אינדוסטריע זאל קאנטראלירט ווערען בלויז פון איין קאפ און פרויענ-דער זאלען איהם בלינד אויספאלגען און ניט זיין גאראנטירט מיט דער מעגליכ-קייט דעם קאפ צו קאנטראלירען.

עס איז נויטיג צו מאכען פאר די ארבייטער אז זיי זאלען אויף אזוי פיעל בייטראגען צום גאנג פון א פיר-מא, אז זיי זאלען איהר ווערען די אמת'ע מיט-פאראנטווארטליכע".

די אונטערהאנדלונגען צווישען די ארבייטער און די באלעבאטים וועלען פארטגעזעצט ווערען אין רוים. דערווייל זיינען זיי איינגעגאנגען אויף די פאלגענ-דע פונקטען:

1) די ארבייטער קריגען א העכע-רונג פון 4 ליער (80 סענט) א טאג, אן אויסנאהמע ווערט געמאכט פאר מענער ארבייטער פון 18 ביז 20 יאהר אלט, און פרויען איבער 22 יאהר אלט, וועל-כע וועלען באקומען א העכערונג פון 64 סענט א טאג; מענער פון 15 ביז 18 און פרויען אונטער 20 יאהר אלט ווע-לען קריגען 48 סענט.

2) די פאבריקאנטען וויליגען איין אויף א וואך וואקיישאן אין יאהר פאר וועלכע די ארבייטער וועלען קריגען בא-צאהלט.

3) אין פאל אן ארבייטער ווערט אפ-געזאגט פון דער ארבייט, ניט אלעס שטראף, איז ער בארעכטיגט צו א בא-שטימטער באלוינונג, דאס הייסט, אז נאך דריי יאהר ארבייט זאל אן ענטזאג-גען ארבייטער קומען פאר צוויי טעג וויידזשעס פאר יעדען יאהר;

4) ווען דער איצטיגער לעבענס-מי-טעל וועט ביליגער ווערען, מעג די איצ-טיגע העכערונג פארקלענערט ווערען.

דער וויכטיגסטער פונקט, וועלכער וועט אויסגעארבייט ווערען ביי דער קא-מיסיע איז די קאנטראל פון די ארבייטער איבער דער אינדוסטריע. ווען די קא-מיסיע וועט זיין פארטיג מיט דעם פלאן, וועט זיך דער פארלאמענט עפענען. ווי עס ווייזט אויס וועט דער פארלאמענט געוויס שטימען פאר דער ארבייטער קאנ-טראל פון דער אינדוסטריע. עס זיי-נען אין פארלאמענט נישט קיין וויכטיגע מיינונגס פארשיעדענהייטען אין דעם. אי-טאליע, ווי עס ווייזט, וועט זיין די ער-שטע לאנד וואו א רעוואלוציע דורך קאנ-פערענצען וועט פארקומען.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 24, 1920, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די רוסיש-פוילישע פריעדענס פאר-האנדלונגען.

די פריעדענס פארהאנדלונגען צווי-שען סאוויעט רוסלאנד און פוילען האבען זיך אנגעפאנגען לעצטען זונטאג אין רי-גא. א. יאפפע איז דער הויפט פון דער רוסישער דעלעגאציע און דאמבסקי איז דער הויפט פון דער פוילישער דעלעגא-ציע. עס איז איצט נאך צו פריה צו זא-גען וואס די רעזולטאטען פון דער קאנפע-רענץ וועט זיין. די אלגעמיינע שטימונג איז ניט קיין אפטימיסטישע. אויף דעם מיליטערישען פעלד איז די לאגע אונ-באשטימט. דא און דארטען קומען פאר צוזאמענשטויסע צווישען די באלשעוויס-טישע און פוילישע ארמעען. זיע-גען ווערען באריכטעט פון ביידע זייטען, אבער די זיעגען זיינען ניט פון א בא-שטימטען כאראקטער. טראצקי זאגט, אז די באלשעוויסטישע ארמעע איז איצט שטארקער ווי אימער. די פוילישע פיה-רער זאגען דאס זעלבע וועגען זייערע אר-מעען. ווי באלד אבער די פוילישע פיה-רער קענען זיך נאך אלץ באריהמען און סטראשען רוסלאנד מיט פארניכטונג, איז זעהר קליינע האפנונגען דא אויף פריע-דען.

דער פוילישער אימפעריאליסטישער אפעטיט איז אויף קיין פאל ניט קלענער געווארען. זי רעדט נאך אלץ וועגען די „גרויסע פוילען". זי וויל ווילנא, און אז רוסלאנד זאל איינשטימען צו די פאדע-רונגען פון פוילען, הייסט עס אונטערגע-בען זיך צו דעם ווילדען אימפעריאליזם. עס וועט הייסען אז רוסלאנד גיט פוילען א וואפען אין האנט צו אונטערדריקען די פעלקער ארום. דאס וועט רוסלאנד ניט טאן. און ביידע, די רוסישע און פויליי-שע דעלעגאטען, האבען צוגעטראטען צו זייערע פארהאנדלונגען מיט דעם געפיהל פון פארדאכט און צווייפעל אין פריע-דען. דאס איז אויך דער געפיהל פון די קארעספאנדענטען ביי דעם קאנפערענץ. אויב דער קאנפערענץ וועט יע פיהרען צו פריעדען וועט עס זיין נאך אן ערשיינונג וועלכע האט אויסגעוועהן צו זיין אן אומ-מעגליכקייט.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער.

פון אינטערעסאנטער אינטערוויו מיט וויס־פרעזידענט סקולמאן פון שיקאגא. — די מוסטערהאפטע טעטיגקייטען פון דער פילאדעלפיער וויסט מאכער יוניאן ל. 15. וואס דער „סורוויי" דענקט וועגען אונזער באשלוס צו עפענען אייגענע קלאוק־שעפער.

מיט א קורצער צייט צוריק איז ערשיענען אן ארטיקעל אין דער קאנטרי־אויסגאבע פון דער נייער, נאציאנאל־סאציאליסטישער צייטונג, „די צייט„, וואס איז ווערט איבערצודרוקען אין דיזער אפטיילונג פאר די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט". דער ארטיקעל איז ערשינען אונטער'ן קעפעל: „צווישען די יוניאנס אין שיקאגא", געשריבען פון בצלאל שערמאן און איז אן אינטערוויו מיט וויס־פרעזידענט ה. סקולמאן וועגען דער לאגע פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין שיקאגא. חבר שערמאן דערצעהלט:

„עס האבען זיך לעצטענס אנגעהויבען הערען קלאנגען וועגען א קריזיס אין דער נאדעל אינדוסטריע. איבעראל הערט מען איצט ריידען וועגען ארבייטסלאזיגקייט צווישען די נאדעל ארבייטער, הויפטזעכליך צווישען די קלאוקמאכער. ווענדענדיג זיך באקאנען מיט דעם ריכטיגען צושטאנד פון דער קלאוקמאכער אינדוסטריע, בין איך אוועקגעגאנגען צו מר. ה. סקולמאן, סעקרעטער־טרעזשורער פון די שיקאגא קלאוקמאכער און וויס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, און מיט איהם געהאט א לענגערען געשפרעך.

— וואס איז איצט דער צושטאנד אין דער קלאוקמאכער אינדוסטריע? איז געווען מיין ערשטע פראגע.

— עס איז אמת, — האט מר. סקולמאן געענטפערט — אז אין דער אינדוסטריע הערשט איצט געוויסערמאסען א שטילשטאנד. דער סעזאן איז היינטיגס יאהר זעהר א שוואכער, מען קאן זאגען, אז עס איז גאר קיין סעזאן נישט. אלס רעזולטאט איז דא א געוויסע ארבייטסלאזיגקייט, ד. ה. עס זיינען פאראן א סך קלאוקמאכער, וואס ארבייטען נישט קיין פולע וואך.

די אורזאכע איז, ערשטענס, דער אונגעהויערער יקרות. די פרייזען פון די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען זיינען איצט אזוי הויך, אז מען קאן זיך נישט ערלויבען צו קויפען נייע קליידער זעהר אפט.

מען דארף אויך ניט פארגעסען, — רעדט ער ווייטער, — אז דער עקספארט איז אין גאנצען אפגעשטעלט. אין אייראפא נויטיגט מען זיך איצט אין ברויט און מען טראכט גאר נים וועגען נייע קליידער. דאס פיהרט נאטירליך דערצו, אז די פראדוקציע זאל באדייטענד פארקלענערט ווערען.

דאך איז דער קריזיס א שעהן ביסעל איבערטריבען. די ארבייטסלאזיגקייט איז נים אזוי גרויס, ווי מאנכע ווילען עס האבען. קיין איין קלאוקמאכער האט זיך נאך ביז איצט נים געווענדעט פאר הילף צו דער לייה־קאסע, וואס די יוניאן האט ספעציעל געשאפען פאר ארבייטסלאזע מיטגלידער.

— ווי רופט זיך אפ די „געוויסע ארבייטסלאזיגקייט" אפ אויף אייערע מיטגלידער? — פרעג איך ווייטער.

— נאטירליך, — זאגט ער, — ליידט די יוניאן דערפון א ביסעל. אבער די מיטגלידער פארלירען נים דעם צוטרויען. זיי ווייסען וואס די יוניאן האט פאר זיי אויפגעטאן, און זיי באציהען זיך דערפאר צו דער יוניאן העכסט ענטוזיאסטיש.

— אין אייער אינדוסטריע — איז געווען מיין נעקסטע פראגע — איז איינגעפיהרט געווארען וואך־ארבייט. ווי אזוי ווירקט עס אין דעם איצטיגען צושטאנד?

סקולמאן איז מיט א מאל געווארען באגייסטערט:

— די וואך־ארבייט איז א גליק פאר די קלאוקמאכער. מיט דאס אפשאפען פון שטיק־ארבייט איז אפגעשאפען געווארען שקלאפעריי אין דער אינדוסטריע. דער קלאוקמאכער איז איצט א פרייער מענש און פארדיענט א סך מעהר ווי פריהער. די ארבייטער פיהלען דאס און זיינען מיט די וואך־ארבייט זעהר צופרידען. איך בין זיכער, אז ווען מיר וואלטען איצט געהאט שטיק־ארבייט, וואלט דער איצטיגער צושטאנד אין אונזער פאך געפיהרט צו אן אמת'ען קריזיס. נים ווייניגער ווי 60 פראצענט פון די קלאוקמאכער, וואלטען איצט געווען ארבייטסלאז.

— טוט עפעס די יוניאן צו פארמיידען ארבייטסלאזיגקייט?

— ארבייטסלאזיגקייט — האט סקולמאן געענטפערט — איז אין גאנצען אין אונזער פאך נים אפגעשאפט געווארען. די יוניאן וויל אבער, אז די ארבייטער זאלען פון דער ארבייטסלאזיגקייט נים ליידען. מיר טראכטען איצט וועגען איינפיהרען אין דער יוניאן אן אינשורענס־סיסטעם, וואס זאל גאראנטירען יעדען קלאוקמאכער ווענינסטענס א דריטעל פון זיינע שכירות ווען ער ארבייט נים.

דער פלאן איז נאך נים אין גאנצען אויסגעארבייט געווארען. ער געפינט זיך איצט אין די הענד פון א ספעציעלער קאמיטע. עס וועט נאך אויך נעמען א שטיקעל צייט ביז די ארבייטער וועלען ריכטיג אפשאצען די אומגעהויער באדייטונג פון דעם פלאן. איך בין אבער זיכער, אז ווען דער פלאן וועט זיין פארטיג, וועלען איהם אונזערע מיטגלידער אויפנעמען מיט דער באגייסטערונג, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די קלאוקמאכער, און דאן וועט דער פלאן אהן שוועריגקייט פארווירקליכט ווערען.

די קלאוקמאכער דארפען לעבען פון זייער פאך אין צייט פון „סלעק" אזוי גוט ווי אין צייט פון „ביזי". קיין אנ־ער איינקונפט פאר חיונה האבען זיי נים. זיי מוזען דערפאר פארזיכערט ווערען מיט א מעגליכקייט צו לעבען נים נאר אין די עטליכע חדשים פון סעזאן. די אינדוסטריע איז דאס זיי שולדיג, און מיר זיינען אנטשלאסען דאס צו קריגען.

איין זאך איז זיכער: ווען דער פלאן דורכגעפיהרט ווערען — און ביי מיר איז קיין צווייפעל נים, אז עס וועט דורכגעפיהרט ווערען — וועט פארקומען א גאנצע רעוואלוציע אין אונזער פאך. עס וועט איין מאל פאר אלע מאל אפגעשאפען ווערען די קללה פון די לאנגע סלעק־מאנאטען. איך בין זיכער, אז אנדערע יוניאנס וועלען אונז נאכטאן.

— וואס איז דער גייסטיגער צושטאנד פון אייער יוניאן אין אלגעמיין? — איז געווען מיין לעצטע פראגע.

סקולמאן האט זיך פאר א ווייל פארטראכט און נאכדעם לאנגזאם געענטפערט:

— מיר שטרייכען אן אלע כחות צו דערציהען אונזערע מיטגלידער. מיר דערקלערען זיי די פראבלעמען וואס שטעהען איצט אויפ'ן טאגעס־ארדנונג פון דער ארבייטער וועלט. די קלאוקמאכער פארשטעהען די פראבלעמען, און, אויף זייער וועג, זוכען זיי אויף די פראבלעמען צו לעזען. מיר זיינען נים פארבונדען מיט קיין פאליטישע פארטיי. מיר זיינען אבער ווייט נים גלייכגילטיג צו דעם קאמף פאר א נייער ארדנונג, וואו דער ארבייטער זאל האבען די מאכט. מיר שטיצען דערפאר די סאציאליסטישע פארטייען—אהן אונטערשיעד פון ריכטונגען. מיר האבען הארציג אינדארסירט די קאנדידאטור פון דעבס'ען און קלייבען ענטוזיאסטיש געלט פאר זיין קאמפיין פאנד.

מיט באגייסטערונג האבען מיר אינדארסירט די רעזאלוציע פון דער שיקאגא פעדערייישאן אף לייבאר, אז א גענעראל סטרייק זאל גערופען ווערען, אויב די רעגירונג וועט פרובירען אריינצושלעפען דאס לאנד אין א מלחמה מיט סאוויעטען רוסלאנד.

ווי איהר זעהט, — האט ער גענדיגט, — זיינען די קלאוקמאכער אלריים.

איך האב צוגעשטימט".

דער שרייבער פון דעם ארטיקעל זאגט, ער האט „צוגעשטימט". מיר שטימען צו אודאי און אודאי!

פארבייגעהענדיג זאל שוין דא אויך געזאגט ווערען, דאס וויס־פרעזידענט סקולמאן איז די וואך געווען אין ניו יארק. ער איז דא געווען צוליעב פארשיעדענע יוניאן־אנגעלעגענהייטען, ספעציעל וועגען דער ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל סאניטאריום קאמיטע, פון וועלכער ער איז דער טשערמאן. זייענדיג ביי אונז אין רעדאקציע האבען מיר געכאפט מיט איהם אן אינטערעסאנטען שמועס וועגען איינפיהרען ארבייטסלאזע פארזיכערונג פאר די קלאוקמאכער, און ברודער סקולמאן איז גאנץ שטאלץ דערויף, וואס דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון שיקאגא איז געווען, די ערשטע קערפערשאפט אין אונזער אינטערנעשאנאל, וואס האט גענומען טראכטען, ווי דאס איינצופיהרען. ער האט אויך די בעסטע האפנונגען, אז דאס וועט, נאר אין גיכען איינגעפיהרט ווערען אין אונזער יוניאן.

און ברודער סקולמאן איז נים אזוי איינגנהארציג צו וועלען מאכען אזא גרויסע רעפארמע בלויז אין שיקאגא אליין; צו איינפיהרען ארבייטסלאזען־בענעפיט בלויז פאר די קלאוקמאכער פון שיקאגא.

ער איז מיט דער מיינונג, דאס די זעלביגע רעפארמע דארף איינגעפיהרט ווערען אין אלע שטעדט פון לאנד, און נים נאר פאר קלאוקמאכער, פאר אלע ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, פאר אלע די וואס ווייסען פון ביזי סיזאנס און סלעק סיזאנס.

אין קורצען, וויס־פרעזידענט סקולמאן איז מיט דער מיינונג, אז אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט גאר באלד דא־פען אויפנעהמען די פראגע, און נים נאר זי אויפנעמען, טאקע לעזען איהר! ער איז מיט דער מיינונג, דאס ארבייטסלאזע פארזיכערונג וועט פאר די ארבייטער זיין א סך בעסער ווי די זאגענאנטע „גאראנטי" פאר א באשטימטער צייט וואכען אין יאהר ארבייט, וועלכע ווערט, אין בעסטען פאל, געהאלטען בלויז פון א קליינער- צאל בעלי בתים אין טרייד.

* * *

אין א צווייטען נומער פון דער קאנטרי אויסגאבע פון דער זעלבער צייטונג „די צייט", אין דער פילאדעלפיער אויסגאבע פון 6טען סעפטעמבער, געפינען מיר „עטליכע נאטיצען וועגען דער פילאדעלפיער וויסטמייקערס יוניאן", וואס איז ווידער ווערט איבערצודרוקען אין דער אפטיילונג.

אט זיינען די פאר נאטיצען, און אורטיילט אליין. אבער מיר ווילען דא גלייך זאגען, אז די פאר גוטע ווערטער וואס אין די נאטיצען ווערט געזאגט וועגען דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן, לאקאל 15, זיינען א האר נים איבערטריבען. די פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן איז ווירקליך א מוסטערהאפטע ארגאניזאציע, גאר אין פיעלע הינזיכטען, און די פאר ווערטער פון לויב און אנערקענונג, וואס „די צייט" גיט איהר, האט זי געוויס כשר פארדיענט.

אין די פאר נאטיצען ווערט געזאגט:

„די ליידיס וויסט מייקערס יוניאן איז די איינסטע ארבייטער ארגאניזאציע אין פילאדעלפיא, ערשטענס, דערפאר ווייל זי עקזיסטירט נאך נים אזוי לאנג ווי די אנדערע יוניאנס, און צווייטענס, און דאס איז נאך וויכטיגער, דערפאר ווייל די מיטגלידערשאפט פון דער יוניאן באשטעהט כמעט דורכאוים פון יונגע מיידלאך. פונדעסטוועגען האט זי באוויזען אין די עטליכע יאהרען פון איהר עקזיסטענץ, וואס עס מיינט א מאדערנע יוניאן. איהרע גרינדער האבען זיך נאך גאר פונ'ם אנפאנג געשטעלט אלס אויפגאבע צו מאכען די ליידיס וויסט מאכער יוניאן א מוסטער פון אן ארבייטער ארגאניזאציע, און די רעזולטאטען זיינען ערשטוינענד.

* * *

די נאדעל אינדוסטריע מאכט יעצט דורך זעהר א שווערע צייט. מאנאטען און מאנאטען .ז די טויזענטער ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין דיזע טריידס, געהען אום אהן ארבייט, און עס איז געוועהנליך, דאס אין אזעלכע פאלען זאלען נישט נאר ליידען די איינצעלנע מעמבערס, נור די ארגאניזאציאנען אין אלגעמיין. אנדערש איז אבער דער פאקט מיט דיזער ארגאניזאציאן. עס איז אמת, דאס עקאנאמיש ליידען די פילאדעלפיער וויסט און דרעס מייקערס נישט ווענינער, ווי די אלע אנדערע, אבער זייער ארגאניזאציאן איז געבליבען דערזעלביגער שטארקער פאקטאר אין ארבייטער־לעבען, ווי אין דער צייט וואס מען האט נישט געקענט קריגען קיין ארבייטער זאגאר פאר די בעסטע פרייזען.

די וויסט מאכער יוניאן איז אבער נישט נור שטארק אלס א עקאנאמישע באשיצערין פון איהרע מיטגליעדער, זי איז אויך א גייסטיגע ערציהערין פון די אלע טויזענדער ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין דיזען טרייד דא אין פילאדעלפיא. זי איז די ערשטע און איינציגע ארגאניזאציאן, וואס האט געהאט אן אייגענע זומער־היים און הונדערטע פון זייערע מיטגלידער האבען

דארט פארבראכט אנגענעמע וואכען. פיעלע קאנצערטען זיינען דארט געגעבען געווארען דורך דעם זומער, און דער גייסט איז געווען א משפחהדיגער: אלע קינדער פון איין גרויסער פאמיליע.

איצט האט זיך פארענדיגט דער סעזאן פון דער זומער־היים און דאס איז געפייערט געווארען מיט א גרויסען קאנצערט.

* * *

פאר היינטיגען ווינטער סיזאן זיינען שוין אראנזשירט געווארען איינינע גרויסע קאנצערטען אין דער אקאדעמי. דער ערשטער וועט זיין דעם 26טען אקטאבער, און דאס איז דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע דאס א היגע ארגאניזאציאן זאל וואגען צו מאכען אזא אונטערנעמונג.

די יוניאן האט אנגאזשירט פאר דעם ערשטען קאנצערט, די וועלטבארימטע קינסטלערין אננא פאורלאווא מיט איהר קאמפאניע.

פאוולאווא איז נישט געווען אין אמעריקא פאר די לעצטע 6 יאהר. אונטער דער צייט זיינען פיעלע קינסטלער פון באלעט און קלאסישע טענץ אויפגעטראטען אויף דער אמעריקאנער ביהנע. עס האט אבער געפעהלט די נשמה. און עס האט זיך געבייגקט נאך די פאלקאמענהייט, וועלכע בלויז אזא קינסטלערין, ווי פאוולאווא, קאן עס ארויסברייננגען.

איהר ערשטער ארויסטריט זינט זי איז צוריקגעקומען אהער קיין אמעריקא, וועט זיין פאר די וויסט מאכערס.

דאס וועט זיין א וואונדערבאר אווענט".

* * *

אין ניו יארק ערשיינט א וויסענשאפטליכער זשורנאל, וואס גיט זיך אפ מיט סאציאל־עקאנאמישע און פאליטישע פראגען, מיט'ן נאמען „די סורוויי" (דער בעאבאכטער). מיט א קורצער צייט צוריק איז אין דעם זשורנאל געווען געדרוקט א עדיטאריעלער נאטיץ וועגען דעם באשלוס פון אונזער לעצטער קאנווענשאן אין שיקאגא מכוח דער עפענונג פון יוניאן קא־אפעראטיווע קלאוק שעפער: דער זשורנאל באטראכט עס פאר א ריזיגער אונטערנעהמונג, און גלייכצייטיג פאר דאס לעצטע גרויסע ווארט אין דער טרייד יוניאן וועלט פון אמעריקא.

צווישען אנדערעס ווערט אין יענעם עדיטאריעלען נאטיץ געזאגט:

„די אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן נעהט באלד אונטערנעהמען עטוואס, וואס אויב עס זאל זיך ארויסווייזען פאר אן ערפאלג, וועט עס זיין עפאכעמאכבענד אין דער ענטוויקלונג פון טרייד יוניאניזם אין דעם לאנד. דער פלאן איז צו עפענען אין ניו יארק קלאוק שעפער און סטארס, וואס זאלען באלאנגען צו דער יוניאן און פון איהר געפיהרט ווערען. אין דיזע סטארס זאלען פארקויפט ווערען בלויז אזעלכע קליידער, וועלכע ווערען געמאכט פון דער יוניאן. די קליידער זאלען פארקויפט ווערען פאר מעסיגע פרייזען, צום בענעפיט פון אלגעמיינעם עולם.

די יוניאן דענקט, דאס די הויכע פרייזען פון קליידער קומט פון „פראפיטירינג", — נים פון לוין־פראפיטירער, זאנדערן פון דעם טוך־פאבריקאנט פראפיטירער, דער זשאבער פראפיטירער, דער מאנופעקטשורער־פראפיטירער און דער סטאר־קיפער פראפיטירער. דער ברייטער עולם פארגעסט געוועהנליך אן די אלע פראפיטירער און גערענקט בלויז וואס ער לעזט אין ציימונגען וועגען ארבייטער־אומרוהען" און „הויכע שכירות". צוגעבענדיג דעם פאקט, דאס די יוניאן וועט מוזען קויפען דעם רוי־מאטעריאל פון די טוך־פאבריק פראפיטירער, ערווארט זיך דאך צו קאנען צאהלען די ארביטער בעסערע שכירות פאר בלויז א זיבען שטונדיגען ארבייטס־טאג".

נאך דעם ווי דער „סורוויי" גיט דא איבער פרעזידענט שלעזינגער'ס מיינונג אין באצוג דער פראגע, דאס די אונטערנעהמונג וועט געוויס זיין ערפאלגרייך, פארענדיגט דער זשורנאל:

„דאס איז די אונטערנעהמונג דירעקט. הינטער דעם שטעהט אבער א מעהר אינטערעסאנטע פראגע: קאן די ארבייטערשאפט אליין פירען און פארוואלטען די פראדוקציאן? קאפיטאל האט די יוניאן; זי פארמאגט 150.000 מיטגליעדער און אז יעדער מיטגליעד וועט געטעקסט ווערען בלויז מיט 5 דאלאר, קאן שוין די יוניאן האבען דאס גאנצע „ארבייטס־געצייג". די ארגאניזירטע ארביירטער פון דעם לאנד האבען שוין אויסגעפונען, וואס פאר א רייכטום עס ליגט אין דער מאכט פון איינינקייט, און דאס קאן גוט באנוצט ווערען פאר'ן אלגעמיינעם נוצען. איצט

לייבאר דעי אין „יוניטי לאנד"

(איינדריקע). פון י. פארבער.

שוין אויף דער באהן, גלייך ווי מיר האבען זיך געלאזען אין וועג אריין, האט זיך געפיהלט אן אנדער אטמאספערע. ארײנקומענדיג אין וואגאן דערפיהלט איהר גלייך אז דא זיינען אלע אייערע מיט־פאסאזשירען. ניט אזוי די מיידלאך מיט קורץ געשארענע האר, וואס האבען זיך געווארפען אין די אויגען, ווי די באנעהמונג זייערע. קומט אריין א נייער מענש ווענדען זיך צו איהם פארשיידענע בליקען: „וואוהין? אין יוניטי? אלע אין „יוניטי". — ענטפערט דער „נייער" אויף דעם בליק, און דער גאנצער וואגאן מיט פאסאזשירען ווערט פאראייניגט אין איין פאמיליע, וואס פאהרען צוזאמען אויף זייער אייגענער זומער וואוינונג אין יוניטי הויז.

* * *

אונזער אויטאמאביל דערנעהענטערט זיך צו דער יוניטי הויז. צו געהן איז נאך א היבשער וועג, אבער עס באגעגנען אונז שוין גרופעס פון „יוניטי", וועלכע באגעגנען אונז מיט פריידענס אויסרופען. נאר אט שטראלט ארויס פון דער פינסטערניש א שיין, נאך איינער, פיעלע עלעקטרישע לעמפעלאך, און איהר קענט שוין דייטליך איבערלעזען: „ווילקאמען אין דער יוניטי הויז".

באלד קלייבען זיך צונויף אויף דער טעראסע געסט פון אלע ווינקעלאך פון יוניטי פעלדער. פיעלע לויפען ארויס פון גאנץ האל באגעגענען „די גרינע". מיט וואס פאר א פרייד און נייגעריגקייט זיי באטראכטען דאס אונז! ווי זיי וואלטען זאגען: „אט ענדע. זיך קוים ארויסגעריסען מיט'ן לעבען פון דעם מאלאך, דעם קעסעל גרוב, ניו יארק"...

* * *

פרימארגען. די זון האט זיך נאך ניט אין גאנצען באוויזען, אבער איהרע שטראהלען באפיצען שוין די פעלדער און די בוימער מיט גינגאלד־פיאלעטווע קאלירען. דאס קוואקען פון זשאבעס און גראז־ווערימלאך ווערט שטילער און זייער ארט פארנעהמען פויגעלאך, וועלכע טאנצענדיג פון איין צווייג אויף דעם צווייטען, פון איין בוים אויף דעם אנדערען, זינגען א שיר דעם אנקומענדען טאג. איך קוק ארויס פון פענסטער. יוניטי קינדער געהען צום לייק זיך באדען.

— אזוי פריה, — שריי איך ארונטער.

— אין יוניטי שלאפט מען ניט, — איז דער ענטפער. — קומט מיט אונז באדען א שווים.

איך שפרינג ארויס פון בעט. וואו איז אהינגעקומען די שטאטישע פוילקייט, דער צובראכענער געמיט פון ניט דערשלאפען? ניט באמערקענדיג ווי אזוי, זינגען זיך מיר באקאנטע ניגונים און ניט נאר דורכ'ן האלז, דורכ'ן גאנצען קערפער ציהען זיך ווי טענער. עס זינגט זיך!..

איך לאז זיך צום לייק. אויפ'ן וועג באגעגען איך פנים'ער באקאנטע און אומבאקאנטע. אלע מיט א ברייטען שמייכעל און „גוד מארנינג". און אז עס טרעפט אז מען באמערקט דיך ניט אדער מען שענקט דיר ניט קיין אויפמערקזאמקייט, טראכטסטו זיך: „וואס איז דאס פאר א פרא־ארם, וואס באגעגנט אזוי קאלט אויף „יוניטי לאנד". איז דאס דען ניו יארק?"

אויסגעבאדען לאז איך זיך אליין באקוקען די שיינע פלעצער, וועגען וועלכע מען דערצעהלט אזוי פיעל. אבער אין „יוניטי" קען מען ניט זיין אליין... „א בחור געהט דאך מסתמה שפאצירען", — הער איך א קלינגענדיגע שטימע פון א יוניטי שוועסטער. לאמיר געהן צוזאמען. אבער ניט לאנג לאזט מען אונז געהן אין צווייען. פון איבעראל פון די ארומיגע קאטעדזשלאך לאזען זיך ארויס גרופעס און אלע מישען זיך צונויף אין אן אלגעמיינעם געשפּעך, ווי זומער פויגעלאך פאר א זונען אויפגאנג...

* * *

דער גייסט פון יוניטי איז ניט נאר דאס פארטייטשטע ווארט „אייניגקייט", „סאלידאריטעט", עס איז פיעל מעהר. עס איז עטוואס גרעסערס, שענערס. עס איז לעבען, עס איז געזאנג, טענץ. עס איז ארײנגעווארפען זיך אין שטראם פון פארגעניגען. אבער ניט אזא פארגעניגען, וואס טראגט אן אינדיווידועלען כאראקטער. דאס איז א העכערע פארם פון צופריעדענהייט, א צופרידענהייט וואס איז ניט באגרענעצט אויף א קליינע גרופע. אין יוניטי איז אזא זאך אונמעגליך! אויב פארגעניגען איז וואס מעהר יוניטי קינדער זאלען דאס האבען און וואס מעהר מענשען ווערען אין דעם צופרידענהייטס־שטראם אריינגעצויגען, אלץ פרעהליכער שטראמט זיך דער אפקלאנג פון זייער פרייד איבער דער לאנדשאפט ארום און אלץ ווייניגער פלאץ לאזט דאס פאר יאוש און מרירות, אלץ שענער וועט דאן אויס־ די מוטער־ערד, וועלכע פיהלט, אז זי האט צוריקגעפונען איהרע קינדער...

נאך ברעקפעסט האבען א קליינע גרופע געסט געוואלט געהן צום „באשקיל פאלס". אין יוניטי איז אבער ניטא קיין קליינע גרופעס. מען דארף מיטנעהמען א פאר „גרינע", וואס האבען דאס נאך ניט געזעהן, און אין א צייט פון פינף מינוט איז פון דער גרופע געווארען א מחנה פון פופציג מענשען, און געהן געהט מען ניט בלויז מיט אלטע באקאנטע בלויז, מען ווערט שוין באקאנט — מיר זיינען דאך אלע שוועסטער און ברידער פון איין פאמיליע, טו צו וואס דאס זיין קאנווענציאנעל? אפילו פאטאגראפישע בילדער נעהמט מען מיט „ווילד פרעמדע". איך אליין האב זיך פאטאגראפירט דריי מאל מיט מענשען, וואס איך האב צום ערשטען מאל געזעהן.

* * *

יא, פיעל קרעדיט קומט די איניציאטארס און די פארוואלטער פון יוניטי הויז. ניט נאר דערפאר, וואס זיי האבען געקענט קריגען אזא הויז און זייער ענערגיש געגעבען אזא הויז אויפצוהאלטען, נאר אויך, און הויפטזעכליך דערפאר, וואס זיי טרייען אויפצוהאלטען א „יוניטי אטמאספערע". דאס דורכצופיהרען ארראנזשירען זיי קאנצערטען, וועלכע קענען זיך פארגלייכען מיט די בעסטע קאנצערטען פון ניו יארק. אזעלכע זינגער ווי דער יונגער מעקסיקאנער טענאר קארל סאסיקסא, וועלכער האט מיט גרויס בייפאל געזונגען פון „עליזיר ד'אמור", „ריגאלעטא" און „לא באהעם", אזער מאדאם יוניטא לאסאור־סאפראנא, וואס האט ארויסגערופען אזוי פיעל שטורם מיט איהר זינגען, אז עס האט א שאט געטאן מיט בלומען צו איהרע פיס ווי א רעגען. מיידלאך האבען זייערע אייגנעפלאנצטע בלומען פון די האר געריסען און צו די פיס פון דער קינסטלערין געווארפען. צו די קאנצערטען האט אויך מיטגעווירקט די פיאניסטין סאפיע סאגינא און א פארלעזערין, מאדאם איזאמסקא, וועלכע, אבוואהל זי שפיעלט ניט אויף דער ביהנע מעהר, קען זי דאך פארגליכען ווערען מיט די בעסטע דראמאטישע שוישפיעלערינס. זי איז אהן צווייפעל געווען א גרויסע שוישפיעלערין.

אבער דאס אלעס איז געווען „קלאסיש", אזעלכעס וואס מען קען אין ניו יארק אויך קריגען, אבוואהל מיט דער פיעל באדייטענדער אויסנאהמע, וואס אין ניו יארק גיבען אונז די קינסטלער זייערס און קענען אונז ניט מעהר, וועהרענד אין דער יוניטי־הויז לעבען מיר צוזאמען מיט זיי איבער די פרייד, וואס זיי רופען ביי אונז ארויס, ווען מיר קענען זייערע הענד אויס דאנקבארקייט דריקען. אבער טראץ דעם אלעמען האבען מיר געהאט עטוואס ספעציעלעס. מיר האבען נאך געהאט עכטע „יוניטי זאכען", געשאפען פון און פאר יוניטי מעמבערס. ערשטענס, קלאסישע באלעטען־טענץ פון פארלעך אונטער דער לייטונג פון מיס קאהן. הער ווינרי האט ווייט ניט שלעכט אימיטירט לודוויג סאט'ען „ניט וועלענדיג געהן אין חדר". און אלס א פינאל צו אלע זאכען איז געווען אין אווענד א „שייגעץ" און דעם צווייטען א „שיקסע", וועמען די פארליבטע פון דער יוניטי־הויז וועלען האבען לאנג צו געדענקען.

עס איז אויך ווערט צו דערמאנען, אז פיעל לעבען האט אריינגעטראגען צו די קאנצערטען מיס חושעני מייטעס, וועלכע איז אלס סעקרעטערי פון דער הויז קאמיטע געווען משערליידי פון די אווענדען, וועלכע האט מיט איהר שארפזין מיטגעווירקט, אז די אווענדען זאלען קענען אנגערופען ווערען „יוניטי קאנצערטען".

באגלייט עם יום טוב האבען דער זיידע ווינטשעווסקי, וועלכער האט פארגעלעזען זיינע זאכען, און דער עולם האט געזונגען זיינע לידער. אויך האט פארגעלעזען אונזער קינדער־דיכטערין לאה קאפילאוויטש.

באזונדערס איינדרוקספול איז געווען דער מאמענט נאך דעם טאנץ, וואס שטעלט מיט זיך פאר די באפרייאונג פון ארבייטער קלאס, ווי די ארבייטער צורייסען די קייטען פון שקלאפעריי. דער גאנצער עולם איז אויפגעשפרונגען און אלע צוזאמען האבען מיט באגייסטערונג געזונגען די מארסעליעזע. עס איז געווען א הערליכער מאמענט.

דאס אלעס וואס דא איז געזאגט געווארען איז ווייט ניט אלעס, וואס מען לעבט איבער אין יוניטי הויז. איבערצוגעבען אלע איבערלעבונגען, שטימונגען און געדאנקען, וואס די יוניטי הויז רופט ארויס, וואלט ניט געווען גענוג צעהן נומערן פון דער „גערעכטיגקייט". איבערלעבענדיג דאס אלעס, מאכט עס אן איינדרוק אויפ'ן גאנצען לעבען.

צוויי מיטינגען פון עקז. באארד פון לאקאל 25

א זיצונג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער וויסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אבענד, דעם 31טען אויגוסט. בר. י. האכמאן אלס טשערמאן.

בר. ר. מאכראוו ווערט אינסטאלירט אלס מעמבער פונ'ם עקז. באארד פונ'ם דאון־טאון ברענטש.

בר. שאפירא, מעמבער פונ'ם עקזעקוטיוו באארד, ציהט די אויפמערקזאמקייט פונ'ם עקז. באארד וועגען דער האנדלונג פון זיין פירמע, וואו ער ארבייט, און די ארבייטער האבען אריינגעבראכט א קאמפליינט אין דער יוניאן. פרעגט ער אן דעם עקזעקוטיוו באארד, דאס ער זאל זיך ארויסזאגען וועגען דיעזער אנגעלעגענהייט. דער עקז. באארד באשליסט דיזע טאגע איבערצוגעבען צו דעם באארד אוו דירעקטארס.

בר. עססענפעלד באריכטעט וועגען דעם שאפ־טשערמאנ'ס מיטינג, און די באשליסע פון דעם מיטינג. דער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג, דעם 26טען אויגוסט, און די רעפארטס פונ'ם עקזעקוטיוו באארד זיינען פארהאנדעלט געווארען, און אלע רעפארטס זיינען גוטגעהייסען געווארען, מיט דער אויסנאהמע פון איניגע מאדיפיצירונגען.

בר. האכמאן, מענעדזשער פונ'ם אינדעפענדענט דעפארטמענט פאר דער קאמיטע, וואס איז ערוועהלט געווארען לעצטע וואך צו האנדלען איבער דער פראגע פון דער לייאן וויסט קאמפאני, דאס א סטרייק האט געמוזט גערופען ווערען אין דעם שאפ, ווייל די פירמע האט ניט געוואלט קומען צו קיין אויסגלייך מיט די ארבייטער פון דעם שאפ.

בר. האכמאן באריכטעט, דאס פארהאנדלונגען געהען אן מיט דער וועסט פאינט וויסט קאמפ. וועגען סעטלען דעם סטרייק פון יענעם שאפ.

די יוניטי האוז קאמיטע לאדעט איין דעם עקזעקוטיוו באארד דורך א צושריפט, דאס א קאמיטע פון דעם עקז. באארד זאל זיך באטהייליגען אין דער לייבאר דעי פייערונג פון דער יוניטי האוז. די איינלאדונג ווערט אנגענומען, און א קאמיטע באשטעהענד פון די ברידער לופין, זילבערבערג, סאנדלער, פארבייש און עהרליך ווערט ערוועהלט צו פארטרעטען דעם עקזעקוטיוו באארד.

א צושריפט ווערט ערהאלטען פון פאניא מ. קאהען, סעקרעטער פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע, אויפפאדערענדיג דעם עקזעקוטיוו באארד צו אפאינטען א 3ער קאמיטע צו אטענדען א דזשאינט קאנפערענץ פון עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון די פארשיעדענע נ. י. לאקאל יוניאנס פון דער אינטערנעשאנאל אין דער נאהענטער צוקונפט. דער צושריפט ווערט איבערגעגעבען צו דער עדיוקיישאנאל קאמיטע.

די ארגאניזיישאן קאמיטע שיקט אריין איהר באריכט פון זייער מיטינג פון אויגוסט דעם 23טען. אין זייער רעפארט געבען זיי אן די גענויע צאהל שעפער, וואס זיינען אין סטרייק, אנגעבענדיג די גענויע צושטענדע פון יעדען סטרייקענדען שאפ. אויך שיקען זיי אריין צום עקזעקוטיוו באארד א רייהע פלענער פאר דעם סיזאן וועגען אנפיהרען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין. די פלענער זיינען אויסגעארבייט געווארען פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע צוזאמען מיט בר. האכמאן, מענעדזשער פונ'ם אינדעפענדענט דעפארטמענט.

לויט די רעקאמענדיישאנס פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע ווערט באשלאסען דאס די ביזנעס איידזשענטס זאלען פארמירען ארגאניזיישאן שאפ קאמיטעס פון אזוי פיעל מעמבערס, ווי עס וועט נאר זיין מעגליך, כדי זיי זאלען העלפען אין דער ארבייט פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע פון דער עקזעקוטיוו באארד. אויך ווערט א קאמיטע פון די ברידער קאהען, סאנדלער און לופין ערוועהלט נאכצוזוכען א פאסענדען קאנדידאט פאר דעם אמט אלס ארגאניזער.

נאך א זיצונג פון דעם עקז. באארד פון דער וויסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אבענד, דעם 7טען סעפטעמבער. בר. האכמאן אלס טשערמאן.

א קאמיטע פון דער קאלאמביא קאסטיום קאמפ. ערשיינט פאר'ן עקזעקוטיוו באארד און ערקלערט, דאס די פירמע איז ניט נאכגעקומען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. לעצטענס האט זיך די פירמע ענטזאגט צו צייגען די ביכער צו די אינוועסטיגייטארס פון דער יוניאן, און א סטרייק איז דאריבער ערקלעהרט געווארען געגען דער פירמע. די סטרייקערס האבען אויסגעפונען, דאס די פירמע האט אן אנדער שאפ אין דזשוירזי סיטי. זיי פארלאנגען דאריבער, דאס דער עקזעקוטיוו באארד זאל זעהן צו ארגאניזירען אט יענעם שאפ. נאכדעם ווי די ברידער האכמאן און הארוויץ ערקלערען וועגען דער לאגע פון דעם שאפ, ווערט באשלאסען איבערצוגעבען דעם פערלאנג פון דער קאמיטע פון דעם שאפ צו א ספעציעלער קאמיטע פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון די ברידער סאנדלער, קרופניק און שוועסטער פעקער צו האנדלען אין דער קיים מיט פול מאכט צוזאמען מיט די מענעדזשערס.

מיס גלוק, דער ניי אפאינטעטער עדיוקיישאנאל דירעקטאר פון אונזער יוניאן, ווערט פארגעשטעלט פאר'ן עקז. באארד, און קריגט א הארציליכען ווילקאמען.

בר. דזשייקאבסאן, מענעדזשער פון דעם רעקארד דעפארטמענט, שיקט אריין א באריכט, אנגעבענדיג דעם רעזולטאט פון דעם צענזוס, וואס איז גענומען געווארען לעצטענס אין אונזער לאקאל דורך דעם מענעדזשער פון דעם רעקארד דעפארטמענט פון דער אינטערנעישאנאל, גענאסע טראכטענבערג. דורכ'ן צענזוס איז באוויזען געווארען, דאס אונזער לאקאל צו היינטיגען טאג צעהלט 25,000 מיטגלידער.

אויף דעם אויפרוף פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען ווערען די ברידער ווייסגלאס און עללניק ערוועהלט אלס דעלעגאטען צו אטענדען דעם אימיגריישאן קאנפערענץ, וואס ווערט גערופען פון די געווערקשאפטען פאר זונטאג, דעם 19טען סעפטעמבער, 1920, אין הערניגער לייסעאום, אום 9 אוהר פריה, אויף וועלכען עס וועלען אויסגעארבייט ווערען פלענער וועגען דער אימיגראציאן.

אויף דער רעקאמענדאציע פון דער פינאנץ קאמיטע ווערט באשלאסען בייצושטייערען 100 דאלאר פון דער טרעזשורי פון דער יוניאן פאר דעם פאנד צו העלפען ווידער ערוועהלען די 5 אויסגעשלאסענע סאציאליסטישע אסעמבלי־לייט.

אויף דער איינלאדונג פון דער וואמענס טרייד יוניאן ליעג ווערען ערוועהלט די שוועסטער קראנהארדט און גליק אלס דעלעגאטען צו פארטרעטען אונזער ארגאניזאציע צו דעם אינטערסטייט קאנפערענץ פון פרויען ארבייטער, וואס איז גערופען געווארען פון דער וואמענס טרייד יוניאן ליעג פון נ. י. דער קאנפערענץ וועט אבגעהאלטען ווערען שבת, דעם 9טען אקטאבער, אין אלבאני, נ. י.

עס ווערען פארגעלעזען פארשיעדענע צושריפטען און ווערען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פארהאנדעלט. צווישען די פארשיעדענע צושריפטען, וואס ווערען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פארהאנדעלט, איז אויך געווען אן איינלאדונג פון לאקאל 10 צו א קאנפערענץ פון די לאקאלען 10, 58, 89 און לאקאל 25. אויף די פרעסערס פון אונזער יוניאן צו באטראכטען פלענער וועגען עטאבלירען א דזשאינט באארד.

אזוי ווי דער ערשטער קאנפערענץ, וואס איז צוזאמענגערופען געווארען פון לאקאל 25 איז דורך פארשיעדענע אורזאכען נאך ניט אפגעהאלטען געווארען, און אזוי ווי דער נייער סעזאן דערנעהענטערט זיך, און די יוניאן דארף זיין פארבערייטעט מיט איהרע פלענער, דאריבער טאר די פראגע פון פארמירען א דזשאינט באארד ניט פארצויגען ווערען. רופען זיי דאריבער דעם קאנפערענץ פאר מיטוואך, דעם 15טען סעפטעמבער. די איינלאדונג ווערט פונ'ם עקז. באארד אנגענומען, און א קאמיטע באשטעהענד פון די ברידער האכמאן, פארבער, לואיס שאפירא און די שוועסטער דארא משערשטיין און קראנהארד ווערען ערוועהלט אין דער קאמיטע צו אטענדען דעם קאנפערענץ.

י. שעהנהאלץ, סעק.

א דרעס פירמע גיט א באנקעט פאר די ארבייטער.

די דרעס פירמע שפינעל, פון 27 וו. 24טע סטריט, האט לעצטע וואך געגעבען א באנקעט פאר די ארבייטער פון דעם שאפ. דער באנקעט איז געגעבען געווארען אין „ליטל רומעניא", אין דער 116טער סטריט.

וואס איז די סיבה? — פרעגט איהר.

נאר גישט, גלאט אזוי. דער באס האט געהאט א גוטען סיזאן, די ארבייטער אויך און אלע זיינען צופריעדען. הלואי וואלט דאס וועלכינע געווען אין אלע אנדערע שעפער.

די פּראָפעטישע בילדער

(ערצעהלונג).

פון נאַטהעניעל האַוטהאָרן

(שלום.)

ער האָט געוואונדערט איהר אויפמערקזאַמקייט אויף דער צייכנונג. אַ ציטער איז דורכגעלאָפען עלענאָר'ס קערפּער; אַ געשריי איז געלעגען אויף איהרע ליפּען; אָבער זי האָט עס אונטערדריקט, מיט דער זעלבסט־קאָנטראָל וואָס ווערט אַ געוואוינהייט פון אַלע וואָס פאַרבאַרגען געדאַנקען פון מורא און פּיין אין זייער ברוסט. וואָקסעהרענדיג זיך פון טיש, האָט זי דערפיהלט, אַז וואָלטער איז צוגעקומען נאָהענט גענוג צו האָבען געזעהן די צייכנונג, כאָטש זי איז ניט געווען זיכער, צו ער האָט עס באַמערקט.

— מיר וועלען די בילדער ניט לאָזען ענדערען, — האָט זי שנעל געזאָגט. — אויב מיין בילד איז טרויעריג, וועל איך דערפאַר אויסזעהן לוסטיגער אין קאָנטראַסט צו איהם.

— ווי איהר ווילט, — האָט געענטפערט דער מאָהלער, פאַרנייגענדיג זיך. — זאָלען אייערע זאָרגען זיין נאָר איינגעבילדעטע, נאָר אייערע בילדער זאָלען זיך קוועלען מיט זיי! און אייערע פריידען — זאָלען זיי זיין אמת און טיעף, און באַשיינען זאָלען זיי אייער ליעבען געזיכט, ביז זיי וועלען אין גאַנצען מאַכען מיין גייסט פאַר אַ ליגנערין!

נאָך דער חתונה פון וואָלטער און עלענאָר זיינען די בילדער געווען די צוויי פּרעכטיגסטע אָרנאַמענטען פון זייער וואוינונג. זיי זיינען געהאָנגען זייט ביי זייט אָפּגעטיילט דורך אַ שמאָלער גאַרדין, און האָבען אויסגעזעהן ווי זיי וואָלטען כסדר געקוקט איינס אויף דאָס צווייטע, דאָך אימער אָפּענטפערענדיג דעם קוק פון דעם צושויער. באַרייזטע מענשען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר מבינים אין אַזעלכע זאַכען, האָבען פאַררעכענט דיזע בילדער צווישען די וואונדערבאַרסטע מינים פון דער מאָדערנער פּאָרטרעטען־מאָהלעריי; אייניגע פּאַכע בעאָבאַכטער פלעגען זיי פאַרגלייכען מיט די אָריגינאַלען, געזיכטס־צוג פאַר געזיכטס־צוג, און האָבען מיט באַגייסטערונג געלויבט די עהנליכקייט. עס איז אָבער געווען אויך אַ דריטער קלאַס — ניט קיין באַרייזטע מבינים און ניט קיין איינפאַכע בעאָבאַכטער, נאָר מענשען מיט אַן איינגעבאָרענעם געפיהל — אויף אַזעלכע האָבען די בילדער געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק. אַזעלכע מענשען פלעגען קוקען אָהן אינטערעס פון אָנפאַנג, אָבער פלעגען זיך אַלץ מעהר פאַראינטערעסירען און פלעגען זיך אומקעהרען טאָג נאָך טאָג און שטודירען די געמאָהלטע פּנים'ער ווי די בלעטער פון אַ מיסטישען בוך. וואָלטער לודלאָו'ס געזיכט האָט צוערשט צוגעצויגען זייער אויפמערקזאַמקייט. ווען ער און זיין ווייב זיינען ניט געווען דערביי, פלעגען זיי מאַנכעס מאָל פאַרפיהרען אַ ויכוח וועגען דעם אויסדרוק וואָס דער מאָהלער האָט געהאַט בדעה צו וואַרפען אויף זייערע געזיכטס־ציגע. אַלע האָבען איינגעשטימט, אַז אין די געזיכטער איז געווען באַהאַלטען אַן ערנסטע כונה, כאָטש עס זיינען ניט געווען צוויי וואָס זאָלען עס ערקלערען גלייך. עס איז געווען ווע־ניגער מיינונגס־פאַרשידענהייט וועגען עלענאָר'ס פּאָרטרעט. ס'איז אמת, זיי זיינען זיך צוגאַנגען אין זייער פּראָבע צו טרעפען דעם מיין פון דעם חושך, וואָס איז געלעגען אויף איהר געזיכט, זיי האָבען אָבער אַלע איינגעשטימט, אַז דאָס איז געווען אַ חושך, און ניט אין איינקלאַנג מיט דעם נאַטירליכען טעמפּעראַמענט פון זייער יונגענדליכען פריינד. אַ געוויסער הערר, אַ פאַנטאַסט, האָט ערקלערט, אַלס רעזולטאַט פון פיעל נאָכפאָרשען, אַז אַם די ביידע בילדער זיינען געווען אַ טייל פון איין פּלאַן, און אַז דער שטאַרק טרויעריגער געפיהל אין עלענאָר'ס געזיכט האָט געהאַט אַ שייכות צו דעם מעהר אויסגעפּרעגטען געפיהל, אָדער, ווי ער האָט עס אָנגערופען, צו דער ווילדער ליידענשאַפט פון וואָלטער'ס געזיכט. כאָטש ער איז געווען אונגעלערענט אין דער קונסט, האָט ער אַפילו אָנגעפאַנגען אַ צייכנונג, אין וועלכער די פּאָזיציע פון די צוויי פיגורען האָט געזאָלט זיין אין איינקלאַנג מיט זייער, אַזוי צו זאָגען, בשותפות'ען אויסדרוק.

מען פלעגט דערצעהלען בסוד צווישען פריינד, אַז וואָס אַ טאָג נעהמט איהר פּנים אָן אַלץ אַ טיעפערען שאָטען פון פאַרטרויערטקייט, וואָס האָט געדראָהעט צו מאַכען איהר אויסזעהן עהנליך צו איהר אייגענעם אויפ'ן מעלאַנכאָלישען בילד. וואָלטער, ווידער, אַנשטאָט צו באַקומען דעם שאַרפען בליק, וואָס דער מאָהלער האָט איהם געגעבען אויפ'ן לייוונט, איז געוואָרען צוריקגעהאַלטען און נידערגעשלאַגען, אָהן שום אויסערליכע סמנים פון אויפרעגונג, ווי עס זאָל איי־ [illegible]

רייכען גאַרדין פון פּורפּור זייד, אויס־גענעהט מיט בלומען און אַרומגעלענט מיט שווערע גאָלדענע פרענז, אונטער דעם אויסרייד, אַז די שטויב וועט אָפּ־בלייכען זייערע פאַרבען, אָדער די ליכט וועט זיי מאַכען טונקעל. דאָס איז גע־ווען גענוג. איהרע באַזוכער האָבען גע־פיהלט, אַז אונטער די שווערע פאַלדען פון דעם זייד טאָר מען קיינמאָל ניט אַרונטערקוקען און אַז די פּאָרטרעטען טאָרען ניט דערמאָנט ווערען אין איהר אַנוועזענהייט.

די צייט איז זיך געפלויגען; און דער מאָהלער איז ווידער געקומען. ער איז געווען ווייט גענוג אין צפון צו זעהן דעם זילבערנעם וואַסער־פאַל פון די קריסטאַל בערג, און אַראָפּצוקוקען אויף דעם אונגעהויערען קנויל פון וואָל־קען און וואַלד פון דעם שפּיץ פון ניו ענגלאַנד'ס העכסטען באַרג. ער האָט אָבער ניט מחלל געווען יענע סצענע מיט נאָכמאַכען איהר דורך זיין קונסט. ער איז אויך געלעגען אין אַ שיפעל אויפ'ן בוזים פון לייק דזשאָרדזש, ביז זיין נשמה איז געוואָרען אַ שפּיעגעל פון איהר ליב־ליכקייט און פּראַכט, ביז ניט איין בילד אין וואַטיקאַן איז געווען אַזוי קלאָר אין זיין זכרון. ער איז געגאַנגען מיט די אינדיאַנער יעגער קיין ניאַגאַראַ, און דאָרטען האָט ער ווידער אַרונטערגעשמי־סען האָפענונגסלאָז זיין פּענזעל אין אָפּ־גרונד, פיהלענדיג אַז ער קען שוין ניכער מאָהלען דעם ברום, ווי עפּעס אַנדערש וואָס שטעלט צוזאַמען דעם וואונדערבאַ־רען וואַסער־פאַל. אין דער ווירקליכקייט איז עס זעלטען געווען זיין נייגונג צו מאָהלען נאַטור־סצענען, סיידען אַלס אַ הינטער־גרונד אום שאַרף אַרויסצוברענ־גען די שטריכען פון דער מענשליכער פאָרם, פון אַ פּנים, אָנגעצייכנעט מיט גע־דאַנק, ליידענשאַפט אָדער ליידען. מיט אַן אַנדער אוצר האָט איהם זיין נסיעה באַרייכערט; דער שטרענגער שטאָלץ פון אינדיאַנער הויפּט־לייט; די בין־השמשות'דיגע ליבליכקייט פון אינדיאַ־נער מיידלעך; דאָס היימישע לעבען פון די אינדיאַנער הייזקעס; דער פאַרגנב־עטער מאַרש; דער קאַמף אונטער טונ־קעלע נאָדעל־בוימער; די גרענעץ־פעס־טונג מיט איהר גאַרניזאָן; די טראַגי־קאָמעדיע פון דעם אַלטען פראַנצויזישען אָפיציער, וואָס איז ערצויגען אין הויפען, אָבער גראָה געוואָרען אין ווילדע מדבריות; אָט אַזעלכע זיינען געווען די סצענעס און פּאָרטרעטען וואָס ער האָט געצייכענט. דער בראַנד פון געפעהרלי־כע מאָמענטען; פלאַמען פון ווילדען גע־פיהל; קעמפע פון שרעקליכער מאַכט — ליבע, האַס, שמערץ, ווילדע אויפרעגונג — מיט איין וואָרט, די גאַנצע אָפּגעני־צעוועטע האַרץ פון דער אַלטער ערד איז ענטדעקט געוואָרען פאַר איהם אין אַ נייער פאָרמע. זיין פּאָרטפעל איז גע־ווען אָנגעפילט מיט גראַפישע אילוסט־ראַציעס צו די בענדער פון זיין זכרון, וואָס זיין זשעניע וועט איבערטראָגען אין זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ און אָנהויבען מיט אונשטערבליכקייט. ער האָט געפיהלט, אַז דער טיפסטער סוד פון זיין קונסט, וואָס ער האָט געזוכט אַזוי ווייט, איז געפונען געוואָרען.

אָבער צווישען שטרענגער אָדער ליב־ליכער נאַטור, אין מיטען פון געפאַהרען פון וואַלד אָדער פרידליכקייט, זיינען אַלץ געווען צוויי געשפּענסטער די קאָמפּאַניאָ־נען אין זיין וועג. ווי אַלע אַנדערע מענ־שען, וועלכע ווערען באַצוואונגען פון אַ גרויסען ציעל, איז ער געווען אָבגעטיילט פון דער גרויסער מאַסע מענשען. ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ציעל — קיין פריי־נדשאַפט, קיינע סימפּאַטיען — ווי נאָר די וואָס האָבען אויף אַ וועלכען עס איז אופן געהאַט אַ שייכות מיט זיין קונסט. כאָטש העפליך אין בענעהמונג און תמימות'דיג אין זיינע כונות און האַנדלונגען, איז ער ניט געווען וואָס מען רופט אַ גוטהערצי־גער מענש; זיין האַרץ איז געווען קאַלט; קיין לעבעדיגע בעשעפעניש האָט ניט געקענט צוקומען צו איהם נאָ־הענט גענוג צו האַלטען איהם וואַרים. פאַר די צוויי בעשעפענישען אָבער האָט ער געפיהלט, אין דעם העכסטען גראַד, דעם סאָרט אינטערעס וואָס האָט איהם אימער צוגעבונדען צו די טהעמען פון זיין פּענזעל. ער האָט זיך אַריינגעגראָבען אין זייערע נשמות מיט דעם שאַרפסטען בליק, און געמאָהלען דעם רעזולטאַט אויף זייערע געזיכטס־ציגע, מיט זיין בעסטער קראַפט, אַזוי אַז ער האָט נאָר אויף אַ קליינינקייט ניט דערגרייכט יענעם שטרענגען אידעאַל, וואָס קיין זשעניע האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט: זיין אייגענע אויפפאַסונג. ער האָט אויפגע־ [illegible] אין דער טונקעלהייט פון דער צו־קונפט — אַזוי האָט ער זיך [illegible] — אַ שרעקליכען [illegible]

האָט עס [illegible] דערצעהלט אויף די פּאָרטרעטען, אַזוי פיעל פון איהם — פון זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט, און אַלע אַנדערע קרעפטע — איז פאַר־שווענדעט געוואָרען אויף דעם שטודיום פון וואָלטער און עלענאָר, אַז ער האָט זיי באַטראַכט מעהר אַלס זיינע אייגענע שאַ־פונגען, ווי די טויזענדע, מיט וועלכע ער האָט באַפעלקערט די מלוכה פון בילדער. דערפאַר האָבען זיי געשוועבט דורך דער בין־השמשות־טונקעלקייט פון די וועל־דער, גערוהט אויף דעם טומאַן פון וואַ־סער־פאַלען, אַרויסגעקוקט פון דעם שפּיגעל פון דער רוהע, און זיינען אויך ניט צושמאָלצען געוואָרען אין דער מיטאָגדיגער זון. זיי האָבען פאַרפאָלגט זיין בילדער־ליכע פאַנטאַזיע, ניט ווי אָפּשפּיגלונגען פון לעבען, און אויך ניט ווי אַ בלאַסער שאָטען פון די טויטע, נאָר אין דער פאָר־מע פון פּאָרטרעטען, יעדער מיט דעם אונפאַרענדערליכען אויסדרוק, וואָס זיין מאַגיע האָט אַרויסגערופען פון די באַהעל־טענישען פון דער נשמה. ער האָט ניט געקענט צוריק אַריבערקריכען דעם אַט־לאַנטישען ים ביז ער האָט נאָך אַ מאָל ניט אַ קוק געטאָן אויף די אָריגינאַלען פון די ראַזיגע לופט־בילדער.

— אָה, דו הימלישע קונסט! — האָט געטריומפט דער ענטהוזיאַסטישער מאָה־לער, אַרומשפּאַצירענדיג אין גאַס. — דו ביזט די געשטאַלט פון גאָט אַליין. די אונ־צעהליגע געשטאַלטען, וואָס וואַנדערען אין דעם גאָרנישט, באַקומען אַן עקזיס־טענץ אויף דיין וואונק. די טויטע לעבען ווידער. דו רופסט זיי צוריק צו זייערע אַלטע סצענעס, און גיסט זייערע גרויע שאָטענס דעם גלאַנץ פון אַ בעסערען לע־בען, וואָס איז אי אירדיש און אי אונ־שטערבליך. דו כאַפּסט צוריק די פליי־הענדע מאָמענטען פון דער געשיכטע. פאַר דיר איז ניטאָ קיין פאַרגאַנגענהייט; ווייל ביי דיין באַריהרונג ווערט יעדע זאַך וואָס איז גרויס אַ געגענוואַרט; און באַ־ריהמטע מענער לעבען דורך לאַנגע דורות, און מען זעהט זיי טוענדיג די אַרבייט, וואָס האָט זיי געמאַכט וואָס זיי זיינען. אָה, דו מעכטיגע קונסט! אַזוי ווי דו ברענגסט די אייביג שווינדענדע פאַר־גאַנגענהייט און שטעלסט איהר אַוועק אין יענעם שמאָלען פּאַס זונען־ליכט וואָס מיר רופען „יעצט", — צו קענסטו אַראָפּ־ברענגען די פאַרהילטע צוקונפט צו באַגע־גענען איהר דאָרט? האָב איך דאָס דען ניט דערגרייכט? בין איך ניט אַ פּראָ־פעט?

אַזוי האָט ער, מיט אַ שטאָלצער און דאָך מעלאַנכאָלישער התפעלות, שיער ניט אויסגעשריען אויפ'ן קול, בעת ער איז געגאַנגען דורך דער טומעלדיגער גאַס, צווישען פאַרהאַוועטע מענשען, וואָס האָבען ניט געוואוסט פון זיינע טרוימערייען און האָבען אויך ניט געקענט פאַרשטעהן און זיך קימערן וועגען זיי. עס איז ניט גוט פאַר אַ מענשען זיך צו פאַר'שכור'ען מיט אַ געהיימער אַמביציע. אויב עס זאָ־לען זיך ניט געפינען אַרום איהם די יעני־גע, נאָך וועמעס מוסטער ער זאָל זיך קע־נען רעגולירען, וועלען זיינע געדאַנקען, פאַרלאַנגען און האָפנונגען אויסגעהן צו ווייט, און ער וועט ווערען דער אָבשיין, און פיעלייכט די רעאַליטעט פון אַ משו־גענעם. לעזענדיג אַנדערע הערצער, מיט כמעט אַן איבערנאַטירליכער חריפות, האָט דער מאָהלער פאַרפעהלט צו דער־זעהן די אונאָרדנונג פון זיין אייגען האַרץ.

— און דאָס דאַרף זיין די הויז! — האָט ער געזאָגט, באַטראַכטענדיג דעם פאַסאַד פון אויבען ביז אַראָב, איידער ער האָט אָנגעקלאַפּט. — גאָט, האָב רחמנות אויף מיין מוח! דאָס בילד! איך דענק, עס וועט קיינמאָל ניט פאַרשווינ־דען. סיי איך קוק אויף די פענסטער, סיי אויפ'ן טיר, זעה איך דאָס, איינגע־ראַהמט אין זיי, געמאָהלען שטאַרק און פלאַמענדיג אין די רייכסטע פאַרבען, די פּנים'ער פון די פּאָרטרעטען — די פיגו־רען און זייער געהיימע באַוועגונג.

ער האָט אָנגעקלאַפּט.

— די פּאָרטרעטען! זיינען זיי אינוועניג? — האָט ער געפרעגט דעם באַדינער; דאַן דערמאָנענדיג זיך — דיין בעל הבית און בעל הביתטע! זיינען זיי אין דער היים?

— יאָ, — האָט געזאָגט דער דינער, און ווען ער האָט באַמערקט דעם גייסט־רייכען אויסדרוק אויף דעם מאָהלער'ס פּנים — דער אויסדרוק פלעגט קיינמאָל ניט פאַרשווינדען פון זיין פּנים — האָט ער צוגעגעבען — און די פּאָרטרעטען אויך!

דער באַזוכער איז אַריינגעלאָזען גע־וואָרען אין אַ צימער וואָס האָט גע־פיהרט דורך אַ מיטעלסטער טיר אין אַ צווייטען אינוועניגסטען צימער פון דער זעלבער גרויס. אַזוי ווי דער ערשטער צימער איז געווען לעדיג, איז ער גענאַנ־גען צו דער טיר פון צווייטען צימער, וואו עס האָבען זיך איהם גלייך געוואָר־פען אין די אויגען יענע צוויי לעבעדיגע מענשען, ווי אויך זייערע געמאָהלענע פּאָרטרעטען, וואָס האָבען אַזוי לאַנג גע־צויגען צו זיך די אַלגעמיינע אויפמערק־זאַמקייט. ניט ווילענדיג איז ער שטעהן געבליבען אויפ'ן שוועל.

די האָבען ניט באַמערקט זיין אָנקומען.

וואָלטער און עלענאָר זיינען גע־[illegible] פאַר די פּאָרטרעטען, פון וועלכע דאָס ער האָט איצט געהאַט אַוועקגעשאַרט די רייכע און פיעלע פאַלדען פון דער זיידענע גאַרדין. מיט איין האַנד האָט ער געהאַלטען דעם גאָלדענעם פרענז, מיט דער אַנדערער האָט ער פעסט גע־דריקט די האַנד פון זיין פרוי. די בילדער, וואָס זיינען געווען פאַרדעקט מאָ־נאַטען לאַנג, האָבען ווידער אַרויסגע־שטראַהלט מיט אַ ניט פאַרקלענערטען פּראַכט. עס האָט זיך גערוכט, אַז די בילדער וואַרפען אַ בלאַסען ליכט איבער'ן צימער, און אייגענעם ליכט, ניט קיין געבאָרגטען. עלענאָר'ס בילד איז געווען כמעט פּראָפעטיש. איהר פּנים האָט אין פאַרלויף פון דער צייט ווי זיך דערנעהענט צום בילד. אַ פאַרטראַכט־קייט, און דאַן אַ שטילער שמערץ, האָט איינס נאָך דאָס אַנדערע גערוהט אויף איהר פּנים, פאַרטיעפענדיג זיך אין אַ ווילדע אַרום אין אַ שטילען פּיין. אַ בי־סעל שרעק צוגעמישט וואָלט זיצט עס געגעבען גענוי דעם זעלבען אויסדרוק פון דעם פּאָרטרעט. וואָלטער'ס געזיכט איז געווען בייזן און טעמפּ, אָדער באַ־לעבט נאָר פון מאָמענטאַנע פלאַמען וואָס האָבען נאָך זייער פלוצלונגער אויפלייכ־טונג געלאָזען נאָך זיך אַ שווערערע פינס־טערניש. ער האָט געקוקט פון עלענאָר'ן אויף איהר פּאָרטרעט און פון דאָרטען אויף זיין אייגענעם, אין באַטראַכטונג פון וועלכען ער האָט זיך ענדליך פאַרטיעפט.

דעם מאָהלער האָט זיך גערוכט, אַז ער הערט די טריט פון שיקזאַל, ווי ער איילט נאָך איהם אויפ'ן וועג צו זיינע קרבנות. אַ מאָדנער געדאַנק איז אַריינ־געפלויגען אין זיין קאָפּ. האָט ער דען ניט געגעבען דעם שיקזאַל די פאָרם אויף צו פאַרקערפּערן זיך, און איז ער אפשר ניט דער הויפּט־אַגענט פון דעם אַנקו־מענדען אונגליק, וואָס ער האָט פאָר־אויסגעזעהן?

וואָלטער איז אַלץ געשטאַנען שטיל פאַר דעם בילד, ראַטהענדיג זיך מיט איהם, ווי מיט זיין אייגען האַרץ, און פּראָוואָנדיג טרעפען דעם סוד פון דעם בייזען כשוף, וואָס דער מאָהלער האָט אַרויסגעוואָרפען אויף די געזיכטס־ציגע. ביסלעכווייז האָבען זיך זיינע אויגען אָנ־געצונדען, און בעת עלענאָר האָט באַ־טראַכט די שטייגענדע ווילדקייט פון זיין געזיכט, האָט איהר אייגען געזיכט אָנגענומען אַן אויסדרוק פון שרעק; און ווען ער האָט זיך ענדליך פאַרמאָסטען אויף איהר, איז די עהנליכקייט פון ביי־דען אויף זייערע פּאָרטרעטען געווען פאָל־שטענדיג.

— אונזער שיקזאַל פאַרפאַלט אונז! — האָט וואָלטער אַרויסגעברומט. — שטאַרב!

אַרויסציהענדיג אַ מעסער, האָט ער איהר אונטערגעכאַפּט בעת זי האָט גע־האַלטען אין פאַלען, און האָט עס גע־ציעלט אין איהר ברוסט. אין דער באַ־וועגונג, און אין דעם קוק און האַלטונג פון ביידען האָט דער מאָהלער דערקענט די פיגורען פון זיין צייכנונג. דאָס בילד, מיט איהר רעטוועלהאַפטער קאָלירונג, איז געווען פאַרענדיגט.

— האַלט! פאַרריקטער! — האָט ער שטרענג געשריען.

ער איז אָפּגעגאַנגען פון טיר און זיך געשטעלט צווישען די אומגליקליכע באַ־שעפענישען, גרייט מיט דער זעלבער קראַפט צו רעגולירען זייער שיקזאַל, ווי צו ענדערען אַ סצענע אויפ'ן לייוונט. ער איז געשטאַנען ווי אַ מאַגיקער קאָנט־ראָלירענדיג די געשפּענסטער, וואָס ער האָט אַרויסגערופען.

— וואָס! — האָט וואָלטער לודלאָו אַרויסגעמורמעלט, איבערגעהענדיג פון ווילדער אויפרעגונג אין פלוצליכען חושך. — שטעלט זיך דער שיקזאַל אין וועג זיין אייגענעם אורטייל?

— אונגליקליכע פרוי! — האָט גע־זאָגט דער מאָהלער. — האָב איך אייך ניט געוואָרענט?

— יאָ, איהר האָט מיך געוואָרענט, — האָט עלענאָר געענטפערט געלאַסען, בעת איהר שרעק האָט ווידער אָפּגעטרעטען דאָס אָרט דעם שטילען שמערץ, וועלכען דער שרעק האָט געהאַט פאַר־דרענגט. — אָבער איך האָב איהם גע־ליעבט!

אידיש פון נ. פּאָמעראַנץ

קלאָוק־מאַכער פאַר'ן קאַמפּיין.

די אַרבייטער פון דער געוועזע־נער פירמע וואָלטמאַן־און פּאַליאַק, הייסט אַ. פּאַליאַק און קאָ., 35 וועסט 33טע סט. האָבען ביינעשטייערט הונדערט דאָלאַר פאַר'ן סאָציאַליסטישען קאַמפּיין.

טשערמאַן: אַברהם מאָסקאָוויטש.

קאָמיטע: אַ. קאַפּלאַן, ב. [illegible], [illegible], [illegible] און ב. [illegible].

קאנפערענץ פון אידישע יוניאנס שאפט א ביורא צו רעגולירען אימיגראציע

די קאנפערענץ פון די אידישע טרייד יוניאנס לעצטען זונטאג, וואס די פאר-אייניגטע אידישע געווערקשאפטען האט איינגערופען וועגען אימיגראציע, איז עפשר ניט אזוי גרויס געווען אין פאר-טרעטערשאפט ווי עס האט געדארפט זיין, דערפאר אבער איז דאס געווען א צוזאמענקונפט פון א זעהר ערנסטען כא-ראקטער. די דעלעגאטען וואס זיינען דארט יא געווען האבען זיך מיט'ן גרעס-טען ערנסט באנסמען צו דער פראגע פון אימיגראציע פון אידישע ארבייטער, וואס קומען אן מאסענווייז אין אמעריקא און עס זיינען געזוכט געווארען די בעסטע מיטעל ווי די אימיגראציע צו רעגולירען, עס זאל זיין גוט פאר די אריבערגעקומע-נע ארבייטער, און דאס זאל אין דער זעל-בער צייט ניט שעדיגען דער ווייטערער ענטוויקלונג פון די אידישע יוניאנס אין אמעריקא.

די קאנווענשאן איז געהאלטען געווא-רען אין „הערגער וואירקערס לייסעאום", געוועזענער בעטהאוווען האל, וועלכער איז איצטער די היים פון דער קעפמייקערס יוניאן.

ווי שוין באמערקט, איז די קאנווענ-שאן ניט געווען קיין גרויסע. עס זיינען ניט געקומען אלע יוניאנס וואס מען האט ערווארטעט, די וויכטיגסטע און גרעסטע ארגאניזאציאנען זיינען דארט אבער יא געווען. עס איז געווען די אמאלגאמיי-טעד, די קעפמייקער און מילינערי אר-בייטער, די נעקווער מאכער און די אידי-שע פיינטער לאקאלס.

בעסער פון אלעם אבער איז דארט גע-ווען פארטראטען אונזער אינטערנעשא-נאל און דאס האט זיך גוט אנגעזעהן. עס זיינען געווען פארטראטען 14 לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל און א חוץ דעם איז געווען א באזונדער דעלעגאציע פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמא-כער יוניאן. דאס צייגט די לעבעדיגקייט פון אונזער ארגאניזאציאן, ווי זי איז אי-מער אויפ'ן פלאץ, ווען עס האנדעלט זיך וועגען א וויכטיגער פראגע. אין אלגע-מיין איז דארט פארטראטען געווען זעכ-ציג פאכען דורך 119 דעלעגאטען.

ערעפענט איז די קאנווענשאן געווא-רען פון מאקס פיין, סעקרעטער פון די געווערקשאפטען. ער האט אין קורצען ערקלעהרט די אויפגאבע פון דער קאנ-ווענשאן. נאכדעם ווי ברודער מעטץ, דער מענעדזשער פון אמעריקאן אפיס פון דזשוינט באארד פון קלאוקמאכער יוניאן איז ערוועהלט געווארען טשערמאן, ב. וויינשטיין—וויס-טשערמאן, מאקס פיין און מ. פיינשטיין אלס סעקרעטערע, איז מען גלייך צוגעטראטען צו דער ארבייט און עס זיינען אנגענומען געווארען א ריי-הע רעזאלוציאנען.

עס איז ערוועהלט געווארען א קאמיטע פון 10, וועלכע וועלען צוציהע-נאך 5 פארטרעטער פון יוניאנס, דאס וועט זיין די עקזעקוטיוו קאמיטע פון 25 דעלעגאטען, וואס וועט גלייך צוטרעטען צו דער ארבייט צו עפענען די ביורא און זיך שטעלען אין פארבינדונג סיי מיט די פארטייען, דורך וועלכע אימיגראנטען קו-מען אריין און סיי מיט די ארגאניזאציא-נען און אינסטיטושאנס, וועלכע קענען באהילפיג זיין אין דער ארבייט.

די הויפט רעזאלוציאן, וואס איז אנגע-נומען געווארען ווייזט אן, דאס אלס איינע פון די ארבייטען פאר דער אימיגרא-ציאנס-ביורא איז צו זעהן, אז די אימי-גראנטען זאלען אליין ניט דארפען געהן זוכען קיין דזשאבס, און אזוי ארייןפאלען אין די הענד פון עקספלואטאטארס, אגענטען פון באסעס, נאר זאלען קריגען דזשאבס דורך די יוניאנס. עס איז אויך אנגענומען געווארען א רעזאלוציאן, אז איינע פון די אויפגאבען פון דער אימי-גראציאנס-ביורא זאל זיין די אימיגראנ-טען צו צוטיילען אין פארשידענע טריידס. אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז אימיגראנטען ניט קיין פאך-לייט זאלען אנגעוויזען ווערען צו וואס פאר א טרייד זיי זאלען זיך נעהמען און מען וועט זארגען פאר זיי, אז זיי זאלען גלייך קע-נען אריינקומען אין די אנגעוויזענע טריידס.

די רעזאלוציאן איז אריינגעבראכט געווארען פון מאקס פיין, סעקרעטער פון די געווערקשאפטען, און לויטעט ווי פאלגט:

„אין אנבאטראכט, אז עס ווערט ער-ווארטעט א גרויסער צופלוס פון אימי-גראנטען אין דער נאהענטער צוקונפט.

„אין אנבאטראכט, אז די אידישע אר-בייטער-יוניאנס האבען שטענדיג גע-קעמפט פאר פרייער, אומבאשרענקטער אימיגראציע.

„אין אנבאטראכט, אז די אהערקומענ-דע אימיגראנטען קענען דא גרינג אריינ-פאלען אין די הענט פון עקספלואטאטארס און זייערע אגענטען, וועלכע וועלען אויס-נוצען די הילפלאזיגקייט פון די אימי-גראנטען זיי צו עקספלואטירען אזוי ווי אין די אמאליגע אלטע צייטען.

„אין אנבאטראכט, אז עס איז אונזער פליכט, אלס ארגאניזירטע ארבייטער, צו שיצען די אריבערקומענדע אימיגראנטען און זיי העלפען אין זייער ערשטען שריט אינ'ם נייעם לאנד, וועלכעס וועט אויך העלפען צו רעגולירען און קאנטראלירען די אימיגראציע אין אלגעמיין.

„זיי עס דעריבער באשלאסען, אז די קאנפערענץ פון אידישע טרייד-יוניאנס, פארזאמעלט אין בעטהאוווען האל, ניו יארק, זונטאג דעם 19טען סעפטעמבער, 1920, מיט דעם צוועק צו העלפען די קומענדע אימיגראנטען, באשליסט צו גרינדען א שטענדיגע אימיגראציאנס-ביורא דורכצופיהרען אין דער פראקטיק די ארבייט וואס די קאנפערענץ באצוועקט צו טאן צו העלפען די אימיגראנטען. די-זע ארגאניזאציע זאל באשטעהן פון 25 פארטרעטער פון פארשידענע פאכען, וועלכע זאלען זיך צונויפקומען אזוי גיך ווי מעגליך, און פון זיך ערוועהלען די נויטיגע באאמטע און דעם פארוואלטונגס קאמיטעט, וואס זאל באלד צוטרעטען צו דער ארבייט פון ערפילען די אויפגאבען, וואס די קאנפערענץ האט זיך געשטעלט".

איינער פון די פלענער איז, אז יעדע יוניאן זאל האבען א טרייד-ביורא, וועל-כע זאל שטעהן אין שטענדיגער פארבינ-דונג מיט דער צענטראלער ארגאניזא-ציאנס-ביורא. די צענטראלע ארגאניזא-ציאנס-ביורא וועט זיין אין ניו יארק און וועט האבען ברענטשעס אין אנדערע הא-פען-שטעדט. זי וועט אויספארשען די לאגע אין די אינדוסטריען, וואו אידישע אימיגראנטען קענען אריינקומען און וועט פארהאנדלען מיט די יוניאנס פון די אינ-דוסטריען אויפצונעהמען ברידערליך אי-מיגראנטען, וועלכע דארפען אויפגענומען ווערען.

א רעזאלוציאן איז אויך אנגענומען געווארען אויפצונעהמען די פראגע מיט אלע יוניאנס, אז זיי זאלען צופאסען זייע-רע געזעצע וועגען אריינגעהמען נייע מיט-גלידער אזוי, אז די נייע אריינקומענדע אימיגראנטען זאלען האבען אבסאלוט די לייכטסטע באדינגונגען צו ווערען מעמ-בערס. די קאנווענשאן האט גענומען אין אנבאטראכט, אז די אימיגראנטען, וועל-כע וועלען איצט קומען, אנטלויפען פון זייערע לענדער צוליעב דעם אינדוסטריע-לען חורבן. זיי קומען אהער הונגעריגע און צובראכענע, אהן געלד און אהן מיט-לען, און די יוניאנס וועלען מוזען זעהן ווי זיי קענען דיעזע אריינגעהמען אויף די מעגליכסט לייכטסטע באדינגונגען. די אימיגראציאנס-ביורא וועט זיך וועגען דעם ווענדען צו די יוניאנס, סיי צו די, וואס זיינען געווען פארטראטען, סיי צו די אינטערנעשאנאלס פון אזעלכע אינ-דוסטריען, וואו מען וועט קענען אריינ-שיקען אימיגראנטען ארבייטער.

די קאמיטע, וואס איז ערוועהלט גע-ווארען איינצושטעלען די ביורא, בא-שטעהט פון פאלגענדע פערזאנען:

י. פיינבערג און ל. לאנגער, פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמא-כער יוניאן; פ. מאנאט און אב. מילער, פון די אמאלגאמייטעד קלאָדינג וואיר-קערס; י. זילבערמאן, פון די בראדער-הוד און פיינטערס; י. ווייסגלעס, פון די ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 25; י. חאנין, פון די קעפ מייקערס; נא-וויצקי, פון די ריין קאוט מאכער יוניאן, לאקאל 20; ב. וויינשטיין, לעדערמאן, פון די לעדער גודס ארבייטער; די בע-אמטע פון די געווערקשאפטען, טשערמאן ה. גוסקין, וויס טשערמאן אייבראמסאן און די סעקרעטערע מאקס פיין און מ. פיינסטאון.

צום שלוס איז די קאנווענשאן אדרע-סירט געווארען פון מ. בלאט, א פארשטע-הער פון הכנסת אורחים, און ת. לאנג, פון „פארווערטס".

אבער איז עס צום ערשטען מאל, וואס עס וועט דארפען באוויזען ווער-רען די פעהיגקייט וואס די ארגאני-זירטע מאסען באזיצען צו באטרייבען די פאבריקען".

וועל, עס ווילט זיך האפען, אז די מעמבערשיפ פון אונזער אינטערנעשא-נאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן וועט אויסהאלטען די פראבע; דאס אונזער מעמבערשיפ וועט זיך ארויסוויי-זען צו שטעהן אויף דער געהעריגער הויך פאר אזא ריזיג גרויסער אונטערנעהמונג. א וועלט מיט אויגען זיינען אויף אונז אנגעשטעלט, פון פריינד און פיינד. עס ווילט זיך האפען, דאס די האנדלונג פון אונזער מעמבערשיפ וועט זיין אזא, פון וואס אונזערע פריינד וועלען נחת שעפען און אונזערע פיינד וועלען צופוקעט ווע-רען.

ארגאניזאציאנס ארבייט אין לאס אנדזשעלעס

פון מאקס גארענשטיין.

די מענשען פון דער איסט ווייסען גאנץ ווייניג וואספארא באדייטונג עס האט די שטאדט לאס אנדזשעלעס אלס צענטער פון דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע. דעם אמת זאגענדיג האב איך אליין אויך ווייניג וואס געוואוסט דערפון, איידער איך בין אהער געקומען, איך האב גע-וואוסט אזוי פיעל וואס איך האב גע-הערט פון וויס פרעזידענט ויידמאן, וואס איז דא פריהער געווען ביי דער אר-בייט.

די לאגע איז דא אזא: עס זיינען דא אין לאס אנדזשעלעס ארום 50 ווייסט און דרעס שעפער, און א 20 שעפער ווערט געמאכט בלויז ווייסטען, אין די אנדערע ווערען געמאכט ווייסטען, דרעס-סעס און טשילדרען'ס דרעסעס. אין דיע-זע שעפער ווערען באשעפטיגט פון 4 ביז 5 טויזענט ארבייטער און ארום 90 פרא-צענט פון זיי זיינען פרויען. די מעהרסטע פון זיי זיינען אמעריקאנער און מעקסיקא-נער, בלויז א קליינער פראצענט פון זיי זיינען אידישע מיידלאך. אין לאס אנד-זשעלעס איז אין דעם טרייד ניטא אפילו איין יוניאן שאפ. איהר וועט דעריבער פארשטעהן, וואספארא שוועריגקייטען איך האב דא געהאט, אונטער אזעלכע אומ-שטענדען, צו פארמירען אן עקזעקוטיוו באארד פאר אונזער לאקאל 103, די ווייסט און דרעסמאכער יוניאן וואס איז דא געגרינדעט געווארען. עס איז פונקט אזוי שווער געווען צו קריגען דא א גרו-פע טעטיגע מיידלאך, וואס זאלען מיט-העלפען די ארגאניזאציאנס ארבייט.

עס מוז לייידער געזאגט ווערען, דאס אלעס וואס וויס-פרעזידענט ויידמאן האט אויפגעטאן דורך דער צייט וואס ער איז געווען אין לאס אנדזשעלעס, איז צו-פאלען געווארען אזוי גיך, ווי ער איז אוועקגעפאהרען. ווען איך בין געקו-מען, האב איך געדארפט אלעס ווידער אנפאנגען פון דאס ניי. וואס איך האב שוין דא, דורך דער צייט וואס איך בין דא, אויפגעטאן, איז גענוג געווען די מא-נופעקטשורער פון דאנען זאלען ווערען „ביזי" אום צו שטערען די ארבייט.

קודם כל האבען זיי זיך גענומען ווי-דער אויפלעבען, עפעס אן אלטע באסעס אסאסיאיישאן, וואס האט דא אמאל עק-זיסטירט און איז שוין לאנג טויט גע-ווען. מאנכע האבען פאר שרעק גלייך געהעכערט די שכירות פון די ארבייטער, און אין מאנכע פעלע איז די העכערונג געווען פון 20 אויף 40 דאלאר א וואך! אנדערע ווידער האבען מודיע געווען זיי-ערע ארבייטער, דאס ווי באלד זיי וועלען זיך ארגאניזירען, וועלען זיי, די בעלי-בתים, אין גאנצען פארמאכען די שעפער. צווישען די לעצטע געפינט זיך אויך א געוויסער מר. זוקין, דער גרעסטער ווייסט מאנופעקטשורער פון לאס אנדזשעלעס, וועלכער, פארביינעהענדיג, איז מיט עט-ליכע יאהר צוריק געווען איינער פון די „רעד-רעוואלוציאנערען" אין לאקאל 25 פון ניו יארק. דעמאלט, פארשטעהט זיך, איז ער געווען ניט מעהר ווי אן ארביי-טער, א טאקער ביי טרייד. היינט אבער קאן ער ניט פארטראגען אפילו דעם רוף פון א יוניאן! יא, מענשען בייטען זיך....

מיר האבען דא לעצטענס געהאט א מאס מיטינג פון דיעזע ארבייטער און דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט טראץ אלע סטראשונקעס פון די באסעס. דער מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון ברו-דער רייעל, דער ארגאנייזער פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, ברו-דער מייערס, פון סענטראל לייבאר קאונ-סיל, און מיר האבען אויך געהאט א שפא-נישען רעדנער פאר די מעקסיקאנער מייד-לאך. אויף דעם מיטינג האב איך פאר-געלעזען איינעם פון די אגרימענטס אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט מיט די מאנופעקטשורערס אין דער איסט און איך האב אנגעוויזען דעם אונטערשיעד אין די ארבייטס-באדינגונגען דארטען און דא. מיינע באמערקונגען דערביי זיינען ענטוזיאסטיש אויפגענומען געווארען פון די פארזאמעלטע.

אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע איז דא איצט גאנץ „ביזי" און עס איז פאראן א פארלאנג פאר גוטע ארבייטער. די צייטונגען זיינען דא פול מיט אזעלכע אדווערטייזמענטס. אבער אזוי ווי ליי-דיגע גוטע ארבייטער איז ניט צו באקו-מען, זעצט מען אוועק יעדע און יעדען וואס קאן נייהען אויף א מאשין.

אויף צו ארגאניזירען דא דעם טרייד זיינען פאראן צוויי וועגען: ענטוועדער אנשטעלען א גרויסען סטאף ארגאנייזערס און א שטורעמדיגען קאמפיין, באלד ארויסצורופען א גענעראל-סטרייק אדער רופען מיטינג נאך מיטינג, ביסלאכווייז ארגאניזירען די ארבייטער און אונטער-שרייבען אגרימענטס מיט איינצעלנע מא-נופעקטשורערס. מיר האבען אויסגע-קליבען דעם צווייטען וועג, און ווי עס שיינט איז דאס דער בעסטער וועג אין דער געגענד.

נאטירליך, עס איז מעגליך, אז די צושטענדע זאלען זיך בייטען און מיר זאלען דארפען אומבייטען אונזער טאק-טיק. מיר וועלען דאס געוויס טאן, אזוי גיך ווי מיר וועלען זעהן אז דאס איז נויטיג.

מאקס גארענשטיין,
וויס-פרעז. א. ל. ג. וו. י.

אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

מיר האבען ביי פיעלע געלעגענהייטען דערמאהנט אונזערע מעמבערס וועגען אפצאהלען זייערע שולדען. דאס אבער איז געטאן געווארען אין א האלב ערנ-סטען טאן, ווייל אונזערע מעמבערס זיי-נען אימער-צו געווען באוואוסט אלס גוטע צאהלער.

ביי דיעזער געלעגענהייט אבער איז די געשיכטע א גאנץ אנדערע. ווייל אונ-זער מעמבערשיפ האט אימער-צו גע-צאהלט פינקטליך, האבען זיי זיך דיעזען סעזאן, צוליעב די שלעכטע צייטען, גענו-מען די פרייהייט צו ווארטען מיט זייערע דיוס, ביז בעסערע צייטען וועלען אנקו-מען. ווי עס ווייזט אויס, האט זיך יע-דער מעמבער געהאט דעם זעלבען רעכע-נונג. אזוי ווי ער איז א גוטער בעל בטוח אין דער יוניאן, מאכט ניט אויס אז ער וועט אפווארטען א פאר וואכען.

נאטירליך, האבען מיר קיין פארוויר-פע צו מאכען אונזערע מעמבערס פאר דעם. אבער מיר דיינקען, אז עס איז ווערט פאר יעדען מעמבער צו וויסען, אז ער איז ניט געווען דער איינציגער, וואס האט געמאכט דעמזעלבען רעכענונג. זעהר פיעלע האבען זיך אזוי געטראכט, און דער רעזולטאט דערפון קען זיך יעדער איינער לייכט פארשטעלען. דער איינ-קונפט אין דער יוניאן איז געווען א גאנץ שוואכער.

ווען עס איז סלעק אין טרייד, איז אבער ביזי אין דער יוניאן. די באסעס קריגען דאן אריין פאלשע האפענונגען, אז זיי וועלען קענען אראנטערדריקען די ארבייטס-באדינגונגען, און שעהמען זיך נים, אין פיעלע פעלע ארויסצוגעהן אין אן אפענעם קאמף מיט דער יוניאן. אט אזוי האבען, צום ביישפיעל, געהאנדעלט די דייטשע יאהודים סטוירן און הענע-מאן, האנטער און ארענסטיין, ל. גרינ-בערג, דזש. לודוויג און א. ס. אפענהיים, געגען וועמען אונזער לאקאל פיהרט שוין אן א קאמף דעם גאנצען זומער.

עס פארשטעהט זיך, אז אזעלכע סטרייקס קאסטען געלט, און צוזאמען מיט אלע אנדערע טראבעלס פון שלעכטע צייטען, האט אונזער לאקאל נאך קיינמאל אין זיין געשיכטע געהאט אזעלכע גרויסע אויסגאבען ווי דיעזען זומער.

האבענדיג גרויסע אויסגאבען און א קליינע איינגאהמע, פארשטעהט זיך, אז אונזער טרעזשורי איז באדייטענד אפגע-שוואכט געווארען אין פארלויף פון די לעצטע 6 מאנאטען. מיר האבען אבער די מעמבערס נים געוואלט בארערען דאן, ווען זיי האבען געהאט זייערע אייגענע צרות. אבער אזוי ווי עס איז יעצט גע-ווארען אביסעל ארבייט אין די שעפער, און דער עולם ארבייט שוין גאנץ גע-שמאק, האלטען מיר עס פאר אונזער פליכט אייך צו דערמאהנען, אז איהר האט שוין א צייט קיין דיוס נים גע-צאהלט און מיר פאדערען אויף יעדען איינעם צו קומען אין אפיס און אפצאה-לען די שולדען. די ביזנעס איידזשענטס פאנגען אן דיעזע וואך א קאנטראל איבער די שעפער, און יעדער איינער וועט מוזען האבען א גוטשטעהענדען ביכעל צו וויי-זען דעם ביזנעס איידזשענט.

מיר וואלטען אייך אבער געבעטען נים צו ווארטען ביז דער ביזנעס אייד-זשענט וועט קומען. באצאהלט אליין, ווי איהר האט דאס געטאן אימער-צו.

* * *

די סטרייקס, וועלכע מיר פיהרען אן געגען די פירמעס סטוירן און היינעמאן, האנטער און ארענסטיין, דזש. לודוויג, ל. גרינבערג און א. ס. אפענהיים, וועלען פארטגעזעצט ווערען ביז אן ענדליכען זיעג. אבוואהל די אסאסיאיישאן האט זיך אונטערגענומען צו זיין די סקעב-איידזשענסי פאר דיעזע פירמען, האבען אבער די פירמעס קיין גרויסען סוקסעס נים געמאכט. דזש. לודוויג, וועלכער האט געקראגען א פאר סקעבס, קריגט אבער קיין ארבייט נים געמאכט. די סקעבס ווייסען, ווי ער נויטיגט זיך, נעבאך, אין זיי און זיי גיבען איהם די ריכטיגע בא-האנדלונג. צו לאנג וועט ער מיט זיי נים

(שלוס אויף זייט 14.)

וועלכע מייען עס ערנסט מיט דעמאָקראטיע. עס איז שווער צו גלויבען אז די פאליטישענס זאלען אזוי האנדלען. אבער די געטער מאכען בלינד די אויגען פון די, וועמען זיי ווילען באשטראפען. און ווער פארדיענט נאך אזוי באשטראפט צו ווערען, ווי אונזערע פאליטישענס? פאלגליך זיינען די שאנסען פון דעם סאציאליסטישען טיקעט אין ניו יארק און איבער'ן גאנצען לאנד ווירקליך זעהר גוטע. פון איין זייט איז דער סאציאליסטישער קאנדידאט דער אלטער העלד דעבס, וועלכער ווערט באטראכט ממש פאר א הייליגען פון הונדערטע טויזענדע, און וועלכער ווערט געהאלטען פון א היפאקריטישער און אידיאטישער רעגירונג אין פריזאן פאר א סאציאליסטישער רעדע, וואס ער האט געהאלטען; און פון דער אנדער זייט די האנדלונג פון די פאליטישענס אין אלבאני. מיר קענען זיך ניט פארשטעלען קיין צוויי בעסערע פראפאגאנדע פאקטארען אין די קומענדע נאוועמבער־וואהלען פאר דעם סאציאליסטישען טיקעט.

טאמער וואלט די רעגירונג געקאנט גוט מאכען איהר גראבען פעהלער, איהר פארברעכען געגען פיעלע פרייהייטס־קעמפער דורך דער ערקלעהרונג פון אן אלגעמיינער אמנעסטיע, און פאר וועלכע זי האט געהאט די בעסטע געלעגענהייט לעצטע וואך, ווען פאר פאלמער'ן איז ערשינען א גרויסע רעפּרעזענטאטיווע קאמיטע, סיי פון דער א. פ. או ל. און סיי פון די סאציאליסטען, האט זי דורך איהר בלינדקייט און עקשנות פארפעהלט עס צו טאן. ווירקליך, די סאציאליסטען האבען א באזונדערען מזל. פשוט דער עולם, וואס פיהלט נאר און דענקט א ביסעל מענשליך, וועט נאר אנדערש ניט קענען העלפען, ווי צו שטימען פאר די סאציאליסטען. יעדענפאלס זעהט עס ניט אויס, אז די איצטיגע אדמיניסטראציע אין וואשינגטאן זאל האבען א באזונדערס שטארקען ווילען צו העלפען דעם פרעזידענט־קאנדידאט פון דער דעמאקראטישער פארטיי, קאקס. אדער, אפשר, ווייס מען אין די הויכע ספערען אין וואשינגטאן, אז ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס די א. פ. או ל. אגיטירט אזוי שטארק פאר קאקס'ען, וועט עס איהם ווייניג וואס העלפען, און אויסגעוועהלט וועט ווערען דאך דער רעפובליקאנישער פרעזידענט־קאנדידאט?

אגב אורחא, האט דער אומזיסטער גאנג פון דער דעלעגאציע פון דער א. פ. או ל. צום אדון פאלמער וועגען אמנעסטיע ניט געמאכט זיי, אונזערע ארבייטער־פארטרעטער, פארטראכטען זיך אביסעל? קען דאס זיין, אז זיי האבען זיך ניט געפרעגט, ווי קומט עס, אז באטש זיי האבען ערקלערט פאלמער'ן, אז די רעזאלוציע פאר אמנעסטיע איז אנגענומען געווארען איינשטימיג אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. או ל. אין מאנטרעאל, אז זיי שטעלען מיט זיך פאר איבער 4 מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער; אז וועגען זייער גרויסען פאטריאטיזם קען גאר קיין צווייפעל ניט זיין, — ווי קומט עס, אז זיי האבען גארניט אויסגעפיהרט ביי פאלמער'ן? קען דאס זיין, אז פאלמער הויבט ניט אן גאר מורא צו האבען פאר דער גאנצער מאכט פון דער א. פ. או ל.? ווירקליך, די דאזיגע פאסירונג האט באדארפט מאכען זיך פארטראכטען אונזערע ארבייטער־פארשטעהער, איבערהויפט, ווען זיי זאלען גאר אויף איין מאמענט וועלען מאכען א פארגלייך צווישען דעם גרויסען איינפלוס און מאכט פון דער ארבייטער באוועגונג אין ענגלאנד, אדער אין איטאליען און דער גאנצער שרעקליכער מאכטלאזיגקייט פון אונזער גרויסער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין אמעריקע.

א וואָרט צו אונזער ערציהונגס־ארבייט ביים אנפאנג פון סעזאָן.

עס איז גאר קיין פראגע ניט, אז איינע פון די וויכטיגסטע ארבייטען פון אונזער אינטערנעשאנאל איז איהר בילדונגס־ארבייט פאר איהר מעמבערשיפ. ווי ווייט זי האלט עס פאר וויכטיג, קען מען זעהן דערפון, וואס די לעצטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל האט באשטימט א דאפעלטע סומע, ווי ביז איצט, פאר דעם צוועק.

און וואס באצוועקט די אינטערנעשאנאל מיט איהר בילדונגס־ארבייט? מיינט זי צו מאכען די ארבייטער פאר פראפעסארען? געוויס ניט. מיינט זי אפשר, צו געבען זיי דאס ביסעלע בילדונג, וואס זיי האבען פארפעהלט צו קריגען, ווען זיי זיינען נאך געווען יונג, און האבען באדארפט געהן אין סקול? יע, דאס איז ביז א געוויסער מאס דער צוועק פון דער בילדונגס־ארבייט, אבער ווייט ניט דער הויפט־צוועק. נאך אלעמען איז דאס ביסעלע בילדונג, וואס די האבען פארשפעטיגט, און וואס זיי קענען קריגען איצט, איז ניט פון אזא גרויסען ווערט, אז עס זאל זיך לוינען די גאנצע אנשטרענגונג. דער הויפט־צוועק פון דער בילדונגס־ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל, איז, וועניגסטענס דארף זיין, פארצובערייטען איהר גרויסע מעמבערשיפ פאר מעהר פאראנטווארטליכקייט אין לעבען, ווי דאס איז ביז איצט געווען דער פאל.

דער ארבייטער איז ביז איצט באטראכט געווארען בלויז אלס א ווערקצייג, וועלכען נאר אנדערע זאלען געברויכען פאר זייערע נוצען, זייערע פראפיטען. געלערענט האט מען איהם דארום נאר אזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג געווען ער זאל זיין א גוטע ווערקצייג. מעהר, ווי דאס סאמע נויטיגע, איז באטראכט געווארען פאר איבעריג און שעדליך. דאס איז אמת אפילו וועגען די ארבייטער מיט א ביסעלע בילדונג.

פארשטעהט זיך, אז פון אזא בילדונג האלט די אינטערנעשאנאל זעהר ווייניג. מיט דער בילדונג וואס די אינטערנעשאנאל גיט, האט זי איין גרויסען צוועק אין זינען: צו מאכען די מענשען, וואס געהען אין איהרע בילדונגס־קלאסען, אין איהר ארבייטער־אוניווערזיטעט, אין איהרע יוניטי־סענטערס, פאר זעלבסטשטענדיג־דענקענדע מענשען; פאר מענשען, וועלכע זאלען זיין פאראנטווארטליך פאר דאס, וואס זיי טוען און ריידען; פאר מענשען, וועלכע זאלען מיט דער צייט אליין קענען איבערנעמען אין זייערע הענד די פאראנטווארטליכע ארבייט פון דער ארבייטער־באוועגונג, אזוי, אז פון מאנגעל אין דענקענדע פיהרער, און אין דערזעלבער צייט מיט א גרויסען געפיהל פון פאראנטווארטליכקייט, זאל גאר קיין רעדע ניט קענען זיין. מעהר נאך, די אינטערנעשאנאל באשטרעבט דורך די בילדונג, וואס די ארבייטער געניסען, זאלען די ארבייטער ווערען אלץ מעהר און מעהר פעהיג אליין איבערנעמען דעם קאנטראל איבער זייער אינדוסטריע, און ניט נויטיגען זיך אין מענעדזשערס פון פרעמדע לאגערען.

דאס איז דער גרויסער ענד־צוועק פון דער בילדונגס־ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל. מיר האפען און ווינשען, אז וואס ווייטער וועט די בילדונגס־ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אלץ מעהר ווירקזאם, אזוי, דאס מיר וועלען אלע קענען זעהן בחוש, וואס אמת'ע ארבייטער־בילדונג באטייט.

די צוויי פראָנטען אין דעם קאמף פון דעם ענגלישען פראָלעטאריאט

פון א. זעלדין.

די הויפט שטרעבונג וואס מערקט זיך אין דער ארבייטער־באוועגונג אין ענגלאנד איז די זעלבע וואס אין איטאליען, נעמליך — אן אינדוסטריעלע רעוואלוציע. אבער זי זוכט דאס דערגרייכען דורך אנדערע מעטאדען. אין אנדערע לענדער איז אויך דא די זעלבע שטרעבונג, אבער זי ווערט אויסגעדריקט דערווייל ניט מעהר ווי אין פראפאגאנדע. אין ענגלאנד און אין איטאליען איז דער שטרעבען שוין ארויס פון דער מדרגה פון פראפאגאנדע און האט אנגענומען א קאנקרעטע פארם.

דאס כאראקטעריסטישע פון די צוויי באוועגונגען, ווי ווייט פארשידען זיי זאלען ניט זיין אין זייערע מעטאדען, איז דאס, וואס זיי שטרעבען ביידע צו דערגרייכען זייער צוועק פון אן אינדוסטריעלער רעוואלוציע אהן א פאליטישער רעוואלוציע. די ענגלישע ארבייטער פיהרער האבען מורא פאר א פאליטישער רעוואלוציע נאך מעהר ווי די איטאליענישע, ווייל זיי ווייסען פונקט אזוי גוט ווי די לעצטע אז א פאליטישע רעוואלוציע מיינט א בירגער־קריעג — וואס זיי ווילען פארמיידען אויב נאר מעגליך.

די ענגלישע ארבייטער פיהרער האבען מעהר גרונט מורא צו האבען פאר א בירגער־קריעג, ווי די איטאליענישע, ווייל אזא בירגער קריעג וואלט געבראכט ניט נאר צו אן עקאנאמישען חורבן אין דערהיים, נאר אויך צו דער צופאלונג פון דער ענגלישער אימפעריע.

דאס מיינט ניט צו זאגען, אז די ענגלישע ארבייטער פיהרער, אפילו די מעסיגסטע צווישען זיי, זיינען פארברענטע אימפעריאליסטען און ווילען אפפערען מיט די ארבייטער־אינטערעסען פאר דער גאנצקייט פון דער אימפעריע. גאנץ ווייט פון דעם! זיי גלויבען אויך ניט, אז די אימפעריע דארף און מוז אויפגעהאלטען ווערען דורך אזעלכע גוואלד־מיטלען ווי די אמריטזאר שחיטה אין אינדיען. זיי סימפאטיזירען אויך ניט מיט דער רעגירונג'ס מיליטאריסטישער פאליטיק אין אירלאנד און זיי שטיצען אין א היבשער מאס די רעוואלוציאנערע באוועגונג אויף דעם שכנה'שען אינזעל. זיי האבען ניט איין מאל און גאנץ אויסגעשפראכען גענומען א שטעלונג געגען אימפעריאליסטישע מלחמות און געגען נייע ערא[ב]ערונגען בכלל.

אבער אין אלגעמיין גענומען זעהט זיך אן, אז די ענגלישע ארבייטער־פיהרער וואלטען וועלען, אויב עס איז נאר מעגליך, אנצוהאלטען דעם סטאטוס קווא פון דער ענגלישער אימפעריע, ארויסגעהענדיג פון דעם שטאנדפונקט אז א זאך וואס האט גענומען אזוי לאנג אויפצובויען קען ניט צושטערט ווערען מיט א מאל.

אין אנדערע ווערטער — זיי זיינען פאר דער אויפהאלטונג פון דער אימפעריע ניט אזוי אויס ליעבע צום אימפעריאליזם ווי אויס מורא אז דער צוזאמענברוך פון דער אימפעריע זאל ניט באגראבען אין איהרע חורבות ניט בלויז דעם ענגלישען הערשענדען קלאס, נאר אויך די ענגלישע ארבייטער באוועגונג.

די ענגלישע אימפעריע איז געוויס איינע פון די אורזאכען פארוואס די ענגלישע ארבייטער פיהרער זוכען צו דערגרייכען זייער צוועק דורך עוואלוציאנערע מיטלען, איידער דורך רעוואלוציאנערע.

עס איז נויטיג דאס אונטערצושטרייכען כדי צו פארשטעהן די מעטאדען און די טאקטיק פון דעם ענגלישען פראלעטאריאט.

די אימפעריע פון דעם שטאנדפונקט פון די ענגלישע ארבייטער־פיהרער איז א פראגע פאר דער נאהענטער און ווייטער צוקונפט. יעדענפאלס גלויבען זיי, אז אלע פראגען און פראבלעמען אין פארבינדונג מיט דער אימפעריע קענען געלייזט ווערען צו דער צופרידענהייט פון אלע צדדים דורך א פארשטענדיגונג, ווען די ענגלישע רעגירונג וואלט אנשטאט מיליטערישע פאגראמען און האלסייל שחיטות געזוכט נאכצוגעבען די פאדערונגען פון די אונטערווארפענע פעלקער פאר נאציאנאלער אויטאנאמיע, אדער פאר א גרעסערער דעה אין זייערע אינערליכע אנגעלעגענהייטען. אבער זייער הויפט־זארג פאר דער געגענווארט איז ניט צו דערלאזען, אז דער ענגלישער הערשענדער קלאס זאל זיך באנוצען מיט דעם מעכטיגען וואפען פון דער־אימפעריע צו שלאגען די ענגלישע ארבייטער דעמאקראטיע אין דערהיים.

די פראגע וועגען דער ווייטערער אימפעריאליסטישער פאליטיק איז געווארען איינע פון די שטרייט־פונקטען צווישען קאפיטאל און ארבייט אין ענגלאנד. דערפון האט זיך גענומען וואס די ענגלישע ארבייטער פיהרער, אפילו די קאנסערוואטיווסטע צווישען זיי, האבען גענומען אזא העפטיגע שטעלונג געגען דעם אז די ענגלישע רעגירונג זאל אריין אין א נייער מלחמה מיט רוסלאנד צוליעב פוילען און עס זעהט אויס, אז די ענגלישע ארבייטער האבען מיט זייער העפטיגער שטעלונג פארהיט אט די מלחמה.

אונטער די אומשטענדען קומט אויס דעם ענגלישען פראלעטאריאט אנצופיהרען זיין קאמף אויף צוויי פראנטען — אויף אן אינוועניגסטען און אן אויסוועניגסטען פראנט. די פראנטען זיינען אבער אזוי שטארק געקניפט און געבונדען צווישען זיך, אז זיי קענען ניט פאנאנדערגעטיילט ווערען.

זיין הויפט אטאקע פיהרט אן דער ענגלישער פראלעטאריאט אויף דעם איינעווענגסטען אינדוסטריעלען פראנט, וואו ער זוכט דורכצופיהרען שטופענווייז די אינדוסטריעלע רעוואלוציע. אבער צו דער זעלבער צייט מוז ער היטען דעם אויסווענגסטען — דעם פאליטישען פראנט — כדי צו פארמיידען א קאנטער־אטאקע פון שונא פון הינטען. דערפון נעהמט זיך דער שטרעבען פון דעם ענגלישען ארבייטער קלאס צו שלום, ווייל אויסער דעם וואס ער איז פרינציפיעל געגנעריש צו מלחמה האט ער מורא אז אזוי לאנג ווי שלום וועט ניט געשלאסען ווערען וועט דעם הערשענדען קלאס געלינגען אונטער אזא אויסרייד אדער אן אנדערען אריינצושלעפען דאס לאנד אין א נייער מלחמה.

דער צוויי פראנטיגער קאמף פון די ענגלישע ארבייטער ברענגט זיי גאנץ אפט אין קאנפליקט מיט דער רעגירונג.

דער ענגלישער פראלעטאריאט זאגט פיעל מאל — און מיט רעכט — געמאכט די באשולדיגונג, אז די ענגלישע רעגירונג איז ניט די רעגירונג פון פאלק, נאר פון די קאפיטאליסטען. די ענגלישע רעגירונג לייקענט עס נאטירליך און זוכט צו באהאלטען אלע איהרע מעשים אונטער דער מאסקע פון דעמאקראטיע. אבער פון אלע איהרע האנדלונגען זעהט זיך אן קלאר איין זאך — אז זי מאנעווירט ניט צו דערלאזען דעם ארבייטער קלאס צו פארנעהמען א הערשענדע פאזיציע און דערפאר ווייל זי באשרענקען די ארבייטער־באוועגונג זי זאל האבען א דעה בלויז אין ריין טרייד־יוניאניסטישע פראגען, ווי וויידזשעס און ארבייטס־שטונדען, אבער וועט איהר ניט ערלויבען צו זאגען א דעה אין פראגען פון אינערליכער און אויסלענדישער פאליטיק.

דער קאמף אין ענגלאנד ווערט אויך אנגעפיהרט אויף דער הויפט־אישו פון אונזער צייט — זאל די וועלט ווייטער באלאנגען צו די קאפיטאליסטען אדער צו די ארבייטער?

דער קאפיטאליסטישער קלאס מיט דער רעגירונג פון איין זייט און די ארבייטער פון דער צווייטער געהען ווידער פארמעסטען זיך אין כחות וועגען דער פראגע פון קוילען.

די קוילען גרעבער, דער אוואנגארד פון דער ענגלישער ארבייטער דעמאקראטיע, האבען לעצטענס געשטעלט אן אולטימאטיווע פאדערונג צו דער רעגירונג אז זי זאל ערשטענס העכערן די וויידזשעס פון די ארבייטער און צווייטענס — אז זי זאל ביליגער מאכען דעם פרייז פון קוילען פאר דעם היים־געברויך. זיי האבען געגעבען נאטיס דער רעגירונג, אז אין פאל זי וועט ניט נאכגעבען די פאדערונג פון די קוילען־גרעבער וועלען זיי ארויס אין סטרייק דעם 20טען סעפטעמבער. שפעטער האבען זיי פארלענגערט דעם טערמין נאך אויף פינף טעג.

די אורזאכע פאר וואס זיי האבען געשטעלט די פאדערונג צו דער רעגירונג איז ווייל די רעגירונג האלט נאך אן דעם קאנטראל איבער די קוילען־מינען, וואס זי האט איבערגענומען אין דער צייט פון דער מלחמה.

די רעגירונג איז גרייט צו ארביטרירען דעם ערשטען פונקט פון דער פאדערונג, וועגען א העכערונג אין וויידזשעס, אבער זי וויל ניט אנערקענען דאס רעכט פון די ארבייטער צו דיקטירען די פרייזען פון די פראדוקטען וואס זיי פראדוצירען. דאס, זאגט זי, איז א פאליטישע פראגע, וואס דארף ענטשיידעט ווערען פון פארלאמענט.

אבער די קוילען גרעבער און די גאנצע ענגלישע ארבייטער־באוועגונג הינטער זיי ערקלעהרען, אז דאס איז אן אומצוטיילבארע פראגע און די פארהאנדלונגען זיינען דעריבער אפגעבראכען געווארען. ביידע צדדים האבען דערווייל ניט ארויסגעצייגט קיין נייגונג צו א פשרה וועגען דער פרינציפיעלער זייט פון דער פראגע, און אן אפענער פארמעסטען זיך אין כחות צווישען קאפיטאל און ארבייט איז דעריבער זעהר מעגליך דעם 25טען סעפטעמבער.

די קוילען פראגע איז ניט מעהר ווי די דירעקטע אורזאכע. אויב עס וועט קומען צו אן אפענעם צוזאמענשטויס וועט עס זיין וועגען דער הויפט אישו פון דער איצטיגער צייט — צו וועמען די מאכט זאל באלאנגען. דער קאמף וועט דארפען ענטשיידען ניט בלויז צי די ארבייטער האבען א רעכט צו דיקטירען די קוילען־פאליטיק פון דער רעגירונג,

איז קראפאטקין א פריזאנער אין רוסלאנד?

מאקס פיין, סעקרעטאר פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, איז ערשט ניט לאנג צוריקגעקומען פון רוסלאנד. איבער זיינע ערפאהרונגען דארט שרייבט ער אין „פארווערטס“. אט וואס מיר געפינען אין זיין ארטיקעל פון פרייטאג, דעם 17טען סעפטעמבער:

„אין דעם פרימארגען פון מיין אפפאהרען בין איך געווען שרעקליך נערוועז. איך האב זיך פשוט קיין ארט ניט געקענט געפינען.

„צום גליק האב איך געהאט פריהע באזוכער. אכט אוהר אין דער פריה האט דער ערשטער אנגעקלאפט אין מיין טיר לואי אלסבערג, דער אמעריקאנער ענגלישער קארעספאנדענט. נאך איהם זיינען געקומען עמא גאלדמאן און אלעקסאנדער בערקמאן. דאן איז געקומען סאשא קראפאטקין, די טאכטער פון פעטער קראפאטקין. זי איז געקומען איינלאדען מיך צו פאהרען באזוכען איהר פאטער, וועלכער געפינט זיך אין דמיטראווקא, זעכציג וויארסט פון מאסקווע, זי האט מיך זעהר שטארק געבעטען, אז איך זאל פאהרען זעהן דעם אלטען מאן, ווייל דאס וואלט איהם זעהר גוט געטאן אין זיין אומעטיגען, אבגעשלאסענעם לעבען. ווען איך האב איהר ערקלערט, אז דאס איז אונמעגליך, ווייל מיר פאהרען היינט אב, האבען ביי איהר געבלישצעט טרערען אין די אויגען.

„איך האב זעהר געוואלט זעהן דעם אלטען קראפאטקין, ליידער איז מיר שווער געווען צו קריגען די רייזע ערלויבניש, שוין ניט ריידענדיג פון דער שוועריגקייט פון דעם פאהרען.“

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. II. No. 39. New York, Friday, Sept. 24, 1920.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorised on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

גאמפערסיזם און באלשעוויזם.

איינער פון די הויפט מאטיוען, ווארום סעמועל גאמפערס, פרעזידענט פון דער א. פ. און ל. איז געגען באלשעוויזם איז דער, וואס דער עלעמענט פון דעמאקראטיע פעהלט גאר אין גאנצען ביים באלשעוויזם. גאמפערס באטראכט, און מיט פיעל בארעכטיגונג, דעם באלשעוויזם פאר אויטאקראטיש; און אלס עכטער, אלטער דעמאקראט, און נאך א דזשעפערסאנישער דעמאקראט, ווי ער האט עס ניט לאנג צוריק געזאגט וועגען זיך, ד. ה., אלס דריי־פערטעל אנארכיסט, קען ער גארניט אנדערש, ווי באקעמפען דעם באלשעוויזם, אפילו, ווען זיין כונה זאל זיין די בעסטע.

מעג איינער יע אדער ניט איינפארשטאנען זיין מיט גאמפערס'ען, אבער עס מוז צוגעגעבען ווערען, אז פון זיין שטאנדפונקט האט ער דאס פולסטע רעכט, אזוי צו דענקען, און מעג אויך דערפאר, ווען ער האלט עס פאר נויטיג, באקעמפען דעם באלשעוויזם. אבער דערביי מוז זיין איין תנאי, און דאס איז, אז גאמפערס אליין אין אלע זיינע האנדלונגען זאל זיין אן עכטער דעמאקראט; אז ער זאל אליין אין קיין פאל ניט ארויסווייזען די מינדעסטע נייגונג צו זעלבסטהערשאפט.

ליידער אבער, לויט ער האט געפיהרט דעם מיטינג, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט געווארען די אלגעמיינע צענטראלע ארבייטער־ארגאניזאציאן פאר ניו יארק און ארום, אויף דעם פלאץ פון דער סענטראל פעדערייטעד יוניאן, מוז מען, מיט די בעסטע געפיהלען וואס איינער האט פאר דעם אלטען ארבייטער פיהרער, זאגען, אז גיכער האט זיך גאמפערס אויסגעפיהרט, אלס דיקטאטאר, אלס אויטאקראט.

אזוי שנעל ווי זיער פלאן פאר דער גרינדונג פון דער נייער צענטראלער ארבייטער קערפערשאפט איז ארויף אויף דער טאגעס־ארדנונג, האט אימיצער פארשפרייט א קלאנג, אז דערמיט ווערט געצילעוועט צו מאכען א סוף צו די פארטשריטליכע עלעמענטען אין דער ארבייטער־באוועגונג אין ניו יארק. פרעזידענט גאמפערס האט געהאלטען פאר זיין פליכט דאס גלייך אפצולייקענען, און קיינעם איז, נאטירליך, גארניט איינגעפאלען צו צווייפלען אין גאמפערס'עס ערקלערונג. אלע האבען איהם געגלויבט, און קיינער האט ניט אויפגענומען דעם רעארגאניזאציאנס־פלאן מיט אזא באגייסטערונג, ווי דוקא די פארטגעשריטענע עלעמענטען אין דער ארבייטער־באוועגונג. ווארום זאל ניו יארק טאקי ניט האבען א גרויסע, מעכטיגע קערפערשאפט, וועלכע זאל מיט זיך באמת רעפרעזענטירען די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון ניו יארק? ווארום זאלען די באלד א מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער ניט האבען די מאכט און דעם איינפלוס, וואס קומט זיי, און וואס זיי האבען ביז איצט ניט געהאט נאר דערפאר, ווייל עס האט געפעהלט די נויטיגע איינינקייט און די קערפערשאפט, וועלכע זאל זיי ריכטיג רעפרעזענטירען? דארום האבען מיר אלע מיט אומגעדולד געווארט אויף דעם מאמענט, ווען די נייע קערפערשאפט וועט ענדליך קומען אין לעבען.

און, אז מיר האבען זיך דערוואוסט, אז גאמפערס אליין וועט זיין דער טשערמאן פון דעם מיטינג, אויף וועלכען די נייע קערפערשאפט וועט געבארען ווערען, זיינען מיר געווען זיכער, אז עס וועט אלעס צוגעהן שעהן און עהרליך, און די גרויסע קערפערשאפט וועט געבארען ווערען אין דער עהרע און ווירדע, וואס פאסען זיך פאר איהר.

וואס אבער האט פאסירט אין דער אמת'ען?

פונקט דער היפוך פון דעם, וואס מען האט געקענט ערווארטען פון אן עהרענהאפטער, דעמאקראטישער ארבייטער־פארזאמלונג.

בעת דעם גרעסטען טייל פון אוונד האט מען פארבראכט אין ריידערייען איבער נארישעס, אדער ווייניגסטענס, איבער אזעלכע זאכען, וואס האבען מיט דעם מיטינג געהאט וועניג צו טאן, און ווען עס איז געקומען צו דאס סאמע וויכטיגסטע — צו דער פראגע פון דער קאנסטיטוציע — איז די גאנצע דעמאקראטיע פון גאמפערס'ן אזוי ווי אויסגערונען, און עס האט זיך ארויסגעוויזען גאמ־ [illegible] באלשעוויק, גאמפערס, וואס טוט, וואס איהם געפעלט, און וועמען עס הויבט ניט אן צו ארען פאר דעם גרויסען ערהאבענעם פרינציפ פון דעמאקראטיע.

די קאנסטיטוציע פון א קערפערשאפט איז איהר נשמה, איהר גאנצער מהות, איז ווירקליך ביז צו א גרויסען גראד באשטימענד פאר איהר גאנצען ווייטערען לעבען און טעטיגקייט. קיין וויכטיגערע זאך, ווי אויסצואוועהלען מענשען, וועלכע זאלען די נייע קאנסטיטוציע פארפאסען, איז ניט געווען. און דאך, אז עס איז געקומען דערצו, האט גאמפערס פלוצלונג זיך ארומגעזעהן, אז עס וועט נעמען צו־לאנג די אפשטימונג פון די קאנסטיטוציע־פארפאסער, און האט אנגענומען די קירצערע, אבער העכסט אנטי־דעמאקראטישע מעטאדע, אליין צו באשטימען די מענשען, וועלכע זאלען זיין די קאנסטיטוציע־פארפאסער.

אמת, די דאזיגע פראגע איז איבערגעגעבען געווארען צו אפשטימונג, און די מאיאריטעט האט געשטימט, אז גאמפערס זאל עס באשטימען, ווער עס זאל זיין די קאנסטיטוציע־פארפאסער. אבער עס שטעלט זיך ביי אונז א גרויסע פראגע, אויב גאמפערס וואלט גאר פארלאנגט צו נעהמען אויף זיך די ארבייט, ווען ער וואלט געווען אן עכטער דזשעפערסאנישער דעמאקראט?

און דאן, לויט דעם אויסגעצייכענטען און דורכאויס געוויסענהאפטען באריכט פון אונזער סטעף־רעפארטער אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" האט גאמפערס שוין פ ו ן פ ר י ה ע ר אנגעגרייט דעם צעטעל פון זיינע מענשען. ער האט עס געמענט טאן, ווייל ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז די מאיאריטעט פון די פארזאמעלטע וועט ניט האבען די העזה ארויסצוקומען און זאגען, אז די דאזיגע ארבייט וועלען מיר אליין טאן. דאס וואלט דאך כמעט ווי געמיינט, אז מען האט צו גאמפערס'ען ניט דעם נויטיגען צוטרוי, און די פארזאמלונג האט געהאנדעלט אזוי, ווי גאמפערס האט פאראויסגעזעהן. עס שטעלט זיך אבער די פראגע, אויב גאמפערס אלס דעמאקראט, האט זיך געמעגט באנוצען מיט זיין שטעלונג, מיט דעם צוטרוי, וואס מען פיהלט צו איהם, און נעהמען אויף זיך די ראליע פון אן אויטאקראט?

נאר ביז אהער קען מען נאך אלעס, ווי עס איז, פארגלעטען. נאר אט וואס האט נאכהער פאסירט.

ווען מען האט זיך גענומען לייענען דעם צעטעל פון די אפאינטעטע, און דער עולם האט צווישען די אויסגערעכענטע נעמען געפונען אויך די נעמען פון מר. האלאנד און מר. ברייד, איז געווארען א טומעל, א געפילדער. איבער'ן גאנצען האל האט זיך געהערט די פאדערונג: „נעהמט זיי ארונטער פון צעטעל!"

ווי האט גאמפערס אין דעם פאל געהאנדעלט? האט ער געהאנדעלט דאס מאל, ווי א דעמאקראט, און איבערגעגעבען די פראגע פון האלאנד און ברייד צו דער אפשטימונג פון דער פארזאמלונג? ניין. גאמפערס, דער דזשעפערסאנישער דעמאקראט, האט איגנארירט דעם גרויסען פראטעסט, און דער צעטעל פון די אפאינטעטע איז געבליבען ווי ער האט איהם פארפאסט נאך איידער ער איז צום מיטינג געקומען. איז ד א ס דעמאקראטיש? קען גאמפערס, וואס האנדעלט אזוי עכט באלשעוויסטיש, כאטש אונטערן מאנטעל פון דעמאקראטיע, ווירקליך מאכען די באלשעוויקעס דעם מינדעסטען פארוואורף?

שפעטער עטוואס האבען האלאנד און זיינע לייטענאנטען אנגעהויבען געברויכען די מעטאדע פון אמת'ן טעראר. דאס איז ווידער איינע פון די מאטיוען, און א גאנץ בארעכטיגטער מאטיוו, ווארום גאמפערס איז געגען באלשעוויזם. נאר אט איז אויף א פארזאמלונג, פון וועלכער גאמפערס אליין איז טשערמאן, אנגעווענדעט געווארען דער העסליכסטער טעראר. האט פרעזידענט גאמפערס כאטש מיט א ווארט פראטעסטירט געגען דעם? ניין. דערזעלבער האלאנד, וועלכער האט געברויכט די דאזיגע מעטאדע פון געוואלט געגען איינעם פון די דעלעגאטען אהן דער מינדעסטער אורזאכע, איז נאך אלץ פארבליבען, אלס איינער פון די קאנסטיטוציע־פארפאסער.

און דערפאר איז פאר אונז, וועניגסטענס קלאר. דאס צווישען גאמפער־ פיזם און דעם באלשעוויזם, איז בעצם דער אונטערשייד נאר א קנאפער. גאמפערס און דער באלשעוויק זיינען, אין זייערע האנדלונגען, זעהר, זעהר עהנליך איינער צום אנדערען. נור איינער באנוצט זיך מיט דער פראזע פון דעמאקראטיע, און דער צווייטער איז עהרליך גענוג צו פארלייקענען דעמאקראטיע עפענטליך, בפרהסיא.

נאר טאמער וועט אימיצער איינווענדען, אז דאס איז נאך אלעמען ניט פון גרויסער וויכטיגקייט, ווייל סוף כל סוף וועט דאך די קאנסטיטוציע מוזען ווערען אפגעשטימט פון די דעלעגאטען, און די מאיאריטעט וועט איהר קענען צוריקווייזען, אויב זי וועט איהר ניט געפעלען. איז אבער דער פאקט דער, אז דארט, וואו עס ווערט אזוי אונבאשטראפט אנגעווענדעט די מעטאדע פון טעראר, דארט קען מען קוים ערווארטען אן אמת'ע אפשטימונג. שטעלט אייך פאר, די קאנסטיטוציע ווערט פארגעלייענט. עס הויבען זיך אן דעבאטען. עס ווערט, לאמיר זאגען, קלאר, אז געוויסע פונקטען זיינען געגען דעם וואונש פון דער מאיאריטעט דעלעגאטען. מיינט איהר, אז די גענגסטערס, די וועלכע געברויכען געוואלט, וועלען דערלאזען דערצו, אז זייערע אלע פלענער זאלען צושטערט ווערען? מיט אדער אהן, אן אורזאכע וועט מען זיך כאפען שלאגען. אלס רעזולטאט וועלען מאנכע פארלאזען די פארזאמלונג גאר אינגאנצען, אנדערע, גענצליך טעראריזירט, וועלען זיך צוריקהאלטען פון שטימען, און אט אזוי וועט עס אנגענומען ווערען די קאנסטיטוציע מיט א „מאיאריטעט" שטימען. וועט אבער אזא קאנסטיטוציע זיין ווירקליך דער אויסדרוק פון דעם גייסט פון דער ניו יארקער ארבייטער־באוועגונג, וועמען די דאזיגע נייע קערפערשאפט דארף עס מיט זיך רעפרעזענטירען?

עס איז ניט בלויז דאס, וואס די פארזאמלונג האט אזוי קלאר ארויסגעבראכט, דאס גאמפערס אין זיין פראקטישער טעטיגקייט אין דער ארבייטער באוועגונג, איז זעהר ווייט פון דעם, וואס ער פרעטענדירט צו זיין אין דער טעאריע; עס איז ניט דאס, וואס עס האט זיך ארויסגעוויזען, דאס אין דער ניו יארקער ארבייטער־באוועגונג איז ליידער נאך דא פלאץ פאר אזעלכע האלאנדס און ברייד־דיס. מיר האבען עס פריהער געוואוסט, און, ווילענדיג, ניט ווילענדיג, האבען מיר געמוזט שלום מאכען דערמיט, ווייל די האלאנדס און די ברייד־דיס, ליידער, רעפרעזענטירען פארט מיט זיך א גאנץ היבשען טייל פון דער ארבייטער באוועגונג פון ניו יארק; און אויף אזוי פיעל האבען זיי געוויס א רעכט צו זיין פארטראטען אין דער אלגעמיינער ארבייטער קערפערשאפט, און אויך א רעכט צו זאגען זייער ווארט אין דער פארפאסונג פון דער קאנסטיטוציע. פון דעם שטאנדפונקט זיינען די דעלעגאטען, וואס האבען אויסגעפייפט האלאנד און ברייד־די, הערענדיג, אז זיי זיינען צווישען די אפאינטעטע געווען ניט אין גאנצען גערעכט.

אבער ניט דאס איז וויכטיג. לויט דעם גאנצען אנגאנג פון מיטינג, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער קלאנג, וואס האט זיך געטראגען אין אנפאנג, אז די דאזיגע רעארגאניזאציאן אין דער ארבייטער־באוועגונג פון ניו יארק האט אלס איהר צוועק די אונטערדריקונג פון דעם פארטגעשריטענעם עלעמענט אין דער ארבייטער־באוועגונג, האט ליידער זיין בארעכטיגטען גרונד, און דאס איז ווירקליך דאס טרויעריגסטע אין דער גאנצער געשיכטע.

עס איז וואויל באקאנט, ווי ווייט דער פארטגעשריטענער עלעמענט איז טאלעראנט, ווי ווייט ער איז בארייט צו ארבייטען אין די רייהען פון דער ארבייטער באוועגונג, כאטש ער איז אין פיעלע הינזיכטען ניט איינפארשטאנען מיט דער אפיציעלער פיהרערשאפט. צוליעב איינינקייט אין דער ארבייטער באוועגונג איז דער פארטגעשריטענער עלעמענט אימער בארייט געווען צו אפפערען מיט גאר פיעלעס, אבער עס מוז דאך זיין א גרענעץ אויך צו זיין געדולד און אפפערוויליגקייט, און מיר פרעגען זיך, אויב דער טעראר איז ניט אריבער איבער יענעם גרענעץ? אויב אזעלכע שענדליכע מעטאדען וועלען פריהער, אדער שפעטער ניט מוזען פיהרען צו אן אפענער שפאלטונג, וואס קען נאר זיין אן אומגליק פאר דער ארבייטער באוועגונג?

און דערפאר האלטען מיר פאר אונזער פליכט צו אפעלירען צו אלע עהרליכע יוניאנס אנצווענדען אלע זייערע כוחות צו זעהען ניט צו דערלאזען דערצו. עס איז נאך ניט צו שפעט ניט צו דערלאזען זיך איינפרעסען דעם קאנסער פון טעראר אין דער ארבייטער באוועגונג אין ניו יארק. עס מוז גענומען ווערען די שטארקסטע שטעלונג געגען דעם. נאר ניט לאזען זיך איינשרעקען און טעראריזירען, און די טעראריסטען וועלען מוזען אויפגעבען זייער שענדליכע טאקטיק. זיכער, דער פארטגעשריטענער עלעמענט קען זיך ניט פארגינען דעם פארגעניגען זיך צוריקציהען און איבערלאזען דאס פעלד פאר די בויגנעס. ווי שווער עס זאל ניט געמאכט ווערען פאר זיי דער קאמף, אבער זיי מוזען איהם אויפנעמען, און פיהרען איהם אזוי לאנג, ביז דער זיעג וועט זיין זייערער, די גאנצקייט און ריינקייט פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג לייגט עס ארויף אויף זיי, אלס זייער גרויסער חוב.

דער סאציאליסטישער זיעג אין די ספעציעלע וואהלען.

אלע פינף סאציאליסטישע אסעמבלימען, וועלכע די סוויט־קליקע האט פון דער אסעמבלי ארויסגעווארפען, געוויס גלויבענדיג אז דיזעלבע דיסטריקטען וועלען שוין ביי די נעקסטע וואהלען חרטה האבען אויף זייערע זינד, און אויסוועהלען אזעלכע, וועלכע זיינען צום הארצען די רעפובליקאנער און דעמאקראטישע פאליטישענס, זיינען אין די ספעציעלע וואהלען פון לעצטען דאנערשטאג, דעם 16טען סעפטעמבער, אויסערוועהלט געווארען מיט נאך פיעל גרעסערע מאיאריטעטען, ווי אין די לעצטע וואהלען.

עס האט ניט געהאלפען, וואס די ביידע פארטייען האבען אין יעדען פון די דיסטריקטען זיך געאייניגט אויף זייערע קאנדידאטען, אזוי, דאס מיט אמאל זיינען די דעמאקראטען און רעפובליקאנער, וועלכע כלומרשט האלטען זיך אין איין באקעמפען, געווארען איין גוף און איין נשמה. עס האבען ניט געהאלפען אלערליי סטראשונקעס געגען די וועהלער און די לומפיגע און געמיינע מעטאדען פון די פאליטישענס אין דעם טאג פון די וואהלען. די 5 סאציאליסטישע אסעמבלימען זיינען ווידער אמאל אויסדערוועהלט געווארען, אום צו פארטרעטען די אינטערעסען און ווינשע פון א גרויסען טייל פון דער ניו יארקער באפעלקערונג אין דער אסעמבלי פון אלבאני.

ווי וועלען איצט האנדלען די פאליטישענס אין אלבאני? דאס איז ווירקליך א פראגע, אויף וועלכער עס איז שווער צו ענטפערען.

וועלען זיי האבען די חוצפה אויך איצט צו פארגוואלטיגען דעם סאמע גרונד פרינציפ פון דעמאקראטיע און ניט צולאזען די 5 סאציאליסטישע פארטרעטער, און דערמיט בארויבען א גרויסען טייל פון ניו יארק אין זיין רעכט צו זיין פארטראטען אין דער געזעצגעבענדער קערפערשאפט פון אלבאני?

עס קען זיין, אז זיי וועלען טאקע אזוי האנדלען. האבען זיי דאך דאס שוין איינמאל געטאן. וואס, וואס, אבער חוצפה פעהלט ניט אונזערע פאליטישענס. זיי האבען די מאכט, טו ווער קען זיי שטערען אין דעם? עס קען אבער זיין, אז דאס מאל זאלען זיי זיך אונטערגעבען, ווייל עס האנדעלט זיך פאר זיי, איבערהויפט פאר די רעפובליקאנער פאליטישענס, אום די וואהלען אין נאוועמבער. זיי וועלען מורא האבען צו האנדלען איצט אזוי געמיין, אזוי אלא רוסישער צאר, ווי מיט עטליכע מאנאטען צוריק, ווען זיי האבען די סאציאליסטען ארויסגעווארפען. זיי קאנען איצט האבען א גוטען תירוץ, און האנדלען פונקט להיפוך זייער פריהעריגען באשלוס. זיי קאנען ארייננלייגען די טומאה אין די יראה; זיי קאנען זיך מיט אמאל אויפשפילען, אלס אמת'ע דעמאקראטען און ערקלעהרען, אז זיי האבען געהאלטען פאר זייער פליכט ארויסצוווארפען די סאציאליסטישע אסעמבלימען פריהער, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז די געוויסע דיסטריקטען אין ניו יארק זיינען נעבאך אין זייער בלינדקייט פארפיהרט געווארען פון די סאציאליסטען. איצט, אבער, אז זיי, די פאליטישענס האבען גאנץ קלאר געמאכט ווער די סאציאליסטען זיינען, און דערפער קען גאר קיין רעדע ניט זיין וועגען דעם, אז די מענשען האבען ניט געוואוסט פאר וועמען זיי שטימען, מוזען זיי צולאזען די דאזיגע פארטרעטער, ווער זיי זאלען ניט זיין. זיי האבען דאך געטאן פון זייער זייט זייער היילינע פליכט, און אצט פאדערט פון זיי זייער דעמאקראטישער גלויבען, אז זיי זאלען צולאזען די סאציאליסטישע פארטרעטער.

יע, די פאליטישענס אין אלבאני זיינען זעהר אין א שווערער לאגע. ווי זיי וועלען ניט האנדלען, איז אך און וועה צו זיי. עס איז דערום שווער פאראויסצוזאגען, ווי זיי וועלען האנדלען.

אבער דאס איז אין דעם פאל פון א גאנץ קנאפער וויכטיגקייט. וויכטיג איז דער רעזולטאט פון די ספעציעלע וואהלען. וויכטיג איז, דאס די סאציאליסטען, דורך דעם, וואס די פאליטישענס האבען אזוי שענדליך פארגוואלטיגט דעם פרינציפ פון דעמאקראטיע זיינען איצט געבראכט געווארען אין דער לאגע צו זיין איהרע איינציגע און שטארקסטע פארטיידיגער. דאס האט געבראכט אויף זייער זייט גאר פיעלע, פיעלע מענשען, וועלכע, כאטש ניט קיין סאציאליסטען, אבער דאך עהרליכע דעמאקראטען, האבען געטריי און עהרליך געארבייט פאר דעם סאציאליסטישען ערפאלג. זאלען די פאליטישענס אין אלבאני בלייבען נאך אלץ אזוי פאר'עקשנ'ט, וועלען זיי אויף אזא אופן ממש צווינגען צעהנדליגע טויזענדער ביטער און בידערע צו האלטען פאר די סאציאליסטען, אלס די איינציג[illegible]

דער סטרייק פון די מעטאל ארבייטער אין איטאליען און פון די קוילען מיינערס אין אמעריקא

די מעטאָדען פון די ארבייטער און די האלטונג פון די רעגירונג אין דיזע ביידע לענדער.

פון ב. מיימאן.

אין איטאליען נעהט אָן א סטרייק פון מעטאל ארבייטער און אין אמעריקא — א סטרייק פון קוילען מיינערס. די מעטאָדען וואס ווערען באנוצט אין דיזע צוויי סטרייקס זיינען אזוי פארשיעדען ווי עס זיינען פארשידען די נאטורען, באגריפען און טעמפעראמענטען פון די צוויי פארשיעדענע נאציאנען. אנדערע יוניאָנס, אנדערע פיהרער, און גאנץ אנדערע מעטאָדען ווערען דארטען באנוצט, און וואשינגטאָן איז שטארק פאראינטערעסירט אין ביידע סטרייקס, סאי אין דעם איטאליענישען, סאי אין דעם אמעריקאנישען. און ווען איהר זעהט ווי וואשינגטאָן האלט אנגעשטעלט מויל און אויערען אויף דיזע ביידע וויכטיגע סטרייקס, הויבט איהר צו פארשטעהן, אז עפּעס א נאהענטע שייכות איז פאראנען צווישען דיזע צוויי סימפּטאָמען פון אן אלגעמיינער אונצופריעדענהייט און אינדוסטריעלער אונרוהיגקייט.

א סטרייק היינטיגע צייטען, איבערהויפּט א גרויסער, נאציאנאלער סטרייק, קען ניט געפיהרט ווערען אָהן דער אריינמישונג פון דער רעגירונג. מיר גלויבען אז ס'איז ניט נויטיג אפילו צו פארליערען איין שורה דיזעס צו באווייזען. די לעצטע פאר יאהר איז ניט פארגעקומען קיין איין איינציגער צוזאמענשטויס צווישען קאפּיטאל און ארבייט אויף א גרויסען מאשטאב, וואו די רעגירונג זאל ניט נעהמען אן אקטיווען אנטייל. אין די מעהרסטע פעלע האט די רעגירונג ניט נאר געשפּילט א וויכטיגע ראלע נאר טאקי די סאמע הויפּט ראלע. די ערשטע פּיעדעל אין דעם ארקעסטער. און ביי אונז אין לאנד קומט עפּעס אלע מאָל אויס, אז די ארבייטער קעמפען געגען דער רעגירונג, רינגען זיך און רייסען זיך ניט מיט זייערע בעלי בתים נאָר מיט די אפיציעלע פארשטעהער פון דעם אמעריקאנעם פאלק. דער גענעראל־שטאב פון די אינדוסטריעלע שלאכטען זיצט אין וואשינגטאָן.

דער לעצטער סטרייק פון די קוילען־מיינערס איז אבסאלוט געבראכען געווארען פון דער רעגירונג. ווי עס שיינט, זאלען מיר עס נאָר ניט אויסרעדען אין א שלעכטער שעה, וועט דער איצטיגער קוילען מיינער סטרייק אויך ניט האָבען קיין פיעל בעסערען מזל. די רעגירונג איז ענטשיעדען געגען די ארבייטער פאר דיזער אדער יענער אורזאכע און וועט באנוצען אלע מיטלען אין איהר מאכט צו שטערען די ארבייטער אין זייער קאמף.

אבער בשעת די רעגירונג אין וואשינגטאָן איז, ווי עס שיינט, אזוי פעסט באשלאָסען צו שטערען די אמעריקאנער קוילען מיינערס אין זייער איצטיגען קאמף געגען די קוילען אייגענטימער, נעמט זי ניט ארונטער איהרע אויגען פון דעם וואס קומט פאר אין איטאליען. די האלטונג פון דער איטאליענישער רעגירונג, די מעטאָדען פון די איטאליענישער סטרייקער, די אויספיהרונג פון דער איטאליענישער ארמעע — אלעס, אלעס וואס קומט דארטען פאר איז פון אויסערגעוועהנליכען אינטערעס פאר אונזער רעגירונג און וועט אפשר ביז א געוויסען גראד באאיינפלוסען די אפיציעלע האלטונג צו דעם איצטיגען סטרייק אדער „וואקיישאָן" פון די מיינערס.

אין דער צייט וואס דיזע צייל[ען] ווערען געשריבען קומען די באריכטען פון איטאליען, אז די אייגענטימער פון די מעטאל פאבריקען האבען זיך געווענדעט צום איטאליענישען פּרעמיער, גיאָליטי, מיט דער טענה, אז די רעגירונג נעהמט קיין ווירקזאמע שריט געגען די אונגעזעצליכע מיטלען פון די ארבייטער. זיי צייגען אָן, אז דאס פארכאפּען פון די פאבריקען און דאס פאר באריקאדירען זיך פון די ארבייטער דארטען איז אבסאלוט געגען די געזעצע פון לאנד און אז די רעגירונג דארף זעהן צו מאכען אן ענדע פון דעם. דא, אין די פאראייניגטע שטאַטען, האט מען זיך אויך געווענדעט צו דער רעגירונג, אבער ניט די בעלי בתים, נאָר די ארבייטער האבען זיך געווענדעט. די פיהרער פון די ארגאניזירטע קוילען מיינערס האבען געבעטען ביים פּרעזידענט ער זאל ווידער אמאָל צונויפרופען די „וועידזש באָארד" און נאך אמאָל באטראכטען די פראגע פון וועידזשעס און זעהן אפשר קען מען נאָך עפּעס מאכען פאר די ארבייטער. וואס דער איטאליענישער פּרעמיער האט געענטפערט צו די איטאליענישע בעל בתים ווייסען מיר ניט. עס מאכען די צייטונגען א שווייג וועגען דעם. אבער וואס פּרעזידענט ווילסאָן האט געענטפערט די פיהרער פון די קוילען מיינערס ווייסען מיר יא. דאס איז [illegible] איך פאלעריק איבער אלע פיער עקען פון לאנד און אפשר טאקע איבער דער גאנצער וועלט. דער פּרעזידענט האט זיך ענטזאגט נאך אמאָל צו נעהמען פארהאנדלען די פראגע פון שכירות אין די קוילען מינען און געזאגט, אז דער סטרייק איז אן אבסאלוט אונגעזעצליכער, און אז אזוי לאנג ווי די ארבייטער ענטזאגען זיך אויסצופאלגען דעם באשלוס פון דער פריהערדיגער קאָמיסיע, זיינען זיי די פארברעכער אין זיינע אויגען.

דארטען האבען די באסעס טענות צו דער רעגירונג; דא האבען די ארבייטער טענות צו דער רעגירונג. דארטען זיינען די פאבריקען דערווייל אין די הענט פון די ארבייטער; דא זיינען די מינען אין די הענט פון די בעלי בתים. דארטען פאָדערען די ארבייטער די גאנצע פארוואלטונג פון די פאבריקען, זיי ווילען זיין די גאנצע בעלי בתים; דא פאָדערען די ארבייטער בלויז א פאר גראשען פאר זייער ארבייט.

דער שרייבער פון דיזע צייל[ען] האט זיך אייגעשטעלט און א פרעגע געטאָן א וויכטיגען רעגירונגס בעאמטען צי ער רעכנט ניט, אז עס איז פאראנען א מעגליכקייט דאס די אמעריקאנער ארבייטער זאלען זיך חלילה ניט אפלערנען פון די איטאליענישע ארבייטער? דער ענטפער איז געווען קורץ און עמפאטיש: „ניין, אונזערע ארבייטער זיינען ניט קיין אנארכיסטען!" דער בעאמטער, ווייזט אויס, האט געמיינט, אז מיט דעם האט ער שוין פארענטפערט די גאנצע פראגע. און ווען איך האב איהם ווייטער געפרעגט, ווי ער ערקלערט די אפטע ווידערהאָלונג פון זאגענאנטע „אונגעזעצליכע סטרייקס", האט ער אויף דעם געענטפערט נאר נישט לאנג טראכטענדיג: „דאס איז די ארבייט פון די פארדאמטע רעדיקאלס". מיט דעם זיינען שוין אוודאי און אוודאי אלע קלאָץ קשיות פארענטפערט געווארען.

דער אמעריקאנער איז זיך א מענש מיט א לייכטען לונג און לעבער. די לאנד איז א רייכע און די באדינגונגען א לעבען צו מאכען זיינען דא לייכטערע ווי אין אלע אנדערע לענדער פון דער וועלט. דיזעס האט מיטגעבראכט די זעהר ניט געווינשטע קורזיכטיגקייט און דעם ניט זארגען פאר דעם מארגען. היינט איז דא וואס מיר דארפען, פאר מארגען זאל זיך גאט זארגען. דיזע האלטונג איז אפילו פאר דעם איינצעלנעם ניט קיין זעהר געזונטע פילאזאפיע, אבער פאר א נאציאָן איז פשוט געפעהרליך.

איצטער איז נאָך ווארים, אין איינגע געגענדען פון לאנד אפילו נאָך גאנץ היים, און מען טראכט נאָך מעהר פון אייז ווי פון קוילען. עס איז שווער איצטער צו פאראינטערעסירען דעם דורכשניטס מענש מיט דער פראגע וועגען קוילען פאר נעקסטען ווינטער. אבער עס הערט זיך שוין דאס בלאָזען פון דעם שופר. די פויגעלאך הויבען שוין אן צופליהען נאָך די זידליכע שטאאטען צו פארנעהמען זייערע ווינטער פלאצען. די גרויסע ארימערע מאסען פון דעם פאלק האבען ניט קיין זומער פלאצען אין דער סאוטה און וועלען מוזען בלייבען ווינטערען דא וואו דער וועטער איז ניט זעהר מילד. די אסיען ווינטעלעך וועלען באלד אנהויבען צו בלאָזען און צוזאמען מיט די אסיען ווינטעלאך וועט קומען דער געדאנק וועגען דער נויטווענדיגקייט פון קוילען. די קוילען פראגע וועט ווערען פשוט בפשטות א לעבענס פראגע. און — דאס איז זיכער: אויב די קוילען ארבייטער וועלען איצטער האלטען זייער „וואקיישאָן" וועלען מיר מוזען פריהרען קומענדען ווינטער.

מיט עטליכע וואכען צוריק, האט דעבס געזאגט, אז די קוילען פראגע איז א וויכטיגערע קאמפיין אישו ווי די ליעג אוו ניישאָנס, ווי דער „סלאש פאנד" וואס די רעפובליקאנער האבען באקומען און וואס די דעמאָקראטען טרייען צו באקומען. אדער ווי די אנדערע מעשיות מיט וועלכע מען טרייעט איצטער צו פארטומלען די מחות פון דעם אמעריקאנעם פאלק. נאטירליך, איז דעבס'ס ווארט געווען א קול קורא במדבר. ווער הערט זיך דאס צו וואס די סאציאליסטלאך זאגען? אבער עס איז קיין פראגע ניט, אז נאָך איידער די מיליאָנען אמעריקאנער בירגער וועלען געהן צו די באלאטס צו באשטימען צי קאקס אדער הארדינג זאל פארנעהמען דעם כיסא המלוכה, וועט די קוילען פראגע שוין אנריהרען יעדען איינציגען און עס וועט שוין אפשר זיין צו שפּעט דאן זיך ערשט צו נעמען לעזען די קוילען פּראבלעם פאר דעם היינטיגען ווינטער.

א חוץ דיזער קוילען פראגע, וואס געהט אן יעדען איינציגען מאן, פרוי און קינד אין דיזען לאנד, געהט אבער די ארגאניזירטע ארבייטער, אלס א זעלכע, אן נאָך אן אנדער פראגע: די האלטונג פון דער רעגירונג ניט נאר צו דער קוילען פראגע, נאר צו די ארבייטער פון די קוילען, אלס א יוניאָן.

עס איז שוין לאנג צייט געווען, אז די אדמיניסטראציע פון אונזער רעגיערונג זאל אנהויבען צו פארשטעהן, אז מען קען די אינדוסטריעלע אונרוהען ניט פארענטפערן מיט דעם תירוץ אז דאס איז די אגיטאציאָן פון „רעדיקעלס", און אז דורך דעם ערקלערען סטרייקס פאר „אונגעזעצליך", און אז דורך דעם ארויסגעבען אינדזשאנקשאנס, און דורך דעם סטראשען מיט געפענגנים וואס מען ניט לעזען די פּראדוקציאָנס פראגע.

אויב די אונגעזעצליכע סטרייקס צייגען עפּעס, צייגען זיי זיכער, אז די ארבייטער זיינען אונצופריעדען מיט די קאנדיציאָנען וואס זיי האבען איצטער. אויך אזוי פיעל אונצופריעדען זיינען זיי דאס אפילו געגען דעם ראט פון זייערע אייגענע פיהרער געהען זיי ארויס אין סטרייקס. אום צו מאכען א בעסערע ארדנונג אין פּראדוקציאָן מוז מען זעהן, אז די ארבייטער זאלען מעהר באפרידיגט ווערען. און וואס שנעלער אונזער רעגיערונג וועט דאס איינזעהן אלץ בעסער וועט זיין פאר'ן לאנד. קענען ניט די יוניאָנס מיטהעלפען אין דיזער ארבייט צו מאכען, אז די פיהרער פון דער רעגירונג זאלען דאס וואס שנעלער איינזעהן?

מיר ווילען זיך ניט ערלויבען נביאות צו זאגען וואס עס וועט זיין דער אויסגאנג פון דעם איטאליענער סטרייק, צי ער וועט זיין סוקסעספול אדער ניט. עס איז אויך ניט פאר אונז צו אורטיילען איבער די מיטלען וואס זיי האבען אנגענומען, צי זיי זיינען ריכטיגע אדער פאלשע. איין זאך איז אבער זיכער. די איטאליענישע רעגירונג האט דורך דער ארבייטער אקציאָן פארשטאנען אז איהר שטעלונג מוז זיין א גאנץ אנדערע ווי די וואס אונזער רעגירונג האט שוין פאר א לענגערער צייט אנגענומען. וועט אונזער רעגירונג פון דעם ניט אפלערנען קיין מוסר השכל?

כל נדרי אין פעלד

(ערינערונג).

פון ש. ערדבערג.

מיט זעקס יאהר צוריק איז עס געווען. דער אנהויב פון די פייער און שטורם יאהרען. עטליכע וואכען איינגאנצען ווי דער מורא'דיגער קריעג האט זיך צופלאַקערט. „רייטשלאנד" האט זיך געדרוקט נעהנטער צו פאריז, און די גרויסע שטאָדט, א דערשראקענע און צוטומעלטע, איז זיך צולאָפען אין אלע עקען.

פול מורא איז די מחנה געלאָפען ווייטער, ווייטער פון פאריז, אוים'ן וועג צוטיילט זיך און זיך פארלוירען איינס דאס אנדערע, ווער אין א שטאָדט און ווער אין א דאָרף.

א גרופּע פון צעהן גוים, איך איין איד צווישען זיי, איז אנגעקומען אין טאונאָן.

טאונאָן איז א קליינער, שעהנער דאָרף; פול ווייסע, נידריגע הייזלאך, און מיט ברייטע, לאנגע, לאנגע וויינגערטנער ארום און ארום.

אויף א מהלך פון א זעכציג מייל ארום האבען זיך, ווי פארלוירענע, צוזייעט און צושפּרייט אונזערע חברים נע ונדיקעס.

מיר זיינען כמעט קיינמאָל ניט איינגעזעסען אין טאונאָן. יונגע חברה מיט אומרוהיגע נשמות האבען מיר זיך אפּט אוועקגעלאָזט וואנדערן איבער דער געגענד.

און וואס האבען מיר דען געדארפט? ביי יעדען קילאמעטער האבען מיר אין א פויעריש הייזעל אנגעקלאפּט. די בעל־הבית'טע האט אונז ארויסגעטראגען א ווייס ברויט און א קרוג רויטען וויין. אבגעגעסען און אנגעטרונקען האבען מיר די גוטע מענשען געדאנקט, און זאט און צופריעדען, זיך אוועקגעלאָזט ווייטער, ווייטער.

איינמאָל אין צוויי וואכען האבען מיר זיך אומגעקעהרט אהיים, די פּאסט אבגענומען, פארבראכט און אהנגר ביים „מער", אן אלטער קינדערלאזער פראנצויז. זיין אלטיטשקע האט אונז מכבד געווען מיט וויין, און דער „מער" האט פארגעלייענט זיינע מלחמה ליעדער. מיר האבען איבערגענעכטיגט און ווייטער געוואנדערט.

איין טאג אויף אונזער צוריקקעהר אהיים זיינען מיר אנגעקומען אין לילבורשאר, א שעהן אלט שטעדטעל, איינגאנצען אין וויינטרויבען פארטרונקען, און מיט א רייכען אנטיקען שלאָס.

עס איז שוין ניט ווייט פון אונזער טאונאָן, א דריי קילאָמעטער איינגאנצען. זיינען מיר אריין צו די חאטינ'ס, א משפחה נע ונד'ניקעס, אביסעל אברוהען.

ביי די חאטינס איז געווארען פרעהליך.

— מיר'ן מאכען א הוליאנקע, — האָבען זיי פארגעלייגט.

ראַדאיעוו, א מאסקווער גוי, א רעוואָלוציאָנערער דיכטער, האט אוועקגעלייגט זיין הוט אויפ'ן טיש און אריינגעווארפען דעם ערשטען פראנק.

יעדער איינער האט עפּעס אריינגעווארפען. ראדאיעוו האט דעם הוט געלד דערלאנגט דער אלטער פריינד חאטין, און געזאגט:

— קויפט איין.

דער טיש איז פול געווארען מיט פלעשער רויטען און ווייסען וויין. מיר האָבען געגאסען א גלאז נאָך א גלאז, דערצעהלט מעשות פון וועג און געזונגען רוסישע ליעדער.

פלוצלונג האָב איך דערפיהלט א תאנר אויף מיין אקסעל. איך האָב זיך אומגעקערט. דער אלטער ישעא חאטין שטעהט איבער מיר מיט בעטענדע אויגען און שטאמעלט שטיל:

— היינט איז ערב יום כפור...

איך האָב אויפגעציטערט. ערב יום כפור. אין דעהיים שטעהען אידען אין שוהל, די ליכט ברענען, מען זאגט תפילה זכה. אלע וויינען און בעטען. איך בין אזוי ווייט... זינג רוסישע לידער און טרינק וויין...

איך האב נישט קיין סדור — קלאַנגט זיך דער אלטער — איבערגעלאזט אין פאריז. כל נדרי... ונתנה תוקף... מזכיר נשמות זיין... איך קען נישט פון אויסווייניג...

— איהר האט פאפיר? — האב איך איהם געפרעגט.

דעם אלטענ'ס אויגען האבען זיך אנגעצונדען און אויפגעלויכטען. ער האט געבראכט פאפיר און טינט און פעדער. איך האב אנגעהויבען אויפשרייבען כל נדרי. די ווערטער האבען זיך צוזונגען, אין מיר, און שרייבענדיג האב איך שטיל צוגעזונגען...

— דו, וואס טוסטו? — האט ראדאָיעוו זיך געבייזערט, — מיר האבען דאך וויין!..

— מארגען איז יום כיפור, שרייב איך פאר'ן אלטען א פאר תפלות. פארשטעהסט?

— טפו זאלסטו ווערען, — האט ער מיט כעס א האק געטאָן אין טיש, — איד בלייבט איד! א פריידענקער, א רעוואָלוציאָנער, — און שרייבט תפלות...

די קאמפאניע האט געהאלטען מיט איהם און זיך געבייזערט:

— מיט דיין בלעקעכצען די תפלות שטערסטו די הוליאנקע. הער אויף!

ווי א ווארים האט דער אלטער זיך איינגעצויגען פאר שרעק. זיינע אויגען האבען זיך אזוי שטיל געבעטען...

— טרינקט אליין, איך שטער אייך נישט, — האב איך געזאגט, און שרייבענדיג ווייטער האט דער נגון אלץ העכער פון מיין הארץ זיך ארויסגעריסען.

— ער „א־זוענט" דאך גאר! [illegible] זינגט דאך די תפלות, — האט [illegible]

אין טעאטער

„מיין טאטענ'ס ווייב", מוזיקאלישע קאמעדיע אין דריי אקטען, פון איזי־דאר ליליען, אין טאמאשעווסקי'ס טעאטער. — „דאס שטיפקינד פון דער וועלט", אין 3 אקטען מיט אן עפי־לאג, פון איזידאר ליליען, אין דייוויד קעסלער'ס סעקאנד עווענין טעאטער.

ביידע מייסטערווערק, אלזא, שטאמען פון איין און דעמזעלבען פארפאסער, מר. א. ליליען. וואס דאס באדייט, אז אמע־ריקא איז ווירקליך א לאנד פון אומבא־גרענצטע מעגליכקייטען.... ערשט נאך נאר ניט לאנג איז הער ליליען געווען בלויז באקאנט אלס פארפאסער פון טעאטער־לידלאך. דאס הייסט, ווען איינער האט אנגעשריבען א טעאטער־שטיק און דער טעאטער מענעדזשער האט געהאלטען פאר נויטיג צוצושטעפען דערצו עטליכע לידלאך, פלעגט עס הער ליליען מאכען דעם דזשאב. קענטיג אבער, אז הער ליליען האט זיך ארומגעזעהען, אז פונקט ווי עס איז ניט שווער פאר איהם צו מאכען די לידלאך, קאן ער פונקט אזוי לייכט פאר־פאסען דאס גאנצע שטיק, און הער ליליען איז איצט איינער פון אונזערע פאפולער־סטע פיעסען־פארפאסער.

מען שפיעלט זיינע זאכען אין פיעלע פון אונזערע טעאטערע. ער איז איצט, ווי מען זאגט, אין דער מאָדע. און ווי עס שיינט, קומט עס איהם אויך ניט אן שווער. הער ליליען איז פרוכט־באר.

הייסט עס, אז מיר מעגען זיך גראטו־לירען מיט א נייעם פיעסען־פארפאסער. יע, דאס וואנדערט זיך אבער וואס איינער פארשטעהט אונטער דעם ווארט. אויב א פארפאסער פון פיעסען מיינט איינער, וואס קען איבערניצעווען אלטע, אלטע טעאטער שטיק אזוי, אז זיי זאלען אויס־זעהען כמעט ווי נייע, האבען מיר אין הער ליליען א נייע דראמאטישע קראפט.

נאר אזוי ווי מיט אזעלכע פארפאסער איז אונזער טעאטער פון די עלטסטע צייטען אן געווען געבענשט, איז ניטא קיין גרונד זיך צו שטארק איבערנעמען. מען קען נאר זאגען, אז צו אלע אונזערע פריה־עריגע „טאלאנטען" איז צוגעקומען נאך איינער פון דעמזעלביגען סארט און קראפט.

מיר האפען, אז דערפון וועט דער לע־זער ניט דרינגען, חלילה, אז עס איז ניט ווערט צו געהן זעהן די ביידע זאכען אין די צוויי דערמאנטע טעאטערע. לאמיר עס גלייך ערקלערען, אז וואס אנבעטרעפט אונז, האבען מיר זיך גאנץ פיין אמוזירט, אין די ביידע דערמאהנטע טעאטערע — אמוזירט סיי פון דעם זינגען און סיי פון דעם שפיעלען פון די פארשידענע אק־טיארען, און אויך געשעפט א היבש ביסעל פארגעניגען פון דער פוס־קונסט פון די מייסטע אקטיארען און אקטריסעס.

פיעל ווענדט זיך אן דעם, מיט וועל־כע אביציכטען איהר געהט אין טעאטער. אויב איהר ערווארט צו זעהן אויף אונ־זער ביהנע אמת־גוטע לעבענס־דראמען, וועט איהר זיך געוויס פיהלען ענטוישט אין אונזערע צוויי גרעסערע טעאטערע פון ניויארק. נאר, אויב איהר ווילט פאר־ברענגען א פאר שטונדען, זעהען, ווי מענ־שען ש ט י פ ע ן, און איהר אליין זיינט נאך ניט אלט גענוג, און ניט אזוי ערנסט גענוג און קענט מיט זיי מיטשטיפען, וועלען די דאזיגע צוויי זאכען אייך זיכער צופרידענשטעלען.

מען דארף האבען אין זינען, אז אזעל־כע זאכען, ווי די אין טאמאשעווסקי'ס און אין סעקאנד עווענין טעאטער, האבען גאר קיינע פרעטענזיעס אויף קונסט. זיי ווערען לכתחילה אויפגעפיהרט מיט דעם איינציגען ציעל צו אמוזירען דעם גרוי־סען עולם. און דעם צוועק דערגרייכען זיי.

מיר האבען, מיר זיינען זיך מודה, גאנץ הערצליך געלאכט איבער די גאנצע קאמישע ראלע פון טאמאשעווסקי אין „מיין טאטענס ווייב" און איבער די קא־מישע ראלע פון ל. זאיז אין „דאס שטיפ־קינד פון דער וועלט."

עס איז אונז גאר ניט איינגעפאלען צו טראכטען וועגען דעם, אויב טאמאשעוו־סקי אדער זאיז שפיעלען ווירקליך מענש־ליכע כאראקטערע. ווער פאדערט עס פון זיי? גענוג זיי מאכען אונז לאכען. זיי מאכען אונז פארגעסען פאר א ווייל'ע אן די צרות פון לעבען אויסערען טעאטער, און מיר פיהלען באמת, ווי צו דאנקען זיי. מיר זיינען גאר אין כעס געווען בשעת מעשה, וואס רובין שפיעלט זיין ליט־וואק־ראלע אזוי גוט, אזוי אמת'דיג. דאס קלינגט עפעס, ווי א דיסאנאנס. אלע מא־כען זיך נאריש, און ער איינער בלייבט אזוי געטריי צו זיין גוטען, רעאליסטישען שפיעלען. דאס פאסט זיך גאר ניט אין אזא סביבה.

און עס פארדריסט וואס רובין האט ניט געקראגען אויך זיין חלק צו זינגען עטליכע לידלאך, מיטצושפרינגען אין א פאר טענץ. מיט וואס איז ער בעסער פון די הערדען ראזענשטיין און בערנשטיין, וועלכע באזיצען טאקע דעם סוד פון דער אייביגער יוגענד?

יע, זעהענדיג ראזענשטיין און בערנ־שטיין שפיעלען איצט, אין 1920, קענען מיר זיך ניט דערמאנען, אז ווען־עס־איז, מיט 20 אדער מיט 25 יאהר צוריק, זיי־נען זיי אויף דער ביהנע געווען מעהר יונג, מעהר רירעוודיג. ראזענשטיין זינגט נאך אלץ אזוי שעהן, און ראמאנסירט נאך אלץ אזוי ליידענשאפטליך, ווי מיט 25 יאהר צוריק. און בערנשטיין איז נאך אלץ אזוי פלינק אויף די פיס, און זיין שטימע איז נאך אלץ אזוי הייזעריגליך — וואס פאסט זיך אויסגעצייכענט צו זיין זינגען.

און, אז מיר ריידען שוין יא פון איי־ביגער יוגענד, טו ווי קענען מיר אויסלא־זען פון דערמאנען מאדאם מערי ווילענ־סקי? ווער וועט באהויפטען, אז זי האט זיך נאר אויף דאס מינדעסטע געעל־טערט? זי איז אזוי גראציעז, אזוי שעהן, און פונקט אזוי פארפיהרעריש איצט, ווי אין די גוטע אלטע, שעהנע צייטען, ווען דער שרייבער פון די צייליען איז נאך יונג געווען. און קוקענדיג אויף איהר שפיע־לען, שפרינגען, טאנצען, דאכט זיך אייך אויס, אז זי און די שטיפערקע בעסיע ווייסמאן, און די צוויי יונגיטשקע פינקעלס, און דער יונגער הערדי טאמאשעפסקי זיי־נען פון דעם זעלבען עלטער. מעהר נאך, קוקענדיג אויף אונזערע אלטע אקטיא־רען, וואס בלייבען אימער יונג, דוכט זיך, אז אונזערע יונגע אקטיארען זיינען ניט מעהר אזוי יונג, ווי זיי זיינען.

און אזוי האבען מיר פארבראכט אין טאמאשעווסקי'ס טעאטער א פאר אמו־זאנטע שטונדען, זיך צוגעהערט צו דער גאנץ אנגענעהמער מוזיק פון אונזער אלטען און־אייביג יונגען לואיס פרידזעל, צוגע־זעהן מיט פארגעניגען די פוס־גימנאס־טיק פון בעסי ווייסמאן און אלע אנדערע טענצער און טענצערקעס, אין וועלכער א געוויסער דען דארי; א קינסטלער פון סא־מע בראדוויי, האט זיי אויסגעצייכענט טרעינירט, און זיך באמת אמוזירט אי־בער די קאמעדיע פון טעות'ן, וואס דאס איז טאקע דיזעלבע זאך, ווי „מיין טא־טענס ווייב", וואס איז אזוי אמיזאנט אויסגעפיהרט געווארען פון אלע אקטיא־רען אין טאמאשעווסקי טעאטער.

איהר ווילט וויסען דעם אינהאלט פון „מיין טאטענס ווייב"? בנאמנות, עס איז ניט וויכטיג. ווייל ניט דאס איז די הויפטזאך. די הויפטזאך איז די מוזיק, די טענץ, די וויצען, די שטיפעריי. די גאנצע קאמעדיע איז דא כמעט ווי א טפל. איז צו וואס פארנעמען דערמיט פלאץ?

און איהר קענט עס טאקי ניט איבער־געבען אויך. למשל, א פעדלער, אן ארי־מער פעדלער, ברייננט מיט פאר מיטאג מיט זיך א גוטע שטיק הון, וואס זיין מיסעס, וואס פילעוועט איהם אפ שטארק, גיט איהם מיט. דעם מיטאג לאזט ער אי־בער אויפ'ן דעסק פון דער פעקטארי, וואוהין ער קומט פארקויפען זיינע בייגע־לאך, צוויי פאר א סענט. פאר דעם מא־נופעקטשורער ברייננט די דינסט צו מי־טאג א פאר שטיקלאך ברויט מיט ציי־בעלע, ווייל דער מאנופעקטשורער איז זעהר קארג. ליגען די ביידע מיטאגס אויפ'ן טיש. פארשטעהט איהר דאך, אז דער מאנופעקטשורער קריגט דעם פעקעל, אין וועלכען די טשיקען געפינט זיך, און דער ארימער פעדלער קריגט דעם ציבעלע־דינער. עס איז אן אמת־קאמישע סצע־נע, און, ווען טאמאשעווסקי רעדט ארויס מיט זיין געלאסענעם טאן, הערענדיג די געשרייען פון פעדלער—אז די מיסעס האט איהם אפגענארט, אז ער וועט שוין היינט קיין טשיקען ניט עסען, קראכט דאס טע־אטער פון געלעכטער. און אזוי געהט עס דורך און דורך. עס איז ווירקליך א קא־מעדיע פון טעות'ן, וואס איז זעהר, זעהר אלט אויף דער ביהנע, אבער וועלכע פאר־פעהלט קיינמאל ניט צו מאכען דעם צו־שויער לאכען.

אלזא, אלעס צוזאמענגענומען, איז די מוזיקאלישע קאמעדיע אין טאמאשעווס־קי טעאטער אן אמת'ע יום־טוב־פיעסע, ביי וועלכער אונזער באלעבאטישער עולם קען זיך גאנץ גוט אמוזירען.

די קאמעדיע שפיעלט זיך אפ אין א פעקטארי, אבער פון ארבייט איז דארט קיין סימן ניט צו זעהן. מען האלט אין איין טאנצען און זינגען, און די פאר־העלטניסע צווישען קאפיטאל און ארבייט זיינען דארט די סאמע בעסטע, הלואי אזוי אין אמת'ע פעקטארים. דעם מאנופעקטשו־רער'ס זוהן האט חתונה מיט דעם ארביי־טער'ס טאכטער; דער מאנופעקטשורער אליין, ניט נאר ווערט ער פון טויט לעבע־דיג, נאר צום סוף קומט צו איהם זיין פרוי, וועלכע ער האט שוין געהאלטען לאנג פאר געשטארבען. און די געשיכטע ענ־דיגט זיך מיט דריי חתונות, אויב ניט גאנצע פיער. קען זיין פרעהליכער, אמי־זאנטער און בעסער?

אין סעקאנד עווענין טעאטער איז, וואס אנבאלאנגט די מוזיק, די טענץ, די מערשע אזוי שעהן און אנגענעהם, ווי אין דעם טאמאשעווסקי טעאטער. מבינים אויף מוזיק מעגען צווישען זיך דעבאטי־רען, וואו די מוזיק איז א געשמאקערע, א בעסערע, א מעהר אידישליכערע, אבער מיר וועלען זיך ניט אונטערנעמען צו גע־בען אונזער מיינונג וועגען דעם. ביידע קאמפאזיטארס זיינען אונזערע אלטע גו־טע פריינד און צו וואס זאלען מיר מא־כען אימיצען פון זיי פיהלען שלעכט?

אבער די פיעסע, דאס הייסט, די עברי וואס ווערט געזאגט אין סעקאנד עווענין טעאטער איז א גאנץ אנדערע ווי אין דעם טאמאשעווסקי'ס טעאטער.

עס האנדעלט זיך וועגען דעם אידישען פאלק צווישען די פעלקער. דאס אידישע פאלק, ווי אויך אלע אנדערע פעלקער, ווע־רען פארגעשטעלט דורך פערזאנען. אזוי שטעלט מיט זיך פאר מאדאם פראגער אונזער לאנד ציון. מרס. גרינפעלד, יהודית בת ציון, רעפרעזענטירט מיט זיך דאס אידישע פאלק; ק. יוזוועליר שטעלט אין פרלאנג פאר דעם רוימער און אין דער פיעסע גופא דייטשלאנד, מיס לאסקער— ענגלאנד, מיס מאנולעפסקי — איטאליען, ב. אויערבאך — פוילען, באראץ — רוס־לאנד און אז. ווייטער און ווייטער, און עס ווערט אין עטליכע ווערטער דערצעהלט די גאנצע לאנגע און טרויעריגע אידישע געשיכטע, נעמליך, ווי יהודית בת ציון געהט איבער פון האנט אין האנט. פרי־הער איז זי די געליעבטע פון שפאניען. נאכהער, אז זי ענטזאגט זיך צו שמד'ען, געהט זי איבער צו דייטשלאנד, און אזוי ווייטער און ווייטער, ביז נאך פיעלע וואנדערונגען און ליידען, קומט זי צוריק צו איהר מאמע ציון.

דערביי ווערט, נאטירליך, געטאנצט, געזונגען, געשפיעלט. יעדער אקטיאר האט צו זינגען א לידעל אדער צוויי, און דער אלגעמיינער איינדרוק איז, אז דער עולם איז צופריעדען.

יע, גאר פארגעסען צו דערמאנען. צווישען די האנדלענדע כאראקטערע איז דא אויך די צ י י ט, וועלכע ווערט פער־זאניפיצירט פון סעמועל גאלדענבערג. ער האט עס אם לייכטסטען. ער זאגט נביאות וועגען אלעס, וואס האט שוין פאסירט, מיט א [illegible] תנבואה, אזוי וואנט ער פאראויס דעם אלטען רוסלאנד און פיעלע אנדערע לע־דער זייער מפלה, און דעם טריאומף פון אידישען פאלק.

כדי מען זאל וויסען, אז ער פערזאני־פיצירט די צייט, האלט ער אין האנט א פערפענדיקעל פון א גרויסען, אלטמאדי־שען זייגער. דאס איז ווירקליך א גאנץ נייער איינפאל. געווענליך האבען מיר געזעהן די צייט פארגעשטעלט פון א מענשען מיט א קאסע אין האנט, וואס דאס דערמאנט אן מלאך המות. די צייט אין סעקאנד עווענין טעאטער איז פון א מעהר געמיטליכער נאטור. איהר האלטונג, סיי אין דער צייט פון פרידען, סיי אין דער צייט פון מלחמות, איז אימער דיי־זעלבע, איהר שטימע דיזעלבע. אין סע־קאנד עווענין טעאטער רעדט ניט אמאל די צייט בקולות וברקים און אמאל מיט א שטימע פון א ווארקענדער טייבעלע. זי איז אימער געלאסען און פול מיט ווירדע, אזוי ווי עס פאסט פאר אזא באשעפע־ניש, וועלכע האט שוין אזוי פיעל דורכ־געמאכט.

די צייט, דאס הייסט, סעמועל גאלדענ־בורג, איז דער קאפעלמייסטער פון דער גאנצער שא. דאך האבען מיר געהערט, אויב מיר האבען קיין טעות ניט, אויך איהם אמאל אונטערזינגען, זיצענדיג אויף זיין טהראן, אין כאר איז זיין שטימע, דער שעהנע, זיכער ניט געווען קיין אי־בעריגע.

פארשטעהט זיך, אז יעדעס לאנד איז ערשינען אויף דער ביהנע אין זיין נא־ציאנאלען קאסטום, און פאר יעדען לאנד באזונדער האט דער גאנץ היבשער און שעהנער ארקעסטער, דיריזשירט פון מייסטער רומשינסקי, אויפגעשפיעלט דעם נאציאנאלען הימן, מאריפיצירט אלא רומ־שינסקי.

אזוי ווי מיר האבען שוין דערמאנט איינציגע לענדער און די וועלכע האבען זיי פערזאניפיצירט, זעהען מיר ניט, ווארום מיר זאלען מאכען אן אויסנאהם מיט דער רא־זא קארפ, וועלכע האט פערזאניפיצירט מיט זיך אמעריקא. איהר קענט זיך פאר־לאזען, אז אמעריקא קומט ארויס די פיינ־סטע צווישען אלע איהרע שוועסטער סיי בנוגע צו אונזער יהודית און סיי צו דער גאנצער וועלט. מאכט פוילען פאגראמען, ווער איז דער ערשטער זיך אנצונעמען פאר יהודית? — אמעריקא. רייסען זיך צווישען זיך די פעלקער, און ווייסען ניט קיין אנדער מיטעל, ווי מלחמה, קומט אמעריקא און ערקלערט שלום פאר די גאנצע וועלט.

מיס לובריצקי שטעלט מיט זיך פאר פראנקרייך, מר. שווארץ — שפאניען, ה. רושייקאבסאן — רומעניען, וועקסלער — אראביען, א. שנירמאכער — אפריקא. זיי אלע ווערען באהאנדעלט פון זייער פערזאניפיצירער מיט גרויס דרך ארץ, אבער זיין גאנצען שפאס און גרימצארן לאזט אויס ל. זאיז צו טערקיי, וועמען ער פערזאניפיצירט. דער טעאטער קוועלט פשוט אן פון איהם, ווי ער לעצעוועט עס אפ פון טערקיי.

עס איז דארום זיכער, אז „דאס שטיפ־קינד פון דער וועלט" איז א גרויסער יום־טוב־ערפאלג. א חוץ די מוזיק, טענץ און שעהנע סצענע־עפעקטען, ווערט נאך גע־קיצעלט אונזער אידישער פאטריאטיזם. טו ווי זאל דער עולם דאס ניט גלייכען?

און אזוי ווערען אין אונזערע צוויי גרעסטע אידישע טעאטערע אויפגעפיהרט צוויי אפערעטאס נאך לויט דעם אלטען שנים, אזוי ווי, וואס אנבעטרעפט אונזער טעאטער און אונזער טעאטער עולם, וואלט די צייט ניט גערוהרט זיך פון ארט פאר די לעצטע 25, 30 יאהר.

דער קריטיקער.

אין וועג

פון נחום י.

וועגען ־ שטיין,
שווער דער טראט —
לעדיגער די לאגלען.

דארף נאך דארף,
שטאט נאך שטאט —
וואגלען מוזט דו, וואגלען.

געה פארביי,
הער ניט צו
ווי די לייבען ברומען.

צו דיין ציעל,
צו דיין רוה
קומען וועסט דו, קומען.

הא, דו וויינסט?
וויין ניט, נאר,
אין די מדבר שטויבען.

הערסט, מען לאכט
פון דיין צער,
קיינער וויל ניט גלייבען...

איהר אינערליכע און אויסערליכע פאלי־טיק בכלל.

דער ארבייטער קלאס איז איצט אגרע־סיוו און זוכט ארויסצוזעצען דעם קאפי־טאליסטישען קלאס פון זיינע פעסטונגען פון עקאנאמישע פריווילעגיעס. אין ענג־לאנד נאך מעהר ווי אין איטאליען זוכט ער עס צו דערגרייכען אהן א פאליטישער רעוואלוציע.

פון די הכנות וואס דער ענגלישער פראלעטאריאט האט געמאכט, זיין בא־שלוס צו גרינדען אן ארבייטער גענעראל־שטאב, וואס זאל קאמאנדירען מיט דער גרויסער ארבייטער־ארמעע אלס א גאנ־צע, באווייזען, אז אויב עס וועט קומען איצט צו א פארמעסטען זיך אין כחות צווישען קאפיטאל און ארבייט וועט עס זיין א קאמף אויף לעבען און טויט.

מאנגעל פון פראלעטארישע וויסען דעם עסק פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל איז נישט קיין איינפאכע צוזאמענפאחרונג פון די סאציאליסטישע ארבייטער ארגאניזאציעס פון אלע לענדער, נאר א זעלבסטשטענדיגע אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציע, וועלכע פארפאלגט באשטימטע, גענוי פארמולירטע צילען מיט באשטימטע רעוואלוציאנערע מיטלען.

„דער ארייננטריט אין דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל פארפאלגט נישט קיין ציעלען פון אינטערנאציאנאלען עטיקעט, פון פארפליכטקייט, נאר אויפגאבען פון רעוואלוציאנערען קאמף... דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל איז אן ארגאניזאציע פון רעוואלוציאנערער טאט, פון דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטארישען אויפשטאנד. די יעניגע עלעמענטען, וואס דריקען אויס זייער באריטקייט זיך אנצושליסען אן דעם דריטען אינטערנאציאנאל און פראטעסטירען אין דערזעלבער צייט געגען דעם, וואס מען דיקטירט זיי באדינגונגען פון דרויסען, ציינען מיט דעם ארויס זייער אומפאסיגקייט פון דעם שטאנדפונקט פון די פרינציפען און מעטאדען פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. די גרינדונג פון אן אינטערנאציאנאלער ארגאניזאציע פאר דעם קאמף פאר דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט איז מעגליך נאר דאן, ווען דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל וועט אויסנעמען בלויז אזעלכע פארטייען, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון פראלעטארישען אויפשטאנד געגען דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע, און וואס זיינען דעריבער פאראינטערעסירט אין דעם, אז צווישען זיי זאלען זיך נישט געפינען נישט נאר קיין פאררעטער, נאר אויך סקעפטיקער, קיין וואקלענדע עלעמענטען“.

פון די דאזיגע ווערטער איז קלאר, אז אין דער פראגע פון ארייננטריט באדינגונגען זיינען די פיהרער פון דעם דריטען אינטערנאציאנאל מעהר אויסגעהאלטען, מעהר פרינציפיעל ווי זייערע געגנער און קריטיקער. דא איז נישט די פראגע צו אן ארבייטער אינטערנאציאנאל דארף זיין אן ארגאניזאציע פון אלע סאציאליסטישע פארטייען צו צי בלויז פון די רעוואלוציאנערע, קאמוניסטישע עלעמענטען. זיכער קען ער נישט זיין אי דאס אי יענעס. דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל האט זיך געגרינדעט אלס אן ארגאניזאציע וואס פארפאלגט דעם צוועק פון אלוועלטליכען אויפשטאנד פון פראלעטאריאט און פון דער איינפיהרונג פון דער פראלעטארישער דיקטאטור וואו נאר און ווען נאר מעגליך, אלס אזעלכע ארגאניזאציע קען זי, ניין, זי דארף באשטעהן אויף דעם, אז אלע פארטייען, וואס שליסען זיך אן איהר זאלען פארפאלגען דעם זעלבען צוועק, זאלען העלפען דורכפיהרען די הויפט אויפגאבע פון דעם אינטערנאציאנאל, די וואס זיינען גרייט אנצונעמען די פרינציפען, די ציעלען און די מעטאדען פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל זיינען ווילקאמען זיך אנצושליסען. די אבער, וואס שטימען נישט מיט איהם אין זיין רעוואלוציאנערען פונקט, אין זיין הויפט צוועק, אין דעם עצם פון זיין טעטיגקייט — פאר די איז דארט קיין פלאץ נישט.

ס'איז קלאר, אז די מעסיגערע, נישט דיקטאטור־פראלעטארישע סאציאליסטישע פארטייען, פארדרעהען ווירקליך די פאקטען, ווען זיי רעדען וועגען שווערע, דיקטאטארישע ארייננטריט־באדינגונגען. דער פאקט איז, אז זייער באריטקייט זיך אנצושליסען אן דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל איז נישט רעכטפערטיגט פון זייער אייגענעם שטאנדפונקט. זיי האבען קיין רעכט נישט אפילו צו וועלען זיך אנשליסען אן ארגאניזאציע, וואס פארפאלגט צוועקען, וועלכע זיי פארווארפען. דיקטאטור — ארער דעמאקראטיע, סאוועטען ארער פארלאמענטען; קיין מיטעל־וועגען איז נישטא, קיין מיטעל־וועג קען נישט פיהרען צו אחדות צווישען לענין, לאנגע און הילקוויט און מעקדאנאלד. ווער ס'איז גערעכט איז ווייטער־שטעהענדער פראגע. דא ווערט נישט דעבאטירט די פראגע פון באלשעוויזם ארער מענשעוויזם, סאוועטיזם ארער דעמאקראטיע. די אנהענגער פון יעדער ריכטונג זיינען בארעכטיגט צו זייערע אנשויאונגען, און דער גאנג פון דער געשיכטע וועט באשליסען, ווער ס'פארטרעט דעם אמת'ען רעוואלוציאנערען שטאנדפונקט. אבער אויסגעהאלטען דארף מען זיין, דאס מעג מען פאדערען פון יעדען פיהרער, פון יעדער ריכטונג. אויב די סאציאליסטישע פארטייען זיינען נישט איינשטימיג מיט דעם מאסקווער אינטערנאציאנאל, מיט זיין הויפט אויפגאבע, דארפען זיי נישט קלאפען אין זיין טיר און בעטען מען זאל זיי אריינלאזען, דארפען זיי נישט פארבלענדען די אויגען פון זייערע מיטגלידערשאפטען און זיך כלומרשט חבר'ן מיט דעם דריטען אינטערנאציאנאל, נאר זיי דארפען ארגאניזירען אן אינטערנאציאנאל פון פארטייען, וואס פארפאלגען א געמיינשאפטליכען צוועק. צי דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל טויג יא צי נישט — איין זאך איז זיכער, אז טראצקי איז גערעכט ווען ער זאגט, אז דא האנדעלט זיך נישט וועגען אינטערנאציאנאלער העפליכקייט, נאר וועגען אויפגאבען פון רעוואלוציאנערען קאמף. און די וואס קאנען נישט געהן אויף דעם וועג פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל דארפען האבען דעם מוט פון זייערע איבערצייגונגען און נים פארבלענדען די גענאסען די אויגען און נים פראווען קיין דעמאגאגישע שטיק.

קורצע שמועסען

צווישען רעדאקטאר און די לעזער.

טעאטער־פאטריאט. — עס האט זיך אזוי געמאכט, אז לעצטע וואך האבען מיר נים געקאנט אפגעבען מעהר, ווי איין אווענד פאר'ן טעאטער, נאר ווען אפילו יא, וואלטען מיר דאך אלץ מעהר ווי איין פיעסע נים געקאנט באהאנדלען. ווארים, ווי איהר זעהט, פארנעהמט ביי אונז די באהאנדלונג פון א פיעסע א חשוב'ען פלאץ אין דער „גערעכטיגקייט“, און מעהר פלאץ פאר דעם קענען מיר נים אוועקגעבען. זייט אבער אהן זארג, פריהער ארער שפעטער וועלען מיר קומען צום ווארט וועגען יעדער פיעסע, — וואס וועט געשפיעלט ווערען אויף דער אידישער ביהנע. — און, אויב מיר וועלען נאר האבען די נויטיגע צייט, וועלען מיר נאך ארויסגעבען אמאל א ווארט איבער אן ענגלישע פיעסע, אויב זי וועט עס פארדיענען. וואס אנבעטרעפט די טהעאטער־פאליטיק, הויבט זי אונז נים אן צו אינטערעסירען, און אויב איהר האט יע אן אינטערעס אין דעם, וועט איהר געפינען וועגען דעם, וויפיעל אייער הארץ גלוסט, אין די פארשידענע טעגליכע צייטונגען. וואס אונז אנבעטרעפט, האלטען מיר עס פאר א זעהר אונגעזונטע לעזעשטאף, מיט וועלכען קיין דענקענדער מענש דארף זיך נים אינטערעסירען. עס איז פשוט'ע יבילות און פלאטקעס, וועלכע זיינען ווי צוגעפאסט פאר די פלאך־קעפיגסטע צווישען די אידישע לעזער.

ב. פיליפס. — וועגען געלד־זאמלען און אינוועסטמענטס קענען מיר אייך קיין עצה נים געבען. מיר פארשטעהען אליין כמעט ווי גארנים וועגען דעם.

ח. ראוויינסקי — די פראגע פון יענעם קארעספאנדענט אין דער „פ. א. ש.“ פון דעם 10 יולי, איז, לויט אונזער מיינונג, געווען גאר נים קיין קלוגע פראגע. און מעהר פון אלץ וואונדערט אונז אויף אייך. איהר אליין שרייבט, דאס איהר ווייסט, אז סוף כל סוף קומען אלע רייזעס, וואס די ארבייטער קריגען, פון דער ארבייטער קעשענע, זאלט זיך פאשטעלען דוקא אויף איין יוניאן? זעהט איהר, ווען איהר פרעגט צו וואס סטרייקען ארבייטער איבערהויפט, ווייל סוף כל סוף קומט אויס אז זיי דרעהען זיך אויף איין פלאץ, און ריהרען זיך נים פון ארט, וואלטען מיר עס פארשטאנען, כאטש מיר וואלטען מיט אייך דעבאטירט. מיר וואלטען אייך באוויזען, אז עס איז נים אמת די מעשה, אז די ארבייטער דורך סטרייקס האבען באדייטענד פארבעסערט זייער עקאנאמישע לאגע; אז א דאנק זייערע קעמפע איז אי זיי לעבען בעסער, אי זיי ארבייטען איצט פיעל קירצערע שטונדען. נור אזוי ווי איהר פרעגט דאס נים, נור איהר כאפט זיך אן איין יוניאן, וועלכע איהר מיינט איז מעהר פון אלע שולדיג, א דאנק אייך, איז דאס קענען מיר פשוט נים פארשטעהן. יעדע ארבייטער ארגאניזאציאן, ווען זי טרעט ארויס אין קאמף, רעכענט אויף די סימפאטיע פון די ארבייטער, און די ארבייטער ענטפערען מיט סימפאטיע, אפילו ווען זיי ווייסען, אז סוף כל סוף וועט זיך עס אויסלאזען צו זייערע פאקעטס. זיי טוען עס צוליעב דריי טעמים. ערשטענס, ווייל זיי זעהען איין, אז די ארבייטער אין קאמף האבען א רעכט צו ווערען בעסער באצאהלט. צווייטענס, ווייל זיי דענקען, אז נים צוליעב די סטרייקס, און נים צוליעב עטוואס העכערע וויידזשעס, קאסטען די לעבענס־מיטלען טייערער; אז דאס איז נור אן אויסרייד פאר די באלעבאטים, אום צו שיטען זאמד אין די אויגען פונ'ם עולם; דריטענס, ווייסען זיי, אז זיי אליין קענען און וועלען זיין אין די זעלבע לאגע, און די הילף, וואס זיי גיבען איצט אנדערע, וועלען זיי מיט רעכט פארלאנגען פאר זיך. וואס אנבעטרעפט די ענגלישע מיינערס, וועלכע פאדערען א וויידזש־העכערונג, און שטעלען דעם תנאי, אז דער פרייז אויף די קוילען זאל נים געהעכערט ווערען, איז אין דעם דא א גאנץ אנדער גרונד. וואס די מיינער ווילען איז, אז די קוילען־מינען אין ענגלאנד זאלען נאציאנאליזירט ווערען, און כדי דאס אויסצופיהרען, שטעלען זיי דארום אזא פאדערונג, אז דער פריוואט־אייגענטימער זאל פשוט נים האבען די מעגליכקייט אנצופיהרען זיין געשעפט. די סטרייקערס אבער, פון וועלכע איהר רעדט, שטעלען זיך נים דעם צוועק, און דערפאר קענען זיי נים שטעלען, ווערענד זיי סטרייקען, אזעלכע באדינגונגען. נאך עפעס. איהר מוזט האבען אין זינען, אז ווען א געוויסער ארטיקעל שטייגט אין פרייז, שטייגט ער נים בלויז פאר די ארבייטער, נאר אויך פאר אלע אנדערע געזעלשאפטליכע קלאסען. עס איז אלזא נים דער ארבייטער אליין, וועלכער טראגט די לאסט פון יעדע וויידזש־העכערונג, נור אלע אנדערע קלאסען טיילען עס מיט איהם. זיכער קענט איהר דאך נים האבען דאגעגען, אז די אנדערע קלאסען זאלען באצאהלען זייער טייל אין דעם ארבייטער'ס בעסערער באלוינונג.

מ. קורלענדער, מעמבער לאקאל 1. — אונזער מיינונג איז, דאס אייער פראטעסט קעגען דעם באשלוס פון דעם דזשוינט באארד, דאס די קלאוקמאכער זאלען נים ארבייטען די פאר זונטאגס פון די ראש השנה און יום כפור וואך, איז זעהר און זעהר נים גוט בארגרינדעט. ערשטענס, ווי באלד עס איז ווי־וויידזש נישט פיעל ארבייט, סו וואס איז די אייליניש. די ארבייט אנטלויפט דאך נים. צוליעב די פאר טעג וועט דאך דער באס נים עפענען א קלאוק־פעקטארי אין דער קאונטרי. צווייטענס, קען זיין, אז אין מאנכען שאפ וועלען צוליעב די פאר טעג פון יום טוב קריגען ארבייט א פאר ארבייטער, וואס האבען נאך קיין ארבייט נים, וואס דאס איז געוויס נים קיין עולה. אי, וואס, עס זיינען דא מאנכע שעפער, און וועלכע עס ארבייטען אויך קריסטליכע ארבייטער, ליגט זיך עס נים ביי אונז אויפ'ן שכל, אז דער אידישער באס וועט האלטען אפען זיין פעקטארי אום ראש השנה און יום כפור צוליעב די פאר קריסטליכע ארבייטער. גיבער גלויבען מיר, אז דער שאפ ווערט פאר די צייט אין גאנצען געשלאסען, און די קריסטען מוזען מאכען יום טוב צוזאמען מיט די אידישע ארבייטער. נור, עס קען זיין, אז מיר מיספארשטעהען אייך. און ווען איהר רעדט פון קריסטליכע שעפער, מיינט איהר אזעלכע, די באלעבאטים פון וועלכע זיינען קריסטען, און וועלכע באשעפטיגען קריסטליכע ארבייטער. זאל זיין, אז עס זיינען דא א פאר אזעלכע שעפער, זאל מען צוליעב זיי נים פאסען א באשלוס, וועלכער איז גאנץ פארנינפטיג און גאנץ ויושר־דיג? דאס ליגט זיך נים אויפ'ן שכל. און אויב אזוי איז נים בארעכטיגט דער פארלאנג צוליעב אזא גאנץ קליינער צאהל מענשען צו מאכען אן אויסנאהם, וואס קען אמאל מאכען צו גארנישט דעם גאנצען באשלוס. און צוליעב דעם דענקען מיר, אז דער דזשוינט באארד האט אין דעם מאל דוקא יא אויסגעדריקט דעם ווונש פון דער גרויסער מאיאריטעט. און כאטש אייך פערזענליך ריהרט אן דער באשלוס ביז צו א געוויסען גראד מאטעריעל, שיינט אונז, אז אין אזא פאל דארף דער דענקענדער ארבייטער אביסעלע ערהויבען זיך איבער זיינע אייגענע אינטערעסען, און האבען אין זינען די אלגעמיינע אינטערעסען. און דאס וואס ביז איצט איז עס יא געווען ערלויבט צו ארבייטען אין די זונטאגס, איז נאך קיין באוויז נים, אז דער באשלוס דאס מאל איז אונגערעכט. אז שרייבט איהר דאך אליין, אז דאס יאהר איז די לאגע אין פיעלע הינזיכטען א גאנץ אנדערע. מיר האפען, אז ווען איהר וועט זיך גוט איבערלייגען אלע אנגעגעבענע גרינדע, וועט איהר אליין צוגעבען, אז גערעכט איז דער דזשוינט באארד, און נים איהר, און דאס דער ביזנעס־אידזשענט באסקין איז געווען אין זיין פאלשטענדיגען רעכט, ווען ער האט אייך געמאכט צו סטאפען די ארבייט.

ש. ב. — איהר וועט קריגען צוגעשיקט עטליכע קאפיעס, לויט'ן פארלאנג. וואס אנבאטרעפט די איבערזעצונג, ווייסען מיר ווירקליך נים, וואס מיר זאלען אייך ענטפערען. מיר האבען נאך דאס בוך נים איבערגעלייענט. די קריטיק איז געוויס א זעהר גינסטיגע, אבער דאך קען זיין, אז דאס בוך זאל צוליעב געוויסע אורזאכען זיין נים צוגעפאסט צו אונזערע לעזער. דערפאר בעטען מיר אייך אפצואווארטען א שטיקעל צייט, ביז מיר וועלען האבען דאס בוך איבערגעלייענט. מיר וועלען אייך דאן שרייבען.

מ. גארעליק, סעקרעטאר פיפעלס רעליעף קאמיטע. — א פלוצלונגע קראנקהייט, ריכטיגער, א נים פיהלען זיך גאנץ אם בעסטען, האט אונז געשטערט צו פאלגען אייער איינלאדונג און קומען צום מיטינג אין קארנעגיע האלל, לעצטען שבת, וואו אלעקסאנדער קאהן, מאקס פיין, מאררים ראטענבערג און ב. צוקערמאן האבען אפגעגעבען א באריכט פון דער אלגעמיינער אידישער לאגע אין יורופ און סיי פון די פארהאנדלונגען פון דעם אינטערנאציאנאלען רעליעף קאנפערענץ. פון די באריכטען אין דער פרעסע איבער די רעדען סיי פון די דערמאנטע פריינד אונזערע, וואס זיינען נאר וואס צוריקגעקומען פון יורופ און סיי פון דר. י. מאגנעס, איז צו זעהן, אז דער מיטינג איז געווען פון א טיעף ערנסטען כאראקטער, און מיר פיהלען זיך ווירקליך געערגערט, וואס מיר האבען געמוזט אויסבלייבען.

סעם ה—אן. — אפשר אין אייערע מקומות איז סכות א גרויסע פאסירונג אין דעם אידישען לעבען; דערפאר קען זיין האט איהר געהאלטען פאר נויטיג אנצושרייבען א גאנצע עססיי וועגען דעם. אבער ביי אונז איז עס נים אזוי. ווי קענען אונזערע אידישע ארבייטער פראווען סוכות? און ווי קען זיי דאס גאר אין קאפ קריכען? וואס אנבאלאנגט די שחיטות און די פאגראמען, וואס איהר דערמאנט, זיינען זיי ווירקליך שוידערהאפט, אבער וואס פאר א סמיכות הפרשה האט עס מיט דעם ענין? איבעריגנס פיעלע צייטונגען פון א געוויסער ריכטונג און אידישע מגידים שרייבען און רעדען אין דעם זעלבען טאן, אבער מיר גלויבען נים, אז אזא צייטונג ווי אונזערע דארף אפגעבען איהר גאנץ־באשרענקטען פלאץ פאר אזא סארט שטאף, כאטש מיר זיינען זיכער, אז פון אייער זייט האט איהר נים געמיינט בלויז עס אנצושרייבען, נור גאנץ ערנסט באוואויזען דעם שרעקליכען גורל פון די אידען אין אייראפא. וואס אונז אנבעטרעפט, דענקען מיר, אז דאס וויינען און יאמערען וועט גארנים העלפען. און אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל הילף איז מעגליך פאר די פאראונגליקטע, דארף יעדער איד דא, אין אמעריקא, וועמעס לאגע איז נאך ווים אין פארגליך א פיעל, פיעל בעסערע, טהון אלעס אין זיינע כוחות צו העלפען זיי.

גלענצענדער אויפטו, באסטאנער טשיימבער אף קאמערס איז מיט די ארגאניזירטע ארבייטער... עס ווילט זיך לאכען, נים אמת?

אבער דו ווייסט, אז אט די טריסט קומט פון דער טראגישער הילפלאזיגקייט פון דער היגער ארבייטער באוועגונג, א הילפלאזיגקייט וואס נעהמט זיך פון דעם, וואס מען האט די היגע ארבייטער קיינמאל נים געלערנט צו געהן, און זיי זיינען געבליבען קריפעלס, וואס קריכען און פויזענען אויף די בייכער. דו ווייסט עס און נים ווילענדיג מוזטו ווערען אומעטיג...

מיר האבען געהאט א זיעג, מיר האבען ווידערגעוועהלט די ארויסגעטריבענע סאציאליסטישע אסעמבלי־לייט. אבער אין דערזעלבער צייט איז געווען פריימערי־וואהלען, און דיזעלבע פאליטישענס, וועלכע זיינען געווען פאראנטווארטליך פאר דעם גוואלד־אקט אויף פאליטישע פרייהייט אין דעם גרעסטען סטייט פון דער גרויסער און פרייער רעפובליק, האבען ווידער געקראגען א מאנדאט פון די בירגער, אז זיי מעגען ווייטער זיין פאליטישע פיהרער אין סטייט. ווארפט עס ארויף אן אומעט, יא אן אומעט, מיין פריינד...

דער קאמפיין סעקרעטער פון גאווערנאר קאקס שרייבט צו די אמעריקאנער ליבעראלען, אז זיי מעגען האלטען קאקסען פאר אן אייגענעם. ער איז קעגען פאלמער'ס און בוירלסאנ'ס פארגאנגענעם; ער איז קעגען אל דאס בייז, וואס די ווילסאן אדמיניסטראציע האט אונז געבראכט, און די ליבעראלען, וועלכע האבען פריהער אזוי פיעל פראטעסטירט און גע'יאמערט, זיינען שוין קענטיג צופרידען און געפינען שוין תירוצים פארוואס צו גרינדען א ליגע פון ליבעראלען פאר קאקס'ען עלעקשאן, פארגעסענדיג דערביי, אז ווילסאן איז אין זיינע קאמפיינס מעהר נאך א גרעסערער „נביא“ פון א פרייע און גערעכטע וועלט, פראגרעסיווענען איז ער איצט אין קלעם פון א חברה פאליטישענס, וועלכע האבען שוין נים איין שענדליכען בלעטעל אריינגעשריבען אין דער געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען. קען מען דען נים אומעטיג ווערען פון די אמעריקאנער ליבעראלען?..

מיר האבען איבערגעלעבט אזעלכע עטליכע פינסטערע יאהר אין אמעריקא. די שווערע וואלקענס האבען זיך אבער גענומען שפאלטען. עס האבען אנגעפאנגען ארויסצושפארען ליכט־פאסען. מען האט געהאט אזוי פיעל קאנפערענצען און קאנווענשאנס און קאנגרעסען. מ'האט געגרינדעט קאמיטעס און פארטייען. מען האט ארויסגעלאזען דעקלאראציעס און אויפרופען. מ'האט געשטורעמט און געסטראשעט. און וואס איז ארויסגעקומען? א צובראכענע סאציאליסטישע פארטיי; א נים פערוואקסענע „פארמער לייבאר פארטיי“; א בלאסע גרופע פון רעפארמער דא, און א קראנקע גרופע פון בלייכע סעטעלמענט ווארקערס דארטען; דאס אלעס. פערציהען זיך די וואלקענס ווידער, און עס ווערט ווידער פינסטער, ווידער שטיקענד און — אומעטיג, אומעטיג...

דזשאהן ריעד און פריינא און די אלע אנדערע „פארטרעטער“ פון דער סאציאליסטישער באוועגונג פון אמעריקא ביים דריטען אינטערנאציאנאל האבען נ'צ־פועל'ט, אז מען זאל הילקוויט'ען אריינלעגען אין חרם. הילקוויט, פארשטעהט איהר, איז נים קיין סאציאליסט; ער איז א פאררעטער צום סאציאליזם און צום פרייהייטס־קאמף אויף דער וועלט. אזוי גלויבט דזשאהן ריעד און פריינא, אויף וועמען מען איז נאך נים זיכער וואו זיי וועלען מיט דער צייט „לאנדען“. דזשאהן ריעד און פריינא און ריעהס האבען אויסגע'פועל'ט א חרם אויף קאוטסקי, פראנצויזישע — אויף לאנגע, און ענגלישע — אויף ראמזיי מעקדאנאלד. איהר לעזט עס אלעס, איהר הערט עס און איהר טראכט: א מאדנע וועלט געווארען; און אומעטיג און... [illegible]

מיטגליעדערשאפט אין דעם דריטען אינטערנאציאנאל

פון ג. בוכוואלד.

פאר די לעצטע עטליכע חדשים ווערט אנגעפיהרט אין דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער פרעסע א לעבהאפטיגע פאלעמיק וועגען די באציהונגען צווישען דעם דריטען אינטערנאציאנאל און די סאציאליסטישע פארטייען, וועלכע ווילען זיך אין איהם אנשליסען. די לאגע איז ווירקליך א זאנדערבארע; פון איין זייט האבען אייניגע גרויסע פארטייען — די פראנצויזישע, די אמעריקאנער, די ענגלישע אומאפהענגיגע-ארבייטער פארטיי, די דייטשע אומאפהענגיגע סאציאל-דעמאקראטען, און אנדערע, באשלאסען צוצושטעהן צום דריטען אינטערנאציאנאל און דורכדעם פעסטגעשטעלט פאר דער גאנצער וועלט זייער רעוואלוציאנערען כאראקטער, זייער סאלידאריטעט מיט באלשעוויסטישען רוסלאנד, זייער פארדאמונג פון בורג-פרידען; פון דער אנדערער זייט ווערען זיי נישט צוגעלאזט צום דריטען אינטערנאציאנאל, ווייל זייערע פיהרער דענקען, אז די דאזיגע פארטייען זיינען נישט רעוואלוציאנער גענוג, אז זייערע גרונד פרינציפען פון טאקטיק און פראפאגאנדא ענטשפרעכען ניט די אינטערעסען און די אידעאלען פון דעם רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט, אז זיי זיינען סאציאליסטישע פארטייען בלויז אין נאמען און אין דער אמת'ן זיינען זיי אונטערשטיצער און נאכשלעפער פון דער ליבעראלער קליין-בורזשואזיע, פון דעם קאפיטאליזם, וועלכער פארדירט הינטער דער מאסקע פון מענשעוויזם, אפארטוניזם בלע"ז. אין די דאזיגע פארטייען געפינען זיך אין דער טראגי-קאמישער לאגע פון דעם פויגעל אין דער פאבעל: פאר די וואראנעס איז ער צו גוט און פאר די פאוועס — נישט גוט גענוג, און ניט די און ניט יענע ווילען פון איהם וויסען.

די דאזיגע לאגע איז באשאפען געווארען דורך דעם, וואס די פיהרער פון דעם דריטען אינטערנאציאנאל און די-נישט צוגעלאזטע פארטייען קאנען זיך נישט אייניגען אויף דער פראגע, וואס אן ארבייטער אינטערנאציאנאל דארף זיין און וואס פאר א מאס פון קאנטראל ער מעג אויסאיבען אויף די פארטייען, וואס שליסען זיך אן איהם אן. די שטעלונג פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי איז כאראקטעריסטיש פאר אלע פארטייען, וואס קלאפען אומזיסט אין דער טיר פון מאסקווער אינטערנאציאנאל. די רעזאלוציע וועגען אינטערנאציאנאלע באציהונגען, וואס איז אנגענומען געווארען אויף דער לעצטער קאנווענשאן פון דער פארטיי און דערנאך גוטגעהייסען געווארען דורך א רעפערענדום (הגם מיט א נישטיג-קליינער מאיאריטעט — איינגאנצען 38), לויטעט אין טייל-אז:

„.... אן אמת'ער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל וואלט איצט געקענט דיענען אלס דער אנהויב פון דעם צוקונפטיגען וועלט-פארלאמענט... כדי דורכצופיהרען די אויבען אויסגערעכענטע אויפגאבען מוז דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל זיין ווירקליך סאציאליסטיש און ווירקליך אינטערנאציאנאל אין כאראקטער.

„ער קאן נישט זיין ווירקליך סאציאליסטיש אויב ער איז נישט באגרינדעט אויף דער פראגראם פון פאלשטענדיגער סאציאליזאציע פון די אינדוסטריען, און אויף די פרינציפען פון דעם קלאסען-קאמף און אומקאמפראמיסליכע ארבייטער-קלאס פאליטיק. ער קען ניט זיין ווירקליך אינטערנאציאנאל סיידען ער ערלויבט די קערפערשאפטען, וואס זיינען מיט איהם פאראייניגט, די פולע פרייהייט אין בעצוג צו דער פאליטיק און די פארמען פון קאמף, וואס ווערט אנגעפיהלט אויף דעם בארען פון די דאזיגע פרינציפען און פראגראם, אזוי אז די סאציאליסטען פון יעדען לאנד זאלען קאנען לייזען זייערע פראבלעמען אין איינקלאנג מיט די אייגענארטיגע פאליטישע, עקאנאמישע און סאציאלע באדינגונגען, אזוי גוט ווי היסטארישע טראדיציעס אין זייערע לענדער.

„דאריבער באשליסט די סאציאליסטישע פארטיי, אז וועהרענד זי איז גרייט נאכצוקומען איהר פריהערדיגען באשלוס און ווערען א מיטגליעד פון דעם דריטען אינטערנאציאנאל, אינסטרואירט זי אבער איהר עקזעקוטיוו קאמיטע, איהר אינטערנאציאנאלען סעקרעטאר און די אינטערנאציאנאלע דעלעגאטען.

„א) צו באשטעהן אויף דעם אז די פארמולא פון „דיקטאטור פון פראלעטאריאט אין דער פארם פון סאוועטען", אדער וועלכע ניט איז אנדערע ספעציעלע פארמולע פאר דעם איינפיהרען פון א סאציאליסטישער ארדנונג, זאל נישט ארויסגעצווונגען ווערען אלס א באדינגונג פאר דעם אריינטרעטען אין דעם דריטען אינטערנאציאנאל.

„ב) צו נעהמען אנטייל אין א באוועגונג, וואס זוכט צו פאראייניגען אלע אמת-סאציאליסטישע כחות פון דער וועלט אין איין אינטערנאציאנאל, און אנצוהויבען אדער העלפען אזא באוועגונג ביי דער ערשטער גינסטיגער געלעגענהייט".

אט דא האט איהר דעם שטאנדפונקט פון די נאך נישט צוגעלאזטע פארטייען: זיי ווילען זיך אנשליסען אן דעם דריטען אינטערנאציאנאל כדי צו בילדען אן ארגאניזאציע פון אלע סאציאליסטישע כחות, כדי צו באשאפען דעם באדען פאר א וועלט-פארלאמענט. זיי נעמען אן די מינימום באדינגונג פאר יעדען מיטגליעדער פון דעם אינטערנאציאנאל — צו שטעהן אויף דעם בארען פון קלאסען-קאמף און פון סאציאליזאציע פון די אינדוסטריען. אבער ווען עס קומט צו די מעטאדען פון קאמף, צו די מיטלען, דורך וועלכע דער דער דאזיגער צוועק זאל דערגרייכט ווערען, דארף יעדע פארטיי האבען די פולע פרייהייט צו האנדלען לויט איהר פארשטאנד, לויט די לאקאלע אומשטענדען און די לאקאלע היסטארישע טראדיציעס. דער אינטערנאציאנאל טאר ניט צווינגען די פארטייען אנצונעמען די פארמולע פון דיקטאטור פון פראלעטאריאט, ווייל דאס איז א פארם פון קלאסען-קאמף, וואס קאן פילייכט נישט אנגעווענדעט ווערען אין די געגעבענע „עקאנאמישע, פאליטישע און סאציאלע באדינגונגען און היסטארישע טראדיציעס". וואס אנבאלאנגט קאמפסמעטאדען און קאמף-טאקטיק מוז יעדע פארטיי האבען פאלשטענדיגע לאקאלע אויטאנאמיע.

די פראנצויזישע פארטיי און די דייטשע אומאפהענגיגע סאציאל-דעמאקראטען האבען אנגענומען אומגעפעהר דעמזעלבען באשלוס אין באצוג צו דעם אנשליסען זיך אן דעם דריטען אינטערנאציאנאל, מיט דער איינציגער אויסנאם, וואס זיי האבען נישט ארויסגעוויזען די אומעהרענהאפטיגקייט פון דער אמעריקאנער פארטיי, וועלכע איז, פון איין זייט, גרייט זיך אנצושליסען אן דעם דריטען אינטערנאציאנאל און פון דער אנדערער זייט און אין דעמזעלבען אטעם, זאגט זי אז זי איז גרייט אנצוהויבען און צו העלפען א באוועגונג צו באשאפען אנאנדער אינטערנאציאנאל. אריינטרעטען אין אן ארגאניזאציע מיט דעם אפען-אויסגעשפראכענעם אבזיכט צו ארבייטען פאר דער באשאפונג פון א [?]ען-ארגאניזאציע — דאס איז חוצפ[?] [?]ן היפאקריטסטווא פון דעם ערגסטען מין. חוצפה געגען דעם דריטען אינטערנאציאנאל, מיט וועמען די פארטיי וויל זיך כלומרשט פאראייניגען און היפאקריטסטווא פאר דער מיטגלידערשאפט פון דער פארטיי, פאר די „רענק ענד פייל", וועלכע נעמען אן דעם באשלוס זיך אנצושליסען אן דעם מאסקווער אינטערנאציאנאל אלס א סמן פון דער רעוואלוציאנערקייט פון דער פארטיי. כ'וויל דא באמערקען, אז איך האב גארנישט געגען אנשליסען זיך אן דעם דריטען אינטערנאציאנאל אויף געוויסע תנאים, אבער דער לעצטער פאראגראף פון דער אויבען-ציטירטער רעזאלוציע איז אומפארצייליך און מען קען ניט געפינען קיין גענוג שטארקע ווערטער איהם צו פארדאמען.

וואס ענטפערען די פיהרער פון דעם דריטען אינטערנאציאנאל אויף די טענות פון די צוריקגעוויזענע אפליקאנטען?

לאמיר הערען, וואס ס'האט צו זאגען איינער פון די גרעסטע גדולי פון מאסקווער אינטערנאציאנאל, נישט קיין אנדערער ווי לעאן טראצקי אליין:

„די צענטער-סאציאליסטען, — שרייבט טראצקי — וועקען אין די ארבייטער דעם פארדאכט, אז דער דריטער אינטערנאציאנאל זוכט צו קאמאנדירען איבער זיי פון דרויסען, אדער פארלעצט זייערע נאציאנאלע געפיהלען, א. אז. וו. אין דער ווירקליכקייט איז אזא באשולדיגונג נישט מעהר ווי א בורזשואזע פארדרעהונג פון פאקטען און אויך אן אבסאלוטער

אומעטיג...

(כמעט א פעליעטאן).

פון ה. לאנג.

זאגט איך וואס איהר ווילט, נאך אלע מלחמות און רעוואלוציעס, נאך אלע וועלט-אויפטרייסלונגען און וועלט-איבערקעהרענישען, נאך אלע קאנגרעסען און קאנפערענצען, נאך אלע טומלענישען און סטרייקס, סעטעלמענטס און קאמפיינס און זיגנע און דעמאנסטראציעס, נאך אלץ מיט און אנדער, איז עס פארט אומעטיג אויף דער וועלט. א גרויסער אומעט שפאצירט אויף דער וועלט. אין אמעריקא האט דער אומעט שוין כמעט אלעם פארכאפט און אלעס איז אין זיינע, אין דעם אומעט'ס נעץ.

און אפשר איז עס בלויז מיר אומעטיג. ניט גוט, מיין פריינד, ווען מען וויסט דעם תוך פון יעדער זאך. ניט גוט, ווען מען וויסט ווי אזוי זאכען ווערען געמאכט. עס פארשווינדען דאן די אילוזיעס, איהר פארשטעהט? עס פערשווינדעט דער גלויבען, און אהן אילוזיעס, אהן א גלויבען איז שווער, שווער צו לעבען, איהר פארשטעהט? אהן אילוזיעס איז אומעטיג, אהן א גלויבען איז קאלט און אומעטיג און... און... פאסקודנע...

איך בין געווען ראש השנה אין שוהל. עס האט זיך מיר געוואלט נאך א מאל איבערלעבען מיינע יוגענד-יאהרען. איך האב געוואלט זיין אין א סביבה, וואו מיין נשמה זאל זיך באהעפטען מיט יענער הייליגער אטמאספערע, וואו מיין פאטער האט אמאל מיט א טלית איבער'ן קאפ שטיל גאט געבעטען, און די טרעהרען זיינע זיינען איבער די פארגעלטע בלעטער פון דעם מחזור געפאלען. איך האב געוואלט ווידער הערען די תפילות, וועלכע האבען אויף דעם בלאסען פנים פון מיין מוטער א הייליגען שיין ארויפגעווארפען. איך האב געוואלט א יום טוב טיעף אין מיין הארצען דערשפירען. בין איך אוועק אין שוהל און — קאלט, מיין פריינד. מיין נשמה איז ניט דערהייבען געווארען. ניטא קיין הייליגקייט מעהר. אידען וויינען; אבער ניט אויס אמת'ע השתפכות הנפש. אפשר דא און דארט א מנין אידען פון די לעצטע, פון די נאר לעצטע פון אלטען, שוין אפשטארבענדען דור. אבער ניט מעהר. אידען קומען אין שוהל אזוי ווי מען געהט אין טעאטער — דאס און ניט מעהר. און ביים טיר שטעהט א ספעשעל פאליסמאן מיט א שעריף-בעדזש אויף דער ברוסט, און דער חזן טראכט, אז פון א קאנצערט, פון א בענעפיט וואלט ער מעהר געמאכט... פרנסה — און ניט מעהר. פארשטעהט איהר?..

האט מען אין ענגלאנד אן איירישען רעוואלוציאנער אין א פריזאן אריינגעווארפען און ער האט א הונגער-סטרייק ערקלערט, איז עס פון דעם א קאמעדיע געווארען. שרייבען צייטונגען אלע טאג, אז אט, אט געהט מעקסוויני אויס, אט, אט שטארבט ער. פריהער האט מען געמיינט, אז א לויכטענדע נשמה לעשט זיך אויס און דאס וועט אויפטרייסלען דעם גלייכגילטיג געווארענעם געוויסען פון דער וועלט, איז דאס אבער פארוואנדעלט געווארען אין א טעאטער-שפיעל, און מעקסוויני איז נאר א העלד פון א מעלאדראמע, וואס שטארבט פאר אלעמענס אויגען, מיט שמינקע און פאודער אויפ'ן פנים... א ביליגער עפעקט, איהר פארשטעהט? און דאס מאכט דאך אלעמען אין אן אומעט אריינצופאלען, אן אומעט וואס קומט פון גלייכגילטיגקייט...

איז אין איטאליען א רעוואלוציע. די ארבייטער האבען אנגעפאנגען איבערצונעהמען דורך זייערע יוניאנס די פאבריקען. גוט, אמת? פשט'עלט מען זיך, צי דאס וואס זיי, די איטאליענישע ארבייטער טוען איז אין איינקלאנג מיט די לעצטע רעזאלוציעס פון דריטען אינטערנאציאנאל, אדער ניט. ווילט זיך טאקי לאכען פון די פשט'לער, אזוי ווי רעוואלוציעס וואלטען געקענט געמאכט ווערען נאך א שולחן ערוך, נאך א פארגעשריבענע קאנסטיטוציע... אזוי ווי די רוסישע רעוואלוציע אליין, וואס האט דעם דריטען אינטערנאציאנאל באשאפען, וואלט געקומען נאך די פארשריפטען פון רעזאלוציעס... ווילט זיך טאקי לאכען פון די פשט'לער; אבער עס ווערט אומעטיג, ווען מען זעהט זיך ארום, אז אט די פשטלער וואס ווילען דאס, זיינען די פיהרער פון דעם סאציאליסטישען נע-יאנק. עס ווערט אומעטיג, ווען מען זעהט, ווי מענשען זיצען אין ניו יארקער רעדאקציעס און משפט'ען צי די רעוואלוציע אין איטאליען איז לויט אלע דינים פון דריטען אינטערנאציאנאל, און דערפאר כשר, אדער, ס'איז דא ערגעץ א פגימה און מען טאר דערפאר ניט אריינפאלען אין התלהבות פאר דעם וואס די איטאליענישע ארבייטער מאכען א פערזוך דורכצופיהרען. ס'ווערט אומעטיג, ווען דו זעהסט דאס...

גרויס קאפיטאל האט זיך פארמאסטען מיט די ארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקא. גרויס קאפיטאל וויל דערשטיקען די יוניאנס. די ארבייטער באוועגונג זעהט דאס און שרייט געגען; אבער דאס — און מעהר גאר ניט. ווערט עס טאקי אומעטיג... סעמיועל גאמפערס, וועלכער האט א גאנצען און לאנגען לעבען אפגעגעבען צו דינען די ארבייטער, דערצעהלט פאר א קאנפערענץ פון יוניאנס, אלעס וואס ער זעהט אין לאנד, און ער זעהט פארשווערונגען געגען ארבייטער; עס זעהט אונטערדריקונג אויף ארבייטער; ער זעהט ווי גרויס קאפיטאל שלייפט געווער געגען די ארבייטער; ער דערצעהלט דאס און אלעמענס הערצער ווערען אויפגעשטורעמט. פאנגט ער אבער באלד אן צו טרייסטען זיך און זיינע צוהערער, אז די באסטאנער טשיימבער אף קאמערס איז ניט איינפארשטאנדען מיט די טשיימבערס אף קאמערס פון אנדערע שטעדט, און האלט, אז מען דארף די יוניאנס ניט צוברעכען, און דאס זאל האבען געווען דער אויפטו פון די היגע יוניאנס... ווערט עס אומעטיג, ווען דו הערסט אזעלכע רייד. א געשריען, — ער'ט נאך מאכען דא א שוהל. קומט!

זיי זיינען אוועק.

איך האב מיינ'ן אלטען איבערגעזאגט די תפלות, ווא'ט ביי ווארט. ער האט שטיל געוויינט, און מיט איהם האט מיין הארץ שטילערהייט אויף עפעס זיך געקלאגט...

שטיל האט דער אלטער אנגעהויבען זאגען תהלים פון אויסווענינג. שטיל איז געווען ארום. דאס הויז ליידיג. עס איז מיר פלוצלונג אזוי ענג געווארען. א שווערער אומעט האט מיך ארומגענומען, און איך בין ארויס אין דרויסען.

— בעט איך אויס א גוט יאהר, — האט מיר דער אלטער נאכגעוואונשען.

אויסבעטען א גוט יאהר? וואו? איך האב זיך שיער צוואויינט פאר וועהטאג.

הינטער'ן שטאדט בין איך ארויס אויס'ן וועג אהיים. ארום און ארום לייגען הויכע, הויכע בערג מיט רויטע ביימער באזעצט. די זון לאזט זיך אראפ נידריגער, נידריגער. דער לופט האט זיך אנגעצונדען מיט א זילבערנעם פייער, די רויטע בערג ארומגעבאפט. הימעל און ערד ברענען און לויכטען. און עס גיסט זיך דאס ליכט, גיסט זיך, ציהט אין מיין הארצען, צינדט עס אן. מיין נשמה הויבט אן לויכטען, לויכטען...

שטיל. שטיל אין רוהיג ארום. קיין לעבעדיג אטעם נישט צו הערען. גאר נישטא אויף דער וועלט... דא איז די וועלט. איך, איינער אליין... עס עפענט זיך דער הימעל, עפענט זיך אזוי ברייט, אזוי גרויס... א שטילען נגון האט מיין הארץ פארנומען... כל נדרי... ואסרי... ושקועי... הער איך מלאכים זינגען...

כל נדרי... ואסרי... ושביני... יחרמי... וקנסי... זינגט מיין הארץ שטיל מיט... זינגט און בעט... איך באקום פליגעל, ווייסע, ווייסע פליגעל... דער הימעל איז אפען, אזוי ברייט, אזוי גרויס... איך פליה... פליה... מיט די מלאכים זינג איך... — — —

און ווי עס וואלט פלוצלינג א דונער געטאן. עפעס האט זיך אין מיר אבגעריסען. מיט רעש איז א צוויי ראדיגער וואגען אנגעפאהרען און זיך אפגעשטעלט. געזאנט, — איך'ל דיך נעהמען נאך טאונאן.

— וואו זיינען מיינע ווייסע פליגעל?..

איך האב זיך ארויפגעזעצט, נישט וויסענדיג וואס איך טו. דער הימעל האט זיך פארמאכט. דאס געזאנג האט אויפגעהערט, שטיל געווארען. די זון האט זיך מיט מאל פון הימעל אפגעריסען, און מיט איין קלאפ אין לואר אריינגעפאלען. עס איז געווארען פינסטער, פינסטער. די בערג יאגען אן א שרעק. און עס איז אזוי פוסט, אזוי פוסט און שווער. אוי, ווי שווער!..

א גאנצע נאכט בין איך איינער אליין אין מיין פעלד-שטיבעל געלעגען און מיט קיין אויג נישט געקענט צומאכען. עס האט מיך אזוי געפייניגט און געמאטערט:

— ווער איז דער פויער געווען?..

— וואס האט ער פון מיר געוואלט?..

מיר איז דאך אזוי גוט געווען...

יעצט איז אזוי אומעטיג, אזוי אומעטיג...

"They satisfy." Just try a Chesterfield and see how good it tastes. Finest Turkish and Domestic tobaccos blended in a way that can't be copied.

Chesterfield CIGARETTES *They Satisfy*

קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאָק. 1

א. ל. ג. וו. י.

אויפמערקזאם!

אונזער אויפמערקזאמקייט איז צוגעצויגען געווארען צום פאקט, דאס מאנכע אפערייטארס, ווען זיי געפינען אויס, אז דער שאפ, וואו זיי ארבייטען, איז א קארפארײשאן, מעלדען זיי ניט אין דער יוניאן און פארבלייבען דארט ארבייטען.

מאנכע ווידער גהען אריף ארבייטען אין א שאפ ווי־סענדיג אדער פערדעכטענדיג, אז דארט איז א קארפארײ־שאן.

צוליעב דיעזע אורזאכען האט דער לאקאל אנגענומען די פאלגענדע בעשליסע:

1. די פון אונזערע מעמבערס, וועלכע וועלען געפונען ווערען ארבייטענדיג אין א קארפארײשאן שאפ ווען זיי אליין וועלען אפילו ניט באלאנגען צום קארפארײשאן, וועלען זעהר שטרענג באשטראפט ווערען.

2. מעמבערס וועלכע וועלען ווערען פארטנערס אין א קארפארײשאן וועלען אויטאמאטיש אויסגעשלאסען ווערען פון דער יוניאן.

3. אויב אזעלכע מעמבערס וועלען דורך דער צייט אפילו צאהלען דיוס און מען וועט נאכהער אויסגעפינען, אז זיי זיינען געווען פארטנערס אין א קארפארײשאן וועלען זיי אויסגעשלאסען ווערען פון דער יוניאן און זייער איינטריט געלד וועט זיין $99.99.

4. אונזערער א מעמבער, וועלכער וועט וויסען פון דער עקזיסטענץ פון א קארפארײשאן און וועט ניט מעלדען צו דער יוניאן, וועט באשטראפט ווערען אלס מיטהעלפער אויפ־צוהאלטען א סקעב שאפ און אלס אזעלכען וועט מען איהם באהאנדלען.

ביי ארדער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1.

פ. קאטלער, מענעדזשער — ס. דזש. רינגער, סעקרעטער.

דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פערלאנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלד צו פארדיענען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויס־געלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פערדיענען זיי פיעל געלד.

נעהמט איצט א קורס

— אין די —

מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל־דיגע פאזישאן און גרויסע גע־האלט.

די מיטשעל סקול און גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען. פריוואט אונטעררינכט אין אידיש. טאג און אבענד קלאסען. גוטע בעדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, דעמאנסטריישאן און פולע אויסקינפטע.

אבענד קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 (Cor. 21st) BROADWAY, NEW YORK

Phone, Stuyvesant 8383

Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

צו אלע שאפ טשערלייטע פון די קלאוק און סקוירט שעפער;

אנפאנגענדיג דעם 10טען אוגוסט האט זיך דער קא־טערס יוניאן לאקאל 10 פאלקאם אנגעשלאסען און דעם דזשאינט באארד. אלע קאמפליינטס פון קאטערס וועלען פארהאנדעלט ווערען דירעקט דורך דעם דזשאינט באארד.

די טשערלייטע פון די שעפער זיינען געבעטען אכטונג צו געבען:

1. אז אלע קאטערס זאלען זיין גוט־שטעהענדע מעמ־בערס;

2. אז אלע קאטערס זאלען האבען ווארקינג קארדס. (דער קאליר פאר דיזען סיזאן איז גרין).

3. אז די בעלי בתים זאלען אליין ניט טאן קיין קא־טינג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 10

י. לעווין, סעקרעטער.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

א.ל.ג.וו.י.

אויפמערקזאם!

צוליעב דעם שוואכען סעזאן ארבייטען פיעלע אפע־רייטארס ניט קיין פולע וואכען. אונטער דער זעלבער צייט זיינען פאראן שעפער וואו מען ארבייט אווערטיים וועהרענד אין שאפ זיינען פאראן ליידיגע מאשינען.

מיר פאדערען דארום אויף אונזערע מעמבערס

ניט צו ארבייטען קיין אווערטיים

וואו עס זיינען פאראן ליידיגע מאשינען און צו לאזען וויסען אין אונזער אפיס פון אזעלכע שעפער.

די עקזעקוטיווע פון לאקאל 1

פ. קאטלער, מענעדזשער

באַרנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

216 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

י. סקראוו
בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר.
ספעציעלי יוניאן ארביים.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

דיזע צייטונג
זוי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענג־לישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אפ־טו־דייט פרינטינג קאָ.
195 קענאל סט. ניו יארק
טעלעפאן 6425 [illegible]

פאטראניזירט אונזערע אדווערטייזער!

אין לאגער פון דער קעפמייקערס יוניאן

די פארהאנדלונגען, וועלכע עס ווע־
רען געפיהרט צווישען די קעפ־מייקערס
יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסא־
סיאיישאן שוין פיעלע וואכען, האבען זיך
נאך אלע ניט געענדיגט און מען איז נאך
אלץ ניט געקומען צו א פארשטענדיגונג.
וועגען די מעהרסטע פונקטען, וואס
דארפען אריין אין דעם נייעם אגרימענט
צווישען די ביידע צדדים האט מען זיך
שוין געאייניגט. מען קען זיך אבער
ניט אייניגען וועגען די געזעצליכע יום־
טובים, אין וועלכע די ארבייטער זאלען
ניט ארבייטען און פאר וועלכע זיי זאלען
קריגען באצאהלט.

אנפאנג סעפטעמבער איז געווען די
לעצטע קאנפערענץ וועגען דיזער פראגע.
די יוניאן האט קלאר געמאכט איהר
שטאנדפונקט, אז זי קען ניט צושטימען
צו א פאדערונג, וועלכע באצוועקט בא־
שיינפערליך אוועקצונעהמען אונטער אן
אויסרייד ביי די ארבייטער די יום־
טובים, וועלכע זיינען כסדר אנערקענט
געווארען אין פאך און צו וועלכע די פאב־
ריקאנטען האבען צוגעשטימט אויף דאס
מאל שוין ביים סאמע אנפאנג פון די
פארהאנדלונגען. די פארשטעהער פון די
פאבריקאנטען האבען ערקלעהרט, אז זיי
קענען ניט געבען קיין באשטימטען ענט־
פער אויף דעם, נאר אז זיי מוזען בריינ־
גען דעם ענטפער פון דער יוניאן צו א
מיטינג פון דער אסאסיאיישאן. דערמיט
האט אויך דיזע קאנפערענץ געענדיגט.
די גאנצע געשיכטע פון דיזע פארהאנד־
לונגען און די איינצעלהייטען וועגען די
פארהאנדלונגען וועגען פונקט, וועלכען
די פאבריקאנטען האבען צו סאמע נעילה
ווי אומיסטען אויסגעגראבען, מאכט א
זעהר אינטערעסאנטען קאפיטעל אין
דער געשיכטע פון טרייד, וועלכען די אר־
בייטער דארפען זיך זעהן באקענען און
נערענקען.

די אויסגעהאלטענע האנדלונג פון
דער קאנפערענץ קאמיטע פון דער יוניאן
האט ניט ווייניג בייגעהאלטען ערפאלג־
רייך אויסצוגלייכען כמעט אלע פונקטען
וועגען וועלכע עס האט זיך געפונען א
מיינונגס־פארשידענהייט צווישען די
מאנופעקטשורערס און דער יוניאן. די
יוניאנס קאנפערענץ קאמיטע האט כסדר
געוויזען, אז זי איז גרייט צו פארהאנדלען
און אנצונעהמען אלצדינג וואס קען העל־
פען דער אינדוסטריע. אזוי למשל האט
די יוניאן געהאנדעלט אין דער פ־אגע
וועגען גלייכער צוטיילונג פון ארבייט
אין סלעק־צייט. די קאנפערענץ קאמיטע
האט צוגעשטימט צו אלע יושר'דיגע
פארבעסערונגען אין דער יוניאנס געזעצע
וועלכע קענען מעגליך שטערען דעם גאנג
פון דער אינדוסטריע און פאראליזירען
איהר. אויך איז עס דער יוניאן געלונ־
גען צו באווייזען אז די פראגע פון סטענ־
דערדס און פראדאקשאן איז אונטער אלע
אומשטענדען ניט אם פלאץ צו דער יעצ־
טיגער צייט אין דער אינדוסטריע.

אלעס איז געגאנגען כשר וישר און
מען האט געקענט האפען, אז דער נייער
סעטלמענט וועט באלד אונטערגעש־יי־
בען ווערען. צום לעצטען מאמענט אבער
ווען אלע וויכטיגע און זאכליכע פראגען
זיינען שוין געשליכטעט געווארען, ווייזט
זיך ארויס א געוויסע נייגונג ביי דער
אסאסיאיישאן אויסצודרעהען זיך מיט
געוויסע דריידלעך פון צאהלען פאר די
לעגאלע יום טובים, וועלכע זיינען שוין
פון יאהרען און יאהרען איינגעפיהרט אין
טרייד און וועגען וועלכע עס איז קיינ־
מאל בעפאר ניט געווען קיין פראגע.

גלייך צום אנפאנג פון די קאנפע־
רענצען האבען ביידע צדדים איינגע־
שטימט וועגען די צאהל און דאטומס
פון די פארשידענע לעגאלע יום־טובים,
אין וועלכע די ארבייטער ארבייטען ניט
און פאר וועלכע זיי דארפען באצאהלט
ווערען. דיזער שנעלער אגרימענט ווע־
גען די יום־טובים איז געמאכט געווארען
ווי א נאטירליכע זעלבסטפארשטענדלי־
כע זאך. יום־טובים זיינען ניט קיין
נייעס אין טרייד, און עס איז נים געווען
וואס צו ריידען וועגען זיי. יעצט אבער,
צום סאמע סוף פון די קאנפערענצען,
ווען אלע וויכטיגע פראגען זיינען שוין
געשליכטעט געווארען, שטעלט די מאנו־
פעקטשורערס אסאסיאיישאן ארויס א
פאדערונג, וועלכע איז אין דער אמת'ן
בלויז א דריידעל אויף אבצושאפען אלע
געזעצליכע ימים טובים, צו וועלכע זיי
אליין האבען פריהער צוגעשטימט.

די מאנופעקטשורערס פאדערען
איצט, אז די ארבייטער זאלען קריגען בא־
צאהלט פאר יום־טובים בלויז דאן, ווען
זיי ארבייטען די גאנצע וואך א טייל
צייט דורך דער וואך אין וועלכער דער
יום טוב פאלט אויס. אויב אבער דער
שאפ איז פארמאכט די גאנצע וואך, דאן
דארפען די ארבייטער ניט באצאהלט
ווערען פאר'ן טאג. ווען די יוניאן זאל
צושטימען צו אזא מין פאדערונג, וואלט
עס גאנץ גרינג געווען פאר א מאנופעק־
טשורער צו פארמאכען דעם שאפ א גאנ־
צע וואך, בכדי אויסצומיידען צאהלען
פאר'ן טאג יום־טוב. און דאן וואלטען
די ארבייטער פארלארען ניט נאר פאר
איין טאג וויידזשעס, וועלכע עס קומט
זיי, נאר פאר א גאנצע וואך. און אז
איין מאל איז גוט, קען עס געמאלט זיין,
אז די מאנופעקטשורערס זאלען דאס
טאן יעדע וואך אין וועלכער עס טרעפט
זיך א געזעצליכער יום־טוב.

די קאנפערענץ קאמיטע פון דער
יוניאן האט דארום איינגעשטימט אויף
דעם פאלגענדען קאמפראמיס, וועלכער
קען דיענען אלס א מין עקזאמען פאר די
מאנופעקטשורערס. די יוניאן האט צו־
געשטימט ניט צו פאדערען קיין בע־
צאהלט אין אלע פעלע, וואו דער שאפ
איז פארמאכט צוויי וואכען נאכאנאנד,
און איינע פון די וואכען איז די יום־טוב
וואך. דאס הייסט צו זאגען, אז אויב א
פעקטארי איז פארמאכט די וואך פון יום
טוב און די וואך בעפאר אדער די וואך
נאך דעם, דאן דארפען די ארבייטער
ניט באצאהלט ווערען פאר'ן טאג. אונ־
טער דיזע באדינגונגען איז די יוניאן
וויליג איינצוגעהן וועגען דער יום־טוב
פראגע, מחמת די יוניאן איז זיכער, אז
אם ווענינגסטענס די גרויסע מאיאריטעט
פון די מאנופעקטשורערס וועלען ניט
פארמאכען די שעפער גאנצע צוויי וואָ־
כען, כדי צו שפארען די עטליכע דאלאר
פאר'ן פרייען טאג.

די פארטרעטער פון דער אסס'ן הא־
בען אבער אויך צו דעם ניט איינגע־
שטימט, און די פראגע בלייבט נאך ניט
געלייזט.

אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

(שלום פון זייט 6.)

קענען עקזיסטירען, סיידען ער ערוואר־
טעט זיין גאנצען לעבען צו זיין דער קעסט
קינד פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן.
דער איינציגער, ביי וועמען דער שאפ
„לויפט" איז לואיס גרינבערג און בראס.
די פירמע האט שוין באוויזען צו אנטלוי־
פען פון ניו יארק און צו עפענען א שאפ
אין איסט נארוואלק, קאנ. דיזע פירמע
האט מיט זיך מיטגענומען א פאאר פאר־
רעטער אלס סקעבס און האט שוין גע־
דענקט, אז זי האט זיך אויסגעבאהאלטען
פון דער יוניאן. מיר האבען אבער דעם
שאפ געפונען און מיר גלויבען, אז עס
וועט לאנג ניט נעהמען און די פירמע
וועט אדער מוזער סעטלען מיט דער יו־
ניאן אדער לויפען ערגעץ ווייטער.

לכבוד יום כפור האט אונזער לאקאל
געשלאגען כפרות מיט די פאלגענדע
סקעבס, וועלכע האבען פארראטען די יונ־
יאן און זיינען אוועק סקעבען צו לואיס
גרינבערג: ה. לעווין, ה. שניידער, הערי
לעווין, דזשאו ענגעלבערג, דזש. וויינמאן,
דזש. קופער, דזשאו וויטלין, ה. זימערמאן
און מ. זימערמאן.

דיזע חברה, וואס זייגען געווען
אויפ'ן פעי־ראל פון די בעלי בתים די
גאנצע צייט פון סטרייק, האבען ענדליך
ארונטערגעווארפען זייערע מאסקעס און
זיינען אוועקגעפאהרען סקעבען אין איסט
נארוואלק. אונזער לאקאל האט דיזע
חברה־לייט אויסגעשלאסען אלס סקעבס
און דערמיט האבען זיך געענדיגט זייערע
פארבינדונגען מיט יעדען אנשטענדיגען
ארבייטער. מיר בעטען די יעניגע, וואס
קענען זיי פערזענליך, צו וויסען ווער זיי
זיינען. יע — פאר אונז אלעמען א כפרה.

די ערשטע וואך אין אקטאבער וועט
די סאציאליסטישע פארטיי מאכען א
דרייוו אין די שעפער פאר א פאנד אנ־
צופיהרען דעם סאציאליסטישען קעמ־
פיין.

מיר בעטען יעדען מעמבער זיך אפ־
צורופען מיט א ברייטען הארץ און ביי־
שטייערען אזוי פיעל, ווי מעגליך פאר
דיעזען הייליגען צוועק.

דזש. העללער, סעק.

דער דיווישאן סטריט סטרייק געענדיגט.

(שלום פון זייט 1.)

קומען א טשארטער פון אונזער ארגאניזא־
ציאן. ווארום ניט? זיינען זיי דאך לוין־
שקלאפען גלייך ווי אלע אנדערע ארביי־
טער.

ליידער אבער, ווי עס האט זיך לעצ־
טענס ארויסגעוויזען, איז צווישען זיי
דא א געוויסער עלעמענט, וואס פאר־
שטעהט נאך ניט דעם פולען נוצען פון
ארגאניזאציאן, זיי באזיצען נאך ניט די
פראלעטארישע פסיכאלאגיע און האנדלען
העכסט קרעמעריש. עס זיינען נאך דא
צווישען זיי אזעלכע, וואס הייסט זיינען
זיי סיילסלייט, אבער מארגען רעכענען זיי
אליין צו ווערען סטאר־קיפערס, און פאר
א יוניאן איז אזא עלעמענט גאנץ שעד־
ליך. אזעלכע לייט האלטען קיין מאל ניט
אויס די פראבע, זיי ווערען געשטרויכעלט
ביים מינדעסטען צוזאמענשטויס צווי־
שען דער יוניאן און די בעלי בתים. און
דאס איז אויך געווען דער פאל אין דעם
געענדיגטען סטרייק.

אט דער עלעמענט צווישען די דיווי־
זשאן סטריט קלויקס האט אין דעם
סטרייק פארלאזען זייערע חברים און זיך
צוריקגעקעהרט ארבייטען, ניט אכטענדיג
וואס אנדערע פון זייערע חברים זיי־
נען שטעהן געבליבען אין סטרייק. דאס
אי זאוודאי ניט קיין פיינע זאך, טו האט
איהר ביי זיי אן עולה! דערוויילע
אבער האבען זיי דער'הרג'עט זייערע
אייגענע אינטערעסען. אונטער אזוינע
אומשטענדען האט דער סטרייק ניט גע־
קאנט פאלקאם געוואונען ווערען, וועלכע
אנשטרענגונגען עס זאלען דא ניט גע־
מאכט ווערען. אין א סטרייק דארפען
קודם כל זיין גוטע, איבערגעבענע סטריי־
קער. ווי באלד דאס איז נימא, קאן קיין
סטרייק ריכטיג ניט געוואונען ווערען. אין
אזא פאל קאן דער סטרייק בלויז „געענ־
דיגט ווערען".

נאטירליך, עס וואלט אודאי א סך
גלייכער געווען, ווען יענער עלעמענט צווי־
שען די דיווידזשאן סטריט קלויקס וואלט
זיך באלד לכתחילה ענטזאגט צו געהן
סטרייקען, און ניט פארפיהרען דעם. גר־
טען עלעמענט פון דער יוניאן. יענע מענ־
שען וואלטען דעמאלט וויסען ווי צו האנד־
לען. אבער דער עלעמענט אין דער יו־
ניאן פון די היינטיגע סיילסלייט און מאר־
גענדיגע סטאר־קיפערס, האט זיך, הפנים,
מיט דעם ניט געוואלט רעכענען. דורך
זייער שלעכטער האנדלונג האבען זיי
באמת געשאדט אי זיך, אי אנדערע, ספע־
ציעל יענע פון זייערע חברים, צווישען די
קלויקס אין די דיווידזשאן סטריט סטארס,
וועלכע ווילען יא זיין ארגאניזירט, וועל־
כע ווילען יא האבען א יוניאן. אבער
אזוי איז דאס אימער, די שלעכטע שמע־
רען די גוטע און די גוטע מוזען ליידען
צוליעב די שלעכטע.

וועליע מאיעראף געזוכט.

איינער וואס איז נאר וואס געקומען
פון איירא־פא האט מיטגעבראכט א בריעף
פון בעססי זילאוו צו איהר ברודער ווע־
ליע מייעראף.

זי שטאמט פון אוקראינע, נאר גע־
פינט זיך יעצט אין קאנסטאנטינאפאל.
ווענדען זיך צו ה. ראזאף, 2185 אמסטער־
דאם עוו. טעלעפאן ווארסוואירטה 5249.

קלאוקמאכער, אויפמערקזאם!

צוליעב דעם וואס די „גערעכטיגקייט"
איז די וואך ערשיענען מיט א טאג פריי־
הער ווי געוועהנליך (צוליעב יום כפור),
האט ניט געקענט אין דעם נומער אריינ־
געהן דער באריכט פון דעם מיטינג פון
דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער־
יוניאן. דער באריכט וועט געדרוקט ווע־
רען אין נעקסטען נומער.

דאס נייע אידישע טעאטער

27טע סטריט און מעדיסאן עווענוי
טעלעפאן: מעדיסאן סקווער, 579.

מיטוואך אווענד, (מוצאי יום כפור)
און פרייטאג אווענט

רודאלף שילדקרויט
אין
שטילע כחות

א דראמע אין 4 אקטען
פון זשאן עקאר.

שבת אווענט, זונטאג, מאנטאג און
דינסטאג מאטינע און אווענט

רודאלף שילדקרויט
און אסתר ארזשעסקאיא
(ערשטער אויפטריט)
— אין —
קרייצער סאנאטא

פון לעוו טאלסטאי
אין מ. קאטץ'ס באארבייטונג.
רעזשיסירט פון לעאניד סניעגאוו.
מיר מאכען מעהר ניט קיין „פאוסטערס"
אונזערע אנאנסען קוקט נאך אין די
צייטונגען.
פאר בענעפיטס ווענדעט זיך גלייך צו מר.
סעם שאר, אונזער גענעראל פארוואלטער.

אירווינג פלייס טעאטער

מאריס שווארץ, דירעקטאר, מאקס ר. וויל־
נער, דזש. מענ., הערמאן פייער, ביז. מענ.
Tel. Stuyvesant 1350

פרייטאג אווענד
שבת און זונטאג מאטינע און אווענד,
24טען, 25טען און 26טען סעפטעמבער.
מאקס ר. ווילנער פרעזענטירט
צום ערשטען מאל

מאריס שווארץ'ס
אויפפיהרונג פון
די גאלדענע קייט
פון י. ל. פרץ

אויפמערקזאם: די וואס וועלען קר
מען נאך 8:15 אווענד און נאך 2:15
מאטינע, וועלען מוזען שטעהן ביז נאכ'ן
פראלאג.

קינדער אונטער 10 יאהר וועלען זי־
כער נים ארייננעלאזען ווערען.

מען קען שוין קריגען בילעטען פאר
אלע פארשטעלונגען. פאר בענעפיטס
ווענדעט זיך יעדען טאג צו הערמאן פייער.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די. לעאנארד. פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

קויפט אויסשליסליך
וויט לילי טהעע
סאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

רייזן קאוט מייקערס לאקאל 20

א. ל. ג. וו. י. — אויפמערקזאם!

אונזער אויפמערקזאמקייט איז געצויגען געווארען צום פאקט, דאס
א געוויסער טייל פון אונזערע מעמבערס ארבייטען אין נים יוניאניזירטע
„סטארקעס" אדער „שאפקעס", וועלכע טרייען זיך ארויסצודרעהען
פון דער יוניאנס קאנטראל, אדער פארמירען זיך אין קארפארײשאנס.

דארום האט אונזער עקזעקוטיוו באארד געמאכט די פאלגענדע
באשליסע, אום אונזערע מעמבערס זאלען נים אריינגעצויגען ווערען
אין די סקעב־נעסטען.

1) די יעניגע וועלכע וועלען געפונען ווערען ארבייטענדיג אין
איינע פון די „סטארקערס" אדער „שאפקעס" וועלען געהאלטען ווערען
פאראנטווארטליך פאר זייערע האנדלונגען און וועלען שטרענג בא־
שטראפט ווערען דאפיר.

2) די פון אונזערע מעמבערס וועלכע וועלען געפונען ווערען
ארבייטענדיג אין א קארפארײשאן שאפקע, ווען זיי אליין וועלען אפילו
נים באלאנגען צום קארפארײשאן וועלען שטרענגע מיטלען גענומען
ווערען געגען אזעלכע מעמבערס און שטרענג באשטראפט ווערען.

3) מעמבערס וועלכע וועלען ווערען פארטנערס אדער א טייל
פון א קארפארײשאן, וועלען שטרענגע מיטלען גענומען ווערען געגען
אזעלכע מעמבערס און איינטריטס געלד וועט זיין $99.99 מיט די גרעס־
טע שוועריגקייטען און פארדאמונג פון די מעמבערס פאר זייערע האנד־
לונגען.

4) מיר פאדערען אויף יעדען מעמבער אויפמערקזאם צו מאכען
דעם אפים פון אזעלכע פלעצער און ווארנען זיי נים ארויפצוגעהן אר־
בייטען אהן ווארקינג קארדס.

ביי ארדער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 20
לואיס וועקסלער, מענעדזשער.
סעם פריעדמאן, סעקרעטער.

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, ו).
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט שלעפען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. II. No. 40 — New York, Friday, Oct. 1, 1920. — פרייטאג, 1טען אקטאבער — PRICE 3 CENTS

דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פסקנ'ט א קאנ־סטיטוציאנעלע שאלה וועגען לאקאל 25

פאר די מיטגליעדער פון אונזער אינ־טערנעשאנאל וועט געוויס ניט זיין קיין נייעס צו הערען, אז אין אונזער ווייסט און דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 25, קומט פאר א אינערליכער שטרייט. ווארים, ווען איז אין דעם לאקאל קיין אינערליכער שטרייט ניט געווען? אפילו אין די בעס־טע צייטען זיינען דארט דאס רוב גע־ווען פארשידענע פראקציעס מיט פאר־שידענע ריכטונגען. איצט אבער, איז די זאך געווארען פיעל ערנסטער.

ווי די לעזער וועלען זעהן, פון די סטייטמענטס פון מיטגליעדער פון לא־קאל 25, און אויך פון דעם ברוקלין בראנטש פון דער ווייסט מאכער יוניאן, וואס מיר גיבען דא איבער, וואס זיינען צוגעשיקט געווארען צום ספעציעלען מי־טינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וואס איז די וואך אפגעהאלטען געווארען אין ניו יארק, זיינען געמאכט געווארען קלאגען געגען דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25, דאס ער האט געפאסט א גע־וויסען באשלוס וואס איז געגען דער קאנ־סטיטוציע פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. דיזע קלאגען זיינען אויף דעם מיטינג גאנץ גענוי באטראכט געווארען און דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט ארויסגעגעבען זיין ענטשיידונג, וועלכע מיר דרוקען דא, גלייכצייטיג מיט די סטייטמענטס פון די מיטגליעדער פון לאקאל 25. איבערלעזענדיג ביידע דאקו־מענטען, וועלען די לעזער באקומען א קלארען באגריף וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

אט איז דער סטייטמענט פון די אונ־טערשריבענע מיטגליעדער פון לאקאל 25:

„צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשא־נאל לײדיס גארמענטס ווארקערס יוניאן:

„מיר, די אונטערצייכענטע, גוט־שטעהענדע מיטגליעדער פון לאקאל 25, ווינשען צו ציהען אייער אויפ־מערקזאמקייט צו א זעהר וויכטיגער זאך, וואס פאדערט זיך איהר זאלט עס באלד באטראכטען און האנדלען וועגען דעם.

„אויף א מיטינג, וואס איז לעצ־טענס אפגעהאלטען געווארען פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25, די ווייסט און דרעס מאכער יוניאן פון ניו יארק, איז באשטימט געווארען פארצוברענגען פאר די מיטגליעדער פון לאקאל א געוויסען פלאן, דאס די לעגיסלאטיווע און עקזעקוטיווע מאכט וואס דער לאקאל האט, צו פארהאנד־לען זיינע געשעפטען, זאל איבערגעגע־בען ווערען צו א גרופע פון שאפ טשער־ליים; איבערצוגעבען צו דער דער־מאנטער גרופע די מאכט און אויטאר־יטעט אויסצוקלייבען אן עקזעקוטיוו באארד פאר'ן לאקאל, און דאס דיזע גרופע זאל האבען די פולע אויטארי־טעט איבער אלע וויכטיגע זאכען וואס האבען צו טאן מיט לאקאל 25.

„דיזע האנדלונג, ווען אפילו עס זאל גוטגעהייסען ווערען דורך אן אפ־שטימונג פון די מיטגליעדער, פאר־לעצט בוכשטעבליך דעם סעקשאן נום. 6, פון ארטיקעל נום. 6, פון אונזער קאנסטיטוציע, וואס שרייבט פאר, דאס אלע בעאמטע פון דער יוניאן זאלען ערוועהלט ווערען דורך א באלאט פון די מיטגליעדער פון דער יוניאן. און דאס איז אויך א פארלעצונג פון סעק־שאן נום. 7 פון זעלבען ארטיקעל, וועל־כער שרייבט פאר, דאס די אנגעלעגענ־הייטען פון לאקאל זאלען קאנטראלירט ווערען דורך רעגולערע מעמבער־מי־טינגען.

„לויט דער קאנסטיטוציע פון אונ־דער אינטערנעשאנאל יוניאן, האט ניט דאס רעכט קיין עקזעקוטיוו באארד, און קיין לאקאל, זיך אפצוזאגען פון דער עקזעקוטיווער מאכט צו גונסטען פון אירגענד וועלכער גרופע פון מיט־גליעדער, און האט ניט קיין רעכט אוועקצונעהמען פון די מיטגליעדער דאס רעכט צו קאנטראלירען די אנגע־לעגענהייטען פון דער יוניאן.

„מיר האפען אז איהר וועט זעהען די געפאהר וואס שטעקט הינטער דער האנדלונג, אונטערצוגראבען די געזע־צען פון אונזער ארגאניזאציאן און שרי־טע וועלען גענומען ווערען דיזע פאר־לעצונג באלד גוט צו מאכען.”

מיט ברידערליכען גרוס, אונטער־שריבען):

הערי וויסגלאז,
לואיס פאספער,
דזשאזעף וואגמאן,
בערטא א. קאפלאן,
היימאן באזשארסקי,
איידא אבראמאוויטץ,
מארק קארמאן.

פון דעם זעלבען אינהאלט, כמעט אין די זעלבע ווערטער, איז צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד געשיקט געווארען א צווייטער סטייטמענט וועגען דער זעלבער אנגעלעגענהייט, פון א צאהל מיטגליעדער פון דעם ברוקלין בראנטש פון לאקאל 25. אויך דיזע מיטגליעדער פראטעסטירען, וואס עס ווערט געפלאנעוועט צוצונעה־מען די באשטימונגס-רעכט און מאכט פון דער מעמבערשיפ, און דאס איבערגעבען צו א גרופע שאפ-טשערלייט, און אויך זיי ווייזען אן, אז דאס איז געגען דער קאנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט ווארקערס יוניאן, און פאדערען אויף דעם דזשענעראל עקזעקו־טיוו באארד גלייך אויפצונעהמען די פרא־גע.

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט דעריבער ניט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי טאקע גלייך, אויף דעם ספע־ציעלען מיטינג, דאס אויפצונעהמען. די סיטואציע איז גאנץ גענוי באטראכט און דיסקוטירט געווארען און עס איז באשלא־סען געווארען צו שיקען צום עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 דעם פאלגענדען צושריפט:

סעפטעמבער דעם 28טען, 1920.

צום עקזעקוטיוו באארד און די גאנצע מעמבערשיפ פון דער ווייסט און דרעס מייקערס יו־ניאן, לאקאל 25, א. ל. ג. וו. י.

„דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער א. ל. ג. וו. י., אויף זיינע ספעציעלע זיצונגען פרייטאג און שבת, דעם 24טען און 25טען סעפ־טעמבער, 1920, האט אויסגעהערט קלאגען וואס זיינען פארגעבראכט גע־ווארען געגען דעם עקזעקוטיוו באארד פון אייער לאקאל אין וועלכע עס ווערט אנגעוויזען, אז ביי אייך ווערט גע־פלאנט איבערצוגעבען די עקזעקוטיוו מאכט פון אייער יוניאן צו א גרופע שאפ-טשערלייט; ס'זיינען אויך אויס־געהערט געווארען די ארגומענטען פון די פארטיידיגער, פון די באשאפער און אונטערשטיצער פון דעם פלאן, אז די מאכט און אויטאריטעט זאל איבער־געגעבען ווערען צו דער דערמאנטער גרופע. יעדער ארגומענט וואס איז ארויסגעבראכט געווארען פאר און גע־גען, איז גאנץ גענוי באטראכט געווא־רען און עס איז ארויסגעגעבען גע־ווארען די פאלגענדע ענטשיידונג:

„דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אנערקענט גאנץ און פול דאס רעכט פון יעדען מיטגליעד פון אונ־זער אינטערנעשאנאל, און פון יעדע גרופע פון מיטגליעדער, צו לאזען זיך הערען, צו אגיטירען די מיינונגען אין וועלכע זיי גלויבען עהרליך אז זיי זיי־נען די בעסטע, און אין די אינטערע־סען פאר דער פארבעסערונג פון דער לאגע פון די ארבייטער אין אונזער אר־גאניזאציאן. אזא רעכט וועט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ניט שטערען; פארקערט, ער וועט מיט אלע מעגליכקייטען מיטהעלפען צו ענטוויקלען אידעען און פלענער פאר דער ארגאניזאציאן, ווי נייע אדער אויסערגעוועהנליך זיי זאלען ניט זיין.

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד דענקט אבער, דאס די באשא־פונג פון א נייער קערפערשאפט אין לאקאל 25, מיט א געזעצגעבענדער מאכט און אויטאריטעט, נעמליך: אפ־צוגעבען די מאכט א גרופע שאפ־טשערלייט אויסצוקלייבען אן עקזעקו־טיוו באארד פאר'ן לאקאל און צו האנדלען מיט פולער אויטאריטעט אין אלע לעבענס-פראגען בנוגע דעם לא־קאל, — אזא דירעקטער ברוך געגען אונזער קאנסטיטוציע, מאכט אן אנ־גריף אויף די רעכטען פון די איינ־צעלנע מיטגליעדער און שאפט א פרע־צעדענט וועלכער, ווען מען זאל דאס דערלאזען, וועט פארניכטען דעם סאמע פרינציפ פון דעמאקראטיע, אויף וועל־כען אונזער ארגאניזאציאן איז באגרינ־דעט, און איז געווארען מעכטיג און איינפלוסרייך.

„סעקשאן נום. 6, פון ארטיקעל נום. 6 פון אונזער קאנסטיטוציע, שרייבט באזונדערס פאר די ערוועהלונג פון עקזעקוטיוו קאמיטעס און אנדערע קאמיטעס, פונ'ם „לאקאל יוניאן”. אונטער אונזער קאנסטיטוציע, און אין פארלויף פון אונזער גאנצער עקזיס־טענץ, איז אונטער'ן אויסדריק „לא־קאל יוניאן” אימער פארשטאנען גע־ווארען, די אלגעמיינע מעמבערשיפ פון לאקאל, און

(שלוס אויף זייט 16.)

ערב גענעראל-סטרייק ביי די ליידיס טיילארס אין באסטאן

ווייס פרעזידענט זיגמאן פאהרט אין באסטאן זעהן, וואס דארט קאן געטאן ווערען.

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט” ווייסען שוין, האט די ליידיס טיילארס יוניאן פון באסטאן, לאקאל 36, מיט א פאר וואכען צוריק ארויסגעשיקט א פאדע־רונג צו די באסעס אין דעם פאך צו בא־נייען דעם אגרימענט אין טרייד, וועלכער איז אויסגעגאנגען פארגאנגענעם 1טען אויגוסט. גלייכצייטיג האט די יוניאן אויפגעפאדערט דער באסעס אסאסיאיי־שאן צו א קאנפערענץ. די אסאסיאיישאן האט געענטפערט, אז זי קומט, אבער פארלויפיג איז פון דעם אלעם גאר ניט ארויסגעקומען, און עס האלט דארט ביי א גענעראל סטרייק פון די ליידיס טיילארס. די יוניאן טוט איהר בעסט א סטרייק צו פארמיידען, אבער אויב די באסעס וועלען בלייבען אזוי איינגע'אקשנ'ט ווי ביז יעצט, וועט א סטרייק זיין אונפארמייד־ליך.

די סיטואציע אין באסטאן איז די וואך אויפגענומען געווארען אויף דעם ספעציעלען מיטינג פון דזשענעראל עק־זעקוטיוו באארד, און עס איז באשלאסען געווארען אז ברודער מאריס זיגמאן זאל פארען זעהן וואס דארט קאן געטאן ווערען אין דעם איצטיגען מאמענט.

בעת די שורות ווערען געשריבען איז ברודער זיגמאן אין באסטאן, און עס איז נאך די וויילע שווער פארצוזאגען דעם אויסגאנג, ווי די זאך וועט זיך דארט אויסדרייען.

אין באסטאן איז לעצטענס אויך אויפגעהויבען געווארען א באוועגונג צו פאראייניגען אלע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל אונטער איין דזשאינט באארד, אדער א דיסטריקט קאונסיל, און ברודער זיגמאן וועט שוין פאר איין וועג אויך זעהן ווי עס האלט דארט מיט דעם, און וואס עס דארף געטאן ווערען די זאך זאל פארווירקליכט ווערען וואס גיכער, ווייל דאס וועט געוויס זיין לטובה פון אלע לאקאלס אין באסטאן. עס איז קיין פרא־גע ניט, אז א דזשאינט באארד, אדער א דיסטריקט קאונסיל, צוזאמענגעשטעלט פון אלע לאקאלס אין באסטאן וואלט א סך געהאלפען אויפצושטעלען אלע לא־קאלס צוזאמען און יעדען לאקאל באזונ־דער, אויף א בעסערען באדען. עס ווילט זיך האפען, אז א קערפערשאפט וועט דארט באלד געשאפען ווערען. וואס שנע־לער דאס וועט געטאן ווערען, אלץ בעסער וועט עס זיין פאר דער עקזיסטענץ פון יע־דען לאקאל באזונדער און פון אלע לא־קאלס צוזאמען.

גענעראל סטרייק אין באסטאן ערקלערט!

געהענדיג צום פרעס, אין דער לעצטער מינוט, האבען מיר באקומען א טעלעגרא־מע, אז א גענעראל-סטרייק פון ליידיס טיילארס איז היינט פריה, מיטוואך, דער־קלערט געווארען.

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט” נומער 40.

זייט 2. די וואך. — נ. שאווירא.
זייט 3. דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פון די שניידער פארבאנדען. — ב. שלעזינגער און דזש. שלאסבערג.
זייט 4. צווישען די קלאוקמאכער אין מאנטרעאל, קענעדע. — י. שובערט. ארגאניזאציאנס ארבייט אין סט. לואיס. — מאקס אמדור.
זייט 5. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25. — י. שעהנהאל. ביי די ליידיס טיילארס און סעמפעל־מאכער, לאקאל 3. — ה. הילפמאן. אין דער פינישערס יוניאן לאקאל 9. — איזידאר סארקין.
זייט 6. פילאדעלפיער נייעס. — א. נייר באער. אין דער דעזיינערס יוניאן, לאקאל 45. — ל. לינקאף.
זייט 7. באפרייט (ערצעהלונג).— אל גורית. ליעדער. — מ. סילווערמאן.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. עדיטאריעלע נאטיצען. א סיטי עדיטאר (פעליעטאן). — י. אדלער.
זייט 10. אויף עטליכע זיצונגען פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל. — ש. יאנאווסקי.
זייט 11. איז איצט מעגליך פארלאמענטארישע אקציאן אהן אינדוסטריעלער? — א. זעלדין. דער באלשעוויזם און די אידען-פראגע. — א. ש. זאקס.
זייט 12. פון מיין נאטיץ-בוך (ספעציעלע קארעספאנדענץ פון בערלין).—ש. פאלדאווסקי. ארום אונז אליין.—ה. לאנג.
זייט 13. קורצע שמועסען. פארשידענעס.
זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. אינטערנעשאנאל עדוקיישאנאל דעפארטמענט. דער סאציאליסטישער קאמפיין. די אמנעסטיע באוועגונג.

סאציאליסטישע פארטיי רופט די ארבייטער צו ווייטערע טעטיגקייט אין קומענדע קאמפיין

13 אסעמבלימען, 5 קאנגרעסמען, 3 סענאטארס און בראנקס אין גאנצען פאר דעבס'ען — איז איצט דער ציעל פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

גאנץ ניו יארק און גאנץ אמעריקא רעדט איצט וועגען דעם וואונדערבארען זיעג פון די סאציאליסטען אין די ספעציעלע עלעקשאנס לעצטען דאנערשטאג, אין ניו יארק.

מיט דער גאנצער עלעקשאן מאשינערי אין די הענד פון די שונאים, מיט ביידע פארטייען פאראייניגט מיט דער פאליס און געזעץ פון עלעקשאן באארד אויף זייער זייט, האבען דאך די ארבייטער פון ניו יארק, די עהרליכע בירגער פון ניו יארק, זיי צושלאגען און צוקלאפט אויף פיץ-פיצלעך.

דער רעזולטאט פון דעם ספעשעל עלעקשאן מיינט, אז מיט די נויטיגע מיטלען, מיט דעם נויטיגען ענטוזיאזם און מיט דער נויטיגער ארגאניזאציאן קענען די סאציאליסטען געווינען ביי דעם רעגעלען עלעקשאן דעם גרעסטען זיעג וואס זיי האבען ווען געהאט.

דער 6טער, 13טער, 19טער, 22טער און 23טען אסעמבלי דיסטריקטען אין ברוקלין; דער 4טער, 6טער, 8טער, 17טער און 18טער אסעמבלי דיסטריקטען אין בראנקס; 1 קאנגרעסמאן אין ברוקלין, 4 קאנגרעסמען אין ניו יארק און 1 אין די בראנקס; 3 סענאטארען און א מאיאריטעט פון סאציאליסטישע שטימען פאר גענאסע דעבס אין בראנקס — דעם ציעל קענען די סאציאליסטען פון ניו יארק דערגרייכען, ניט איבערטרייבענדיג זייערע קרעפטען, ניט ערווארטענדיג צופיעל.

שטעלט אייך פאר וואס דאס וועט מיינען פאר ניו יארק, וואס דאס וועט מיינען פאר אמעריקא, ווען דעבס, אונזער דעבס, וועט זיין דער ערשטער אין אזא ריזיגער שטאדט ווי די בראנקס;

שטעלט אייך פאר וואס דאס וועט מיינען פאר אמעריקא, אויב אנשטאט דעם איינציגען ארויסגעשמיסענעם בערגער'ן וועלען מיר פון ניו יארק אליין ארייגשיקען אין קאנגרעס הילקוויט, לאנדאן, לי און א'נעיל, אורויון און דושאזעפסאן.

שטעלט אייך פאר וואס עס וועט מיינען אויב צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער איסט וועלען סאציאליסטישע סענאטארען זיצען אין דעם סענאט פון ניו יארק, און 13 אנשטאט 5 אסעמבלימען אין דער אסעמבלי; שטעלט אייך פאר וואס דאס וועט מיינען פאר דעם פרעסטיזש, פאר דער מאכט, פאר'ן באוואוסטזיין פון די ניו יארקער יוניאנס, פון דער ניו יארקער ארבייטערשאפט, פון דעם פארטגעשריטענעם גערוק אין אמעריקא; וואס דאס וועט מיינען אין דעם קאמפיין צו באפרייען גענאסע דעבס און די אנדערע פאליטישע ארעסטירטע פון די אמעריקאנער דושיילס.

מיר ווענדען זיך דעריבער ווידער צו אלע יוניאנס, צו אלע ברענטשעס פון ארבייטער רינג, צו אלע ברענטשעס און לאקאלס פון דער סאציאליסטישער פארטיי, צו אלע אנדערע פארטגעשריטענע ארגאניזאציעס און צו אלע ארבייטער און באוואוסטזיניגע בירגער פון ניו יארק, זיי זאלען אונז געבען די נויטיגע אמוניציע, די נויטיגע געלד-מיטלען און שטיצע אום די פראקטישע פראגראם דורכצופיהרען, אום דיזען ערגרייכבארען ציעל צו ערגרייכען.

איהר האט אונז גרויסמוטיג און ברידערליך געשטיצט ביי דעם ספעשעל עלעקשאן, האלט אן דיזע גרויסמוטיגקייט און ברידערליכקייט; האלט אן און פארשטארקט דאס קלייבען פון געלד. האלט אן און פארשטארקט דעם שטענדיגען שטראם פון שטיצע, אהן וועלכען קיינע ערפאלגרייכע ארבייט קען ניט געטאן ווערען.

די סאציאליסטישע קאמפיין קאמיטע דארף שאפען אין ניו יארק נאך הונדערט און צוואנציג טויזענד דאל. ($120,000). זיי וועלען קומען שנעל און אהן אנשטרענגונג מיט דעם גייסט וואס די ארבייטער פון ניו יארק האבען באוויזען לעצטען דאנערשטאג.

שיקט אלע געלדער צום טרעזשורער פון סאציאליסטישען קאמפיין, אלדערמאן ב. טש. וולאדעק, 175 איסט בראדוויי, ניו יארק.

טהערעזא מאלקיעל, טשערמאן ס. פ. קאמפיין פינאנס קאמיטע, 1920.
ב. טשארני וולאדעק, טרעזשורער.
בערטהא מעילי, נאציאנאלע עקזעקוטיוו קאמיטע.
דזשוליוס גערבער, עקז. סעק., ל. ניו יארק ס. פ.
הענרי פראקטער, עקז. סעקרעטער, לאקאל קווינס ס. פ.
עדמונד זיידעל, עקז. סעקרעטער לאקאל בראנקס ס. פ.

וואס די פאראייניגטע טענאנטס-ארגאניזאציאנען טוען פאר די טענאנטס

די פאראייניגטע טענאנטס ארגאניזאציאנען, וועלכע האבען זייער אפיס אין 201 צווייטע עוועניו, טוען פיעל פאר די טענאנטס, און ספעציעל פאר די איסט סייד טענאנטס. פאר די לעצטע פאר וואכען זיינען אויף א פריעדליכען אופן געמאכט געווארען פיעלע סעטעלמענטס מיט לענדלארדס צו דער צופרידענהייט פון די טענאנטס. די פאלגענדע זיינען בלויז א קליינער טייל פון די פיעלע סעטעלמענטס, וואס זיינען געמאכט געווארען.

געסעטעלט מיט דעם לענדלארד קארענבלום, פון דער הויז 72 איסט 9טע סטריט, געמאכט אז ער זאל פיינטען און פיקסען אלעס, וואס איז נויטיג אין פערלויף פון צוויי מאנאטען צייט. געקראגען פאר די טענאנטס א ליעס אויף א יאהר צייט, געבענדיג דעם לענדלארד א רעיז אויף בלויז 4 פראצענט.

געסעטעלט מיט דעם לענדלארד ת. בארא, פון דער הויז 661 און 63 איסט 8טע סטריט; געמאכט אז דער לענדלארד זאל אוועקשיקען דעם אייזשענט, וועלכער פלעגט דערגעהן די טענאנטס די יאהרען; געמאכט, אז ער זאל אין פערלויף פון צוויי מאנאטען צייט פיינטען און פיקסען אלעס וואס איז נויטיג, געקראגען א ליעס פאר א יאהר צייט און מיט דער אויסנאהמע פון א פאר טענאנטס, וועלכע האבען געקראגען א קליינעם רעיז, איז געסעטעלט געווארען אויף דעם אלטען רענט.

געסעטעלט מיט דעם לענדלארד טעוואען, פון דער הויז 170 איסט הוסטאן סטריט, געמאכט צו פיינטען און פיקסען אלעס וואס איז נויטיג, געקראגען א ליעס אויף א יהר און געגעבען א רעיז פון בלויז 5 פראצענט.

געסעטעלט מיט דעם לענדלארד עפער פון דער הויז 133 עוועניו „די"; געמאכט איהם צו פיינטען און פיקסען אלעס וואס איז נויטיג און געקראגען פאר די טענענטס א ליעס אויף א יאהר, געבענדיג א רעיז אויף בלויז 8 פראצענט.

געסעטעלט מיט'ן לענדלארד גורמאן, פון דער הויז 57 איסט 1טע סט. געמאכט אז ער זאל פיינטען און פיקסען אלעס וואס איז נויטיג, געקראגען א ליעס אויף א יאהר, געבענדיג א רעיז אויף 10 פראצענט.

געסעטעלט מיט'ן לענדלארד גאלדבערג, פון דער הויז 142 איסט 4טע סט. געמאכט צו פיינטען און פיקסען אלעס און געקראגען פאר די טענאנטס א ליעס אויף א יאהר, געבענדיג א רעיז אויף בלויז 8 פראצענט.

עס וואלט פארנומען צופיעל פלאץ אויסצורעכענען אלע סעטעלמענטס וואס זיינען געמאכט געווארען. דיזע עטליכע וועלען געבען א באגריף ווי אזוי די פאראייניגטע טענאנטס ארגאניזאציאנען ארבייט פאר די אינטערעסען פון די טענענטס.

זאלען די איסט סייד טענאנטס, וועלכע האבען געקראגען נאטיס צו מופען און וועלכע זיינען נאך ניט ארגאניזירט, זיך ווענדען צו די פאראייניגטע טענאנטס ארגאניזאציאנען, אין 201 צווייטע עוו., דארט וועט מען זיי העלפען ארגאניזירען זיך און מען וועט זיי העלפען פייטען געגען די אונרעכטען פון די לענדלארדס. דער אפיס איז אפען יעדען טאג. פון 9 אין דער פריה ביז 7 אוהר אבענד.

די פאראייניגטע טענאנטס ארגאניזאציאנען איז געגרינדעט געווארען פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען מיט דעם צוועק צו העלפען די טענאנטס.

שטריקער סטרייק האלט נאך אן — פירמעס סעטלען.

דער סטרייק פון די שטריקער, וואס ציהט זיך שוין די 7טע וואך, איז אין א גוטען צושטאנד. יעדען טאג קומען אריין נייע סעטעלמענטס. לעצטע וואך האט די יוניאן אנאנסירט, אז א געוויסע פירמע האט געסעטעלט, נאר דער נאמען האט ניט געקענט צוליעב געוויסע אורזאכען פארעפענטליכט ווערען. איצט אנאנסירט די יוניאן, אז די פירמע באלאנגט צו דעם וויים פרעזידענט פון דער באסעס אסאסיאיישאן.

די יוניאן ערקלערט אויך, אז יעצט קען שוין קיין פראגע ניט זיין וועגען א סעטעלמענט מיט דער אסאסיאיישאן אלס א גאנצע. יעדער מאנופעקטשורער וועט מוזען סעטלען מיט דער יוניאן באזונדער. מעהר ווי א העלפט פון די אסאסיאיישאן שעפער האבען שוין געסעטעלט מיט דער יוניאן. די ארבייטער זיינען פעסט ענטשלאסען צו שטעהן אין סטרייק אזוי לאנג ביז א פולשטענדיגער זיעג וועט אויסגעקעמפט ווערען. עס איז בלויז א פראגע פון א קורצער צייט און אלע באסעס וועלען קומען אין דער יוניאן סעטלען.

די טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

(שלוס פון זייט 1.)

ביטער-בילדונג גיט זיך א סך אפ אט מיט דער פראבלעם. כסדר ווערט געזוכט מיטעל און וועגען, ווי אזוי צו פאראינטערעסירען אבי מעהר מיטגליעדער פון אונזער גרויסער מעמבערשיפ וואס זאלען זיך באטייליגען אין אונזערע קלאסען און קורסען, וואס די יוניאן גיט פ ר י, ווער עס וויל נור לערנען.

צווישען די פלענער וואס זיינען פארגעבראכט געווארען מכוח דעם, איז דא איינער, וואס פאררייענט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט. דער פלאן באשטעהט אין דעם, דאס יעדער לאקאל יוניאן זאל צושטעלען דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט א צעטעל מיט נעמען פון הונדערט-לינגענטע טוער, אין קרעפטען, וואס זאלען גרויס פון לאקאל, פון די אינטעליגענטערע מיטגליעדער. די עדיוקיישאנאל קאמיטע וועט זיי רופען צו א מיטינג און דער פאקולטעט פון אונזערע לעהרער וועט זיך מיט דיזע גרופען בארעטען, וואס זיי רענקען עס וואלט גוט געווען צו לערנען אין די קלאסען.

עס ווערט אויך געפלאנעוועט אט פאר די גרופען צו געבען ספעציעלע לעקטשורס, אום זיי צו העלפען זיך ווייטער ענטוויקלען, ווי זאלען קאנען זייער אינטעליגענץ באנוצען פאר עפעס גוטעס, פאר עפעס ממשות'דיגעס. די ארבייטער באוועגונג נויטיגט זיך זעהר אין אינטעליגענטע טוער, אין קרעפטען, וואס זאלען קאנען אונטערנעמען פאראנטווארטליכע שטעלען אין דער באוועגונג און האבען ערפאלג. ווארים איהר דארפט וויסען, אז זייער ערפאלג מיינט אלעמענס ערפאלג, מיינט דער ערפאלג פון אונזער ארבייטער באוועגונג.

אין קורצען, קיין מיה ווערט ניט געשפארט צו מאכען אליין א גרעסערען ערפאלג אויף דעם געביט פון אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט, און עס איז צו האפען, אז די ארבייט וועט דאך געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

* * *

דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט ניט לאנג צוריק ארויסגעלאזען א ציירקולאר, אין אידיש און ענגליש, אונטער דער קעפעל: „ו י ס ע ן א י ז מ א כ ט !" — פון וועלכען מיר נעהמען ארויס די פאלגענדע שטעלען:

„וויסען הייסט בילדונג, דאס איז די שטארקסטע מאכט, וואס באוועגט די וועלט פארווערטס, און איז די איינציגע מאכט, וועלכע איז היינט פונקט אזוי צוגענגליך פאר'ן ארבייטער ווי פאר'ן קאפיטאליסט. וואס מעהר אויפקלערונג און בילדונג דער ארבייטער וועט ערווערבען, אלץ שטארקער און מעכטיגער וועט ער ווערען און אלץ נעהענטער וועט עס איהם ברענגען צו זיין ציעל פון ענדליכער און פולשטענדיגער באפרייאונג.

„די שטארקייט פון אן ארבייטער-ארגאניזאציע ווערט היינט געמאסטען ניט לויט דער צאהל פון איהרע מיטגליעדער, נאר לויט דעם, וואס פאר א סארט מיטגליעדער זי פארמאגט, דאס הייסט — וויפיעל די מיטגליעדער זיינען אויפגעקלערט און ווי גרויס עס איז זייער קלאסען באוואוסטזיין.

„אויב איהר ווילט ניט זיין אפגעשטאנען פון'ם מאדערנעם לעבען; אויב איהר ווילט זיך אויפהויבען צו א העכערען, שעהנערען און זיכערערען פלאץ אינ'ם געזעלשאפטליכען לעבען — מוזט איהר זיך בילדען, מוזט איהר בארייכערען אייער וויסען!

„די בעסטע געלעגענהייט דערצו גיט אייך די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, דורך איהרע בילדונגס-סענטערס, באזונדערס אלס יוניטי סענטערס, וועלכע זי האט ארגאניזירט אין אלע טיילען פון ניו יארק און ברוקלין. אין די דאזיגע יוניטי סענטערס קען יעדער מיטגליעד פון דער אינטערנעשאנאל קריגען א סיסטעמאטישע אונטעררינכטונג אין דער ענגלישער שפראך, ארימעטיק, עקאנאמיע, ליטעראטור, קונסט, מוזיק, היגייענא און אז. וו. דארט ווערט אויך אויפגעפאסט אויף די געזונט און דעם קערפער פון די שילער דורך אטלעטישע איבונגען, טענץ, גימנאסטיק און אלערליי שפילען. אויך ווערען דארט באזארגט (צו רעדוצירטע פרייזען) טיקעטס פאר מיטגליעדער צו קאנצערטען און קלאסישער מוזיק.

„פארפעהלט ניט די געלעגענהייט זיך צו בילדען און געווינען וואס מעהר וויסען. געדענקט, אז וויסען איז מאכט!"

די יוניטי סענטערס פון דער אינטערנעשאנאל.

די יוניטי סענטערס פון אונזער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן האט זיך געעפענט דעם 15טען סעפטעמבער.

ווילט איהר נעהמען א קורס אין היסטארי און פראבלעמען און ארבייטער-באוועגונג; לערנען ווי צו רעדען, לעזען און שרייבען ענגליש; שטודירען עקאנאמיקס, סיוויקס, אמעריקאן היסטארי, מאדערנע ליטעראטור; אטענדען לעקטשורס איבער געזונדהייט ביי בארימטע דאקטוירים; נעהמען גימנאסטישע איבונגען פון עקספערט לעהרער? —

דאן רעדזשיסטרירט זיך גלייך אין דעם נאהענטסטען יוניטי סענטער אדער אין אפיס פון דער יוניאן.

דאס זיינען די פלעצער וואו די יוניטי סענטערס געפינען זיך:

בראנזוויל יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 84, גלענמאר און סטאון עוום.

בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 54, אינטערוויל עווע. און פרימאן סטריט.

2טער בראנקס יוניטי סענטער — פ. ס. 42, וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקוויי.

איסט סייד יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 63, 4טע סטריט, ניער 1טע עוועניו.

הארלעם יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 171, 103טע און 104טע סטס., צווישען מעדיסאן און 5טע עוועס.

וועסט סייד יוניטי סענטער — פאבליס סקוהל, 320 איסט 20טע סטריט, מאנהעטען.

נאך א יוניטי סענטער אין די בראנקס.

אויפ'ן פארלאנג פון אונזערע מיטגליעדער האבען מיר געעפענט אין די בראנקס נאך א יוניטי סענטער. דער יוניטי סענטער געפינט זיך אין פאבליק סקוהל 43, בראון פלייס און 135טע סט.

די מיטגליעדער פון אונזערע לאקאלס אין יענעם געגענד זאלען זיך גלייך רעדזשיסטרירען פאר די קלאסען און קורסען.

בילינגע טיקעטס פאר קלאסישע קאנצערטען.

אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער, אויך אין אפיס פון דער וועיסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25, קאן מען באקומען טיקעטס פאר די גרויסארטיגע קאנצערטען זונטאג ביי נאכט, אין לעקסינגטאן טעאטער, לעקסינגטאן עוועניו און 51טע סט. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז געלונגען צו באקומען די טיקעטס צו רעדוצירטע פרייזען, איהר באקומט זיי פאר א סך בילינגער ווי זיי קאסטען אין באקס אפיס פון טעאטער. באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט צו הערען גוטע מוזיק און זאל אייך קיין סך ניט קאסטען.

עס איז פאראן אן אויסזיכט, מען זאל דורך דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט קאנען באקומען טיקעטס פאר נאך אנדערע קאנצערטען, אבער וועגען דעם א צווייטען מאל.

פארניטשור-ארבייטער ארויס אין סטרייק.

3000 פוירניטשור ארבייטער פון 82 פוירניטשור פאבריקען, די מעהרסטע פון די „ניו יארק טייבל מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן", זיינען די וואך ארויס אין סטרייק. מיטוואך ביינאכט האט דער דיסטריקט קאונסיל פון די פוירניטשור ארבייטער געשטימט פאר א סטרייק, וועלכער האט זיך אנגעפאנגען דאנערשטאג 10 א זייגער אין דער פריה.

א סטרייק מיטינג איז גלייך אפגעהאלטען געווארען אין 73 עלען סטריט, וואו עס וועלען זיך געפינען די סטרייק העדקווארטערס.

דזשייקאב שולמאן, ביזנעס אייזשענט פון דעם דיסטריקט קאונסיל, האט באלד אויף צו מארגענס באקאנט געמאכט, אז 15 באסעס האבען גלייך געסעטעלט, און זייערע ארבייטער וועלען באלד זיין צוריק ביי דער ארבייט. איינער פון די 15 באסעס איז אן אסאסיאיישאן-באס.

די קארפענטערס פאדערען א העכערונג פון 5 דאלאר א וואך. די איצטיגע וויידזשעס זיינען פון 32 ביז 45 דאלאר א וואך. עס ווערט ערווארטעט, אז די נים-יוניאן שעפער וועלען אויך ארונטערגענומען ווערען, און די גאנצע פוירניטשור אינדוסטריע אין ניו יארק וועט פאראלזירט ווערען.